STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05129

# DI LETSTE NESIE

Robert Falcon Scott

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאפּיטאן סקאָט.

# די לעצטע נסיעה

יידיש: א. ש—ר אָ.

Bequest of the late
S. L. NATHANSON

פארלאג / ב. שימין /

יואַרשע 1922

**WARSZAWA—1919**
Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6.

# פאָרװאָרט.

4459

אויסערלאַך זעט עס אויס, איז שקאָט לחלוטין נישט ענלאַך צו יענע אייזערנע פאָל-זוכער, וואָס זיינען געגאַנגען אַן עק וועלט מיט פרייע, לייכטע געמיטער, מיט פריילאַכע וויצן און בראַווע מאַטראָזן-לידלאַך אויף די ליפּן. שקאָטן האָט די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט זיין שלעכט נערוונסיסטעם. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן וועטער און פאַר די שנייען און פאַרן אייז און פאַר די שטורמס און פאַרן פּראָוויאַנט און פאַר די הינט און אַז. וו., און אַז. וו. ער האָט זיך שטענדיק געשראָקן און שטענדיק געזוכט מיט פּחד אויפן כמאַרנעם הימל און אויפן אומבאַוועגלאַכן אייז. אומעטום, אין אַלץ האָט ער געזען געפערלאַכע שונאים: אין די שנייען, אין ווינט, אפילו אין דער זון. עפטער פאַלט אים פון דער צונג אַראָפּ: „עס איז שלעכט", „מיר זיינען פאַרפאַלן", „גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען", „וואָס טוט מען?", „נישטאָ קיין עצה", „דער סוף איז געקומען", „ווי צו אונז", „אין גאָט קאָן נאָר העלפען", „וואָס וועט עס זיין?..."

דאָס שלעכטע נערוונסיסטעם שפּירט זיך אין יעדן זייטל, אין יעדער שורה פונם טאָגבוך.

אָבער אַ וואונדערלאַכע זאַך: אונטער דעמדאָזיקן נערוונסיסטעם, אונטער דערדאָזיקער שוואַכקייט, אונטער די זיפצן און מאַטע ווערטער ליגט באַהאַלטן אַן אוצר פון גבורה און ווילן. אַ טאָפּעלער מענטש: איינער איז אַ שטיק גראַניט, דער צווייטער איז ווייך און האָט טרערן אויף די אויגן. איינער שווייגט און קוקט מיט פאַרפרעסטע ליפּן אַרום זיך, דער צווייטער פאַרברעכט די הענט פון פּחד. דער שטאַרקער איז טעטיק, דער שוואַכער קאָן נאָר ריידן און שרייבן. דער שוואַכער האָט אָנגעשריבן דאָס טאָגבוך, דער שטאַרקער האָט געטריבן די עקספּעדיציע צום דרומפּאָל. בוכשטעבלאַך—געטריבן. עס איז געווען: שקאָט דער שטאַרקער און שקאָט דער שוואַכער. אין וועג, אויף די הויכע אייזבערג, דאָרט, וואו מען האָט געקאָנט ברעכן האַלז און אַקן, דאָרט, וואו מען האָט געהונגערט, געליטן, זיך געראַנגלט און געוואָרפן ווי קליינינקע שוואַרצע פּינטעלאַך אויפן ברייטן טויטן פּאָן פון אייז און שניי, האָט זיך מעכטיק אַרויסגערוקט שקאָט דער שטאַרקער, וואָס האָט צוגעגעבן מוט זיינע פאַרשמאַכטע לייט און האָט זיי מיט איין אָטעם געטריבן פאָרויס און פאָרויס. ער איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן און געצויגן נאָך זיך זיינע האַלב-טויטע חברים. יעדן דורכגעלאָפענעם וויאָרסט האָט ער געציילט מיט דער שמחה פון אַ בעטלער, וואָס באַחשבונט זיינע צוגעקומענע מינצן.

נאָר אין לאַגער, ביי אַן אָפּרו-פּונקט, דאָרט, וואו דער אימפּעט איז געפאַלן, וואו די פיס האָבן גענאָיעט, דער רוקן האָט געבראָכן און דער קאָפּ האָט געשווינדלט פון ספקות און אַנגסט, האָט זיך באַוויזן שקאָט דער שוואַכער מיט אַ פּעדער אין האַנט, און די פּעדער האָט פאַרצייכנט:

„וועגן גיין ווייטער האָט גאָרנישט געקאָנט זיין קיין רייד: עוואַנסעס שליטן האָט נישט געקאָנט גיין גלייך מיט אונז און ווילסאָן האָט מיר געמאַכט אַ באַאומרוהיגלאַכע מעלדונג וועגן זיין אָפּטיילונג. רייט האָט שוין מער קיין כּוח נישט. לעסליי טויג זיך נישט צום שלעפּן אַ שליטן. ווען די חברים הויבן אָן צו פאַלן, וואָס זאָל דאַן ווערן?...״

באַלד אָבער פאַרגעסט ער דערין, וואָס ער האָט געשריבן, הויבט-אויף די מענטשן אין זייער מידקייט און טרייבט זיי ווייטער, ווייטער און לויפט מיט זיי אין איין אָטעם צווישן אייז און הימל, הימל און אייז. פאַרלייגט מען אָבער אַ לאַגער, שרייבט ער:

„13 דעצ. אַ פאַרשאָלטענער גרויזאַמער טאָג! מיר זיינען אַרויס אין וועג אַכט אינדערפרי. ס׳איז שרעקלאַך שווער געווען צו שלעפּן. ווילעוויז האָבן מיר אָנגעטראָפן פאַרפראָרענעם שניי, וואָס האָט אונז געקאָנט פאַרהאַלטן אויף זיך, אָבער עס איז געווען צו-גלאַט. יעדע מינוט האָבן מיר זיך אויסגעגליטשט און די שליטנס זיינען דערביי אַריינגעפאַלן טיף אין שניי.״

אין אַן אַנדער אָרט:

„אַלץ גייט באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ! די צווייטע העלפט פון היינטיקן וועג האָט אונז פאַרשאַפט גרויסע יסורים. ווען מיר זיינען אַרויף אויפן באַרג, האָבן מיר דערזען אַ געגנט מיט אייזשפּאַלטן און מיר האָבן אויף אַ שרעקלאַכן אופן זיך געפּיי-ניקט אַ שעה צייט״.

נאָך אַזוינע שורות—ווי ווייט איז נאָך צו טרערן? עס דאַכט זיך, אַז אָט צעוויינט ער זיך. באַלד אָבער רייסט זיך אַרויס שקאָט דער שטאַרקער און לויפט ווייטער צום פּאָל. דאָס איז אַ טראַגישער מענטש. אַ מענטש פון אינערלאַכן קאַמף און פּיינ-לאַכע איבערלעבענישן. זיין שטאַרקייט פאַרצערט די שוואַכקייט,

די שוואַכקייט אָבער האָט די פעהיקייט פון דאָסניי געבוירן צו ווערן. און דעריבער פאַלט אַ רויטער טראַגישער אָפשיין אויף אַלע זיינע אונטערנעמונגען און מעשים.

פון אָנהויב גייט אפילו אַלץ כשורה, אין גרויס אָרדנונג און הצלחה. אָבער אַז מען לייענט דאָס בוך נישט בלויז מיט די אויגן, נאָר אויך מיט האַרץ—און אַזאַ בוך לייענט זיך מיט האַרץ—דערשפירט מען באַלד פון די ערשטע בלעטלאַך, אַז עס וואַרט עפּיס אַ שרעקלאַכער סוף פאַר די לייט פון דערדאָזיקער שקאָט-עקספעדיציע. און דער סוף איז געווען נאָכמער ווי שרעקלאַך—ער איז געווען עטוואָס לעכערלאַך: שקאָט האָט אַנט-דעקט אַן אַנטדעקטן פּאָל! דאָס קלינגט ווי אַ קוריאָז, ווי אַ וויץ, אָבער נישט אין אַ סאַלאָן, נאָר צווישן בייזע אייז-פעלדער, אונטער אַ קאַלטן מרה-שחורהדיקן הימל, וואו מענטשן האָבן דורכגעמאַכט אין גרויסע יסורים און נויט טויזנטער קילאָ-מעטער. אַמונדסען האָט אים אויסגעכאַפּט דעם פּאָל, ווי אַ גאָלדענעם עפּל, פון די הענט, אַמונדסען—דער מענטש פון אַ קליין מלוכהלע, פון נאָרוועגן, בעת ער, שקאָט, געהער צו איינגלאַנד, צו דער גרעסטער וועלטמאַכט. דאָס איז דאָך אַ פּאַטש אין פּנים גאַנץ איינגלאַנד, אַ האַלבער וועלט. איצט באַ-דאַרף זיך שעמען נישט בלויז שקאָט אַליין, נאָר יעדער מאַן, וואָס האָט נאָר עטוואָס בריטיש בלוט אין זיך. מען קאָן נאָך גיין ווייטער: עס איז געווען אַ קאַמף פאַרן פּאָל נישט בלויז צווישן צוויי מענטשן, נאָר צווישן צוויי מלוכות, צווישן צוויי פעלקער, אפילו צווישן צוויי יאָרהונדערטער, אפילו צווישן צוויי געשיכטעס, און דאָס קליינע שוואַכע נאָרוועגן האָט באַזיגט דאָס שטאַרקע איינגלאַנד. איינגלאַנד איז געפאַלן דורך אַ קליין שוואַך הענטל. שקאָט האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. זיין פאַרצווייפל-טער בליק האָט זיך קריינקלאַך געגראָבן אין דערדאָזיקער אומ-

געהערטער קאַטאַסטראָפע, און אַ וויסטע קעלט האָט אים פאַרגליווערט דאָס האַרץ. אים האָט זיך זיכֿער געדאַכֿט, אַז דער גלאַנץ פון איינגלאַנד איז אויף אייבֿיק פאַרלאָשן געוואָרן. איינגלאַנד איז אונטערגעגאַנגען דורך שקאָטן. און נאָך ערגער: שקאָט איז נישט געווען אַזאַ שלעכֿטער פּאָל-קאַפּיטאַן, ווי אַ שלים-מזל, אַ נעבאַך, אַ שלאַק, וואָס איז געקומען צום פּאָל, וואָס האָט דערגרייכֿט דעם פּאָל, אָבער ער האָט, ווי אַלע שלים-מזלס, פאַרזען איין זאַך: ער האָט געלאָזט אַמונדסענען קומען פריער פאַר זיך... ער האָט פאַרשפּעטיקט.

שקאָט האָט זיך נאָך אפילו פריער געשראָקן דערפאַר. „ס'איז עפּיס אַ רייצנדיקער געדאַנק, — פאַרצייכֿנט ער שטיל אין זיין נאָטיצביכֿל, — אַז מיר געפינען זיך בלויז צוויי מאַרשן ווייט פון דרום-פּאָל. מיר מוזן אַהין קומען, זאָל עס קאָסטן, וואָס עס וויל! איצט שרעק איך מיך נאָר פאַר איין זאַך: אפשר געפינען מיר דאָרט די נאָרוועגישע פאָן און זי וועט פלאַטערן אָנשטאָט אונזערע. דער פּאָל וועט געהערן צו נאָרוועגן!"

עס איז, אַלזאָ, געווען אַ גרעסערע מניעה פון די טויזנטער אייז-קילאָמעטער, פון די שוואַרצע פּאָל-זאַווערוכֿעס, אפילו פונם הונגער, קעלט און קראַנקהייטן — אַמונדסען איז געווען אַ מענטש, וואָס זיינע זיכֿערע טריט אין שניי זיינען פאַרלאָפן שקאָטן דעם וועג. אין עטלאַכֿע טעג אַרום איז דאָס אומגליק איינגאַנצן קלאָר געוואָרן. „די נאָרוועגער האָבן פאַר אונז זיך געפעדערט — פאַרצייכֿנט שקאָט מיט דעם פיינלאַכֿסטן ווייטאָג ביי זיך אין ביכֿעלע. — אַמונדסען איז דער ערשטער געקומען צום פּאָל. אַ מוראדיקע אַנטוישונג! אָבער קיין זאַך פייניקט מיך נישט אַזוי, ווי די מראה פון מיינע

עלנטע געטרייע חברים, אַלע אָנשטריינגונגען, אַלע יסורים און אַלע איבערמענטשלאַכע אַרבעטן, אַלע פאַרצווייפלטע טעג, וואָכן און חדשים, דאָס ליידן הונגער און קעלט—איצט פרעגט זיך צוליב וואָס? צוליב גאָרנישט, אַ־יסער חלומות—חלומות איבער אַ טאָג, וועלכער האָט זיך נישט פאַרווירקלאַכט!..

ווען רו האָבן מיר אין דער נאַכט שוין גאָרנישט געקאָנט טראַכטן. מיר האָבן נישט געקאָנט שלאָפן. וואָס הייסט עס אַנט־דעקן אַן אַנטדעקטן פּאָל? אַלע געדאַנקען אונזערע און אַלע ווערטער, וואָס מיר האָבן געלאָזט פאַלן, אַלץ האָט זיך געענ־דיקט מיט איין וואָרט: „צו-שפּעט!"

מיט די לעצטע כוחות, מיט די לעצטע אָנשטריינגונגען האָט זיך דאָס הייפל מענטשן דערשלאָגן צום פּאָל, און שקאָט פאַרצייכנט ביטער אין נאָטיצביכל: „מיר האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דעם ציל (צום פּאָל) פון אונזער נסיעה און אונזער תאוה צו כבוד. פאַר אונז ליגט איצט אַ וועג פון טויזנט פינפהונדערט קילאָמעטער ביז אונזער ווינטער־קוואַרטיר, טויזנט פינפהונדערט קילאָמעטער פון שליטן-שלעפּעניש, טויזנט פינפהונדערט קילאָמע־טער פון הונגער און קעלט און אַלערליי דחקות און ענוים.

אָ, דו חלום פון מיינע טעג—איך שיק דיר אַ זיי-געזונט!.."

דאָס איז געווען אַ זיי-געזונט נישט בלויז זיין חלום, נאָר אויך זיין גאַנץ לעבן. שקאָט האָט צוגעמאַכט די אויגן אויף די ווי־סטע אייזפעלדער פונם דרום-פּאָל צוזאַמען מיט זיינע געטרייע חברים. דער טויט האָט באַרוהיקט זיין מיד האַרץ.

גרויסע יסורים באַפּוצן אַ מענטשן, ווי דער ווייסער קאָקיקער שוים באַפּוצט אַ הויכע כוואַליע, און שקאָט דער אַנטדעקער פון אַן אַנטדעקטן פּאָל ווערט אונז טייערער און ליבער פון אַמונד־סענען, דעם אַנטדעקער פון אַ נישט-אַנטדעקטן פּאָל. גליק איז

שיין, דאָס אומגליק איז טיילמאָל אָבער שענער. און זיין גאַנ־צע גרויל-נסיעה, וואָס האָט געהאַט אַזאַ וויסטן סוף, ציט אים אַרויס פון יענעם העלן ווינקעלע, וואו עס נעסטיקן זיך די גליקלאַכע פאָרשער און אַנטדעקער און שטעלט אים אַוועק אויף דער שטילער צאַרטער הויכקייט פון קדושה און מאַרטירעריי. אויף זיין גאַנץ וועזן פאַלט אַ הייליקער שיין, וואָס דערוואַרימט אונז טיילמאָל מער, ווי דער פלאַקער פון אַ גליקלאַכער אַנטדע־קונג. אין דעמדאָזיקן שיין פאַרלירן מיר זיך נישט, מיר ווערן נישט פאַרבלענדט, ווייל מיר זעען קלאָר די גרויס און שיינ־קייט, די ליידן און יסורים פון אַ נשמה. זיין נסיעה האָט אונז געוויזן אַ מוסטער פון איבערמענטשלאַכער גבורה צוזאַמען מיט אַ מענטשלאַכער טרער, און דאָס טאָגבוך, וואָס איז געבליבן פון דערדאָזיקער מערקווירדיקער נסיעה, קאָן מיט רעכט געהאַלטן ווערן פאַר איינס פון די אינטימסטע און הארציקסטע ביכער אין דער פאָל־ליטעראַטור.

דאָס איז אַ בוך פון מענטשלאַכער שיינקייט, קדושה און מאַר־טירעריי.

ד. ק

Bequest of the late
S. L. NATHANSON
צום אנדענקען פון
ש. ל. נאטאנזאהן ז״ל

# דער ערשטער אַרויספאָר.

די שיף „טעררא נאָוואַ", וואָס האָט מיך געדאַרפט אָפּפירן צום פאָלאַרלאַנד, ביים דרום-פאָל, האָט פאַרלאָזן לאָנדאָן דעם 1-טן יוני 1910 מיט אַלע לייט, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער עקספעדיציע. ווען די שיף איז געקומען צו נייזעלאַנד, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט אַ שפּאַלט, און זי האָט געמוזט דריי וואָכן לאַנג רעפעּרירט ווערן אין דער שיפספאַבריק. אָבער אויך נאָך דער רעפּעראַציע איז נאָך אַלץ אַריינגעדרונגען וואַסער אין שיף, ווייל זי איז געווען אַ הילצערנע. טאָג-טעגלאַך האָט מען געמוזט אַרבעטן אַ פערטל שעה מיט דער פאָמפּע, כּדי אויסצושעפּן דאָס אַנגעקוואָלענע וואַסער. זונטאָג, דעם 27 נאָוועמבער, בין איך געקומען אין פּאָרט טשאַלמער אין נייזעלאַנד. דאָרט האָב איך זיך געזעצט אויפן שיף, און דינסטאָג, דעם 29־טן, האַלב דריי נאָכמיטאָג, האָבן מיר, ביי אַ שיינעם זוניקן וועטער אַנטגילטיק פאַרלאָזט די יבשה און זיינען אָפּגעפאָרן צום דרום.

1-ער דעצעמבער. איבער נאַכט איז דער ווינט געוואָרן שטאַרקער. די שיף האָט זיך אַזוי שטאַרק געשאָקלט, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אויפן ים זיינען געגאַנגען הויכע כוואַליעס, און ביי אַזעלכע באַדינגונגען שטעלט פאָר די שיף מיט זיך אַ גאַנץ נישט-היימלאַך בילד. לייטענאַנט בויער איז אַ גרויסער בריה, האָט ער אַזוי פאַרפאַקט די שיף מיט פּראָוויאַנט, אַז עס איז נישטאָ קיין ליידיק אָרט נישט אויבן, נישט אונטן. אונ-

טער דער גרויסער עפענונג געפינט זיך פּראָוויאַנט און אַ טייל געהילץ, וואָס מיר האָבן אָנגעגרייט צו בויען זיך שפּעטער אַ הייזל. איבער דער עפענונג ליגט דער רעשט געהילץ, ווי אויך די שליטנס און די באַוואָפנונג פאַר דער נסיעה אויף דער יבשה אַרום דעם פּאָל, און אַלערליי אינסטרומענטן און מאַשינעס פאַר די געלערנטע חברים פון דער עקספּעדיציע.

אין איין אָפּטיילונג פון שיף, אונטן, געפינט זיך אַ שטאַל פאַר 15 מאַנדזשורישע פּאָניס (קליין-געוויקסיקע פערד). 7 פון זיי שטייען אין איין זייט, 8 קעגנאיבער. די פּאָניס שטייען אַלע אַ קאָפּ-צו-אַ-קאָפּ. דורך אַ לאָך אין דער וואַנט קאָן מען זיי איצט זען, ווי זיי שטייען מיט טרויעריקע אויגן און שאָקלען זיך גע-דולדיק צוזאַמען מיט די כוואַליעס אַהין און אַהער. די וואָכנ-לאַנגע נסיעה וועט זיין פאַר די דאָזיקע אָרימע פערד אַ שווערער פּרוב. נעבן שטאַל געפינט זיך אַן אָפּטיילונג מיט 5000 קילאָ פּאַשע, און דאָרט באַלעבאַטעוועט מיין רוסישער פערדשומר אַנ-טאָן, וואָס ליידט זייער שווער פון דער ים-קראַנקהייט. פונדעסט-וועגן האָט ער נעכטן אין אָוונט אויסגערויכערט אַ ציגאַר.

—נישט גוט!—האָט ער זיך געקלאָגט פאַרן ראָטמיסטער דייטש, רייבנדיק זיך דעם בויך.

אויפן שיף זיינען פאַראַן נאָך 4 פּאָניס, וועלכע שטייען אין אַ באַזונדערן שטאַרקן הילצערנעם שטייג, אונטער אַ דאַך פון זעגל-טוך. זייער לאַגע איז פיל בעסער, ווי די לאַגע פון זייערע 15 חברים.

הינטער דער פאָדערשטער עפענונג געפינט זיך דער אייזקעלער מיט 180 פּוד אייז; דאָרט ליגן 162 געשאָכטענע שעפּסן, דריי בהמות און עטלעכע קאַסטנס מילך. הינטערן אייזקעלער שטייען צוויי גרויסע קאַסטנס, אין וועלכע עס ליגן פּאַרפּאַקט צוויי מאָ-טאָרשליטנס. אַ דריטער שליטן ליגט קווער איבער דער עפענונג. די קאַסטנס זיינען צוגעדעקט מיט זעגלטוך און צוגעבונדן צום באָדן מיט גראָבע שטריק און קייטן. אין שטאַרקע הילצערנע קאַסטנס שטייען בלעכענע כלים מיט נאַפט פאַר די מאָטאָר-שליטנס, ווי אויך 150 פּוד אייל. אין אַנדערע ערטער אויפן

שיף שטייען נאָך כּלים מיט נאַפט, מיט פּאַראַפין־אייל און אַל־קאָהאָל. צווישן די קאַסטנס געפינען זיך זעק מיט קוילן, וואָס וועלן מסתמא באַלד פאַרשווינדן, ווייל די „טעררא נאָווא" פאַר־ברויכט זייער פיל קוילן—480 פוד אַ טאָג!

דערמיט אָבער ענדיקט זיך נאָך נישט דער כאַאָס אויף דער שיף: דאָ זיינען נאָך פאַראַן 33 הינט, וואָס 31 פון זיי זיינען סיבירישע. דידאָזיקע הינט זיינען אַזוי ווילד, אַז מען מוז זיי האַלטן געשמידט אין קייטן. אָבער אויך זייער לאַגע איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. די כוואַליעס ברעכן זיך אַלע ווײַלע איבערן שיף, און די הינט ווערן אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטער וואַנע,—בילן זיי און וואָיען, פּשוט אַ רחמנות צו הערן. זיי פּאַשעט מען טעג־לאַך מיט 300 פוד הינטקוכן. דידאָזיקע פּאַשע ליגט פאַרשטאָפּט אין אַלע לעכער פון שיף.

ווי אַזוי קאָנען מיר, פיראונצוואַנציק אָפיצירן, זיך געפינען אַן אָרט אין דער קליינער קאַיוטע,—איז פאַר מיר פּשוט אַ רעטע־ניש. אמת, אַ טייל פון אונז געפינט זיך שטענדיק אויף דער וואַך. אָבער פונדעסטוועגן איז ביי אונז שרעקלאַך איינג.

2-טן דעצ. שוין אַן אומגליקסטאָג! אַרום פיר אַ זייגער ביינאַכט האָט אַ פרישער ווינט אָנגעהויבן צו בלאָזן מיט אַ געוואַלטיקער קראַפט. די שיף האָט שווער געקעמפט און איז אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער. די נאַפט-כּלים מיט די קאַסטנס פּאַשע האָבן אָנגע־הויבן פאַנאַנדערצופאַלן. די קוילן־זעק זיינען דורכן וואַסער אַוועק־געשליידערט געוואָרן אויף די קאַסטנס, וואָס האָבן געקאָנט צע־בראָכן ווערן. מען מוז די זעק פאַרפּאַקן ערגעץ אַנדערש, אָבער דאָס איז אַ שווערע אַרבעט, און די כוואַליעס גייען דערווייל הויך-הויך.

דאָס ערגסטע איז אָבער דאָס, וואָס מען מעלדעט פון דער מאַשינען־אָפּטיילונג: די פּאָמפּעס זיינען פאַרשטאָפּט און דאָס וואַסער שטייגט און דערגרייכט שוין באַלד צום פייער אונטערן קעסל! פון דעם אויגנבליק אָן איז אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און זאָרג געווידמעט דער מאַשינען-אָפּטיילונג. דער עלטסטער הייצער לעסליי איז געשטאַנען ביזן האַלז אין שטראָמענדיקן וואַ־

סער און האָט גערייניקט די פּאָמפּעס. אָבער דאָס וואַסער איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער. לסוף האָט עס דערגרייכט ביזן קעסל און איז געוואָרן אַזוי הייס, אַז מען האָט תיכף געמוזט אויסלעשן דאָס פייער.

די כוואַליעס אויפן ים האָבן דערווייל געהאַלטן אין איין שטייגן. איין שטיק פּאָרענץ איז דורך זיי אַראָפּגעריסן געוואָרן און אַ גרינער שטראָם וואַסער האָט פאַרגאָסן די שיף. אייניקע נאַפּט־פעסער זייגען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין ים. אינמיטן דערינען האָט זיך דערהערט אַ געשריי, אַז פון דער קוילן־אָפּטיילונג גייט אַ רויך! כדי צו לעשן דאָס פייער האָט מען געמוזט עפענען אַלע פאַרמאַכטע לופטצוגן און אַריינלאָזן אין שיף וואַסער. ווען די פּאָמפּעס וואָלטן געווירקט, וואָלט אפשר אַזאַ זאַך אַדורכגעגאַנגען בשלום, אָבער איצט וואָלט עס געהייסן ד ע ר ט ר י נ ק ע ן די שיף. דאָס איז געווען אַ שרעקלאַכער מאָמענט. מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם האָבן מיר געוואַרט אויף דער אונטערזוכונג, וואָס האָט געדאַרפט פעסטשטעלן, צי עס איז ווירקלאַך אויסגעבראָכן אַ שרפה אויפן שיף, אָדער דאָס איז בלויז וואַסערדאַמף, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער מאַשין־אָפּטיילונג.

קודם כל האָבן מיר זיך גענומען אויסשעפּן דאָס וואַסער פון שיף. פיר שעה לאַנג זייגען די עמער געפלויגן פון האַנט צו האַנט, פונם אונטערשטן פייער־חלל איבער די אייזערנע טרעפּ צום אויבערשטן דעק פון שיף. דערגרייכט האָבן מיר, לפּחות, דאָס, וואָס דאָס וואַסער אין שיף האָט אויפגעהערט צו שטייגן.

די אָפיצירן און מאַטראָזן האָבן פאַרצווייפלט געאַרבעט, אָבער זיי האָבן דערביי געזונגען און דעם מוט האָט קיינער נישט פאַרלוירן. איין הונט איז דערווייל דערטרונקען געוואָרן, צוויי אַנדערע האָבן זיך אַזוי פאַרכּליניעט, אַז אויך זיי וועלן לאַנג נישט אָנהאַלטן. אָט הער איך שוין, אַז נאָך איין הונט איז דורך די כוואַליעס אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין ים.

3 דעצ. נעכטן אין אָוונט איז דער ווינט אַ ביסל שוואַכער געוואָרן. די שעפּעריי פון וואַסער האָט געקאָנט אָפּגעשטעלט ווערן אויף אַ פּאָר שעה. ס'איז געווען אַ שרעקלאַכע נאַכטאַרבעט. די

באַכט—אַ שטאָקפינסטערע, דער שטורם קראַכט, און די כוואַליעס טראָגן זיך איבער דער שיף, וואָס איז שוין אָן מאַשינעס און אָן זעגלען. אונזערע געלערנטע לייט זיינען געווען שוואַרץ פון מאַשינען-אייל, אָבער די עמערס זיינען נאָך אַלץ איבער די קעפ געפלויגן. אייניקע האָבן פון זיך אַראָפגעוואָרפן די קליידער און האָבן געאַרבעט אין טריקאָט-יאַקעו, שיפס-הויזען און ים-שטיוול. אַלע צוויי שעה איז אַ טייל אַרבעטער אַוועק זיך אויסרוען און באַלד דערויף האָט מען ווידער געאײַלט צו דער אַרבעט.

און דער מענטש האָט געזיגט! די כוואַליעס אין דער מאַשין-אָפּטיילונג זיינען קלענער געוואָרן. אַרום צען אַ זייגער ביינאַכט איז דעם לייטענאַנט ע ו ו י י נ ס געלונגען אויסצורייניקן די פּאָמ-פּעס. אַ פרייליך הוראַ-געשריי האָט באַגריסט דעם ערשטן וואַ-סער-שטראָם, וואָס האָט אַ שפּאַר-אַרויס געטאָן פון דער פּאָמפּע. מיר זיינען געראַטעוועט געוואָרן. איצט האָבן אַלע זיך גענומען אַרבעטן ביי דער פּאָמפּע. היינט אינדערפרי איז די מאַשינען-אָפּטיילונג, ענדלאַך, באַפרייט געוואָרן פון וואַסער. אַרום מיטאָג-צייט האָט מען די מאַשין איינגעהייצט און אָט גייען מיר שוין פאָרויס אין דער בעסטער אָרדנונג, מיט דער מאַשין און מיט די זעגלען.

אונזערע שאָדנס זיינען נישט אַזוי גרויס, ווי איך האָב זיך פריער געשראָקן, אָבער פונדעסטוועגן זיינען זיי גענוג ערנסט. אויסער דעם אָפּגעבראָכענעם פאָרענץ האָבן מיר פאַרלאָרן צוויי פּאָניס, איין הונט, 300 ליטער נאַפט, 600 הונדערט פוד קוילן און אַ פעסל שפּירט.

5 דעצ. מיר באַטראַכטן דעם פּלאַן אויסצעקלייבן דעם מזרח-שפּיץ פון דער ר א ס - א י נ ז ל — ק ר אָ ז י ע פאַר אַן אָרט צו מאַכן דאָרט אונזער הויפּט-סטאַציע. אַהין וואָלטן מיר פרי געקומען. די גרויסע אייז-גרעניץ וואָלט זיך געלאָזן לייכט אַריבערגיין און דער וועג צום פּאָל וואָלט פון אָנהויב אָן זיך געצויגן גלייך צום דרום. דאָסדאָזיקע אָרט דאַרף זיין זייער גינסטיק, ווייל דאָרט

וואָלטן מיר געהאַט אַ מילדן קלימאַט*), אָן שניי-שטורמס. דאָרט איז אויך דאָס אָרט, וואו די קייזער-פינגווינען (אַזעלכע ים-פייגל) זיצן-אויס זייערע אייער און אונזערע געלערנטע וואָלטן עס געקאָנט גענוי באַאָבאַכטן. אויך דער באַרג טעראָר, וואָס געפינט זיך דאָרט, האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונזערע געאָלאָגן, און, אויסערדעם, זיינען דאָרט פאַראַן גענוג שטיינער, פון וועלכע מיר וואָלטן זיך געקאָנט אויסבויען אַ וואַנט, זיך צו באַשיצן פון די שניי-שטורמס.

7 דעצ. איבער אונזער שיף טראָגן זיך אייז-שטורמפייגל, אַנטאַרקטידישע שטורמשוואַלבן און רויב-מעוועס, און נעכטן האָבן זיך באַוויזן דעלפינען. מיר באַגעגענען אומאויפהערלאַך טונקעלע, מרה-שחורהדיקע אַלבאַטראָסן און ים-שוואַלבן. נעכטן אין אָוונט האָבן מיר וווייט אין מערב דערזען דעם ערשטן אייזבאַרג. ער האָט געגלאַנצט אין די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די וואָלקנס.

9. דעצ. היינט, זעקס אַ זייגער אינדערפרי, האָט דער שומר פון דער וואַך דערזען אייזבערג און אייזפעלדער, און באַלד זיינען מיר אַריינגעקומען אין אַ רונג פון קליינע אייזשטיקער. מיר האָבן דעריבער געלאָזט גיין די שיף צום דרום-מערב און האָבן געקאָנט האַלטן אַ גלייכן קורס, הגם מיר האָבן געמוזט אַדורכשניידן נאָך זעקס אייזשטראָמען. אָבער קיין איינער פון דידאָזיקע שטראָמען איז נישט געווען ברייטער פון 300 מעטער. מיר האָבן באַגעגנט פיל שיינע אייזבערג, פירקאַנטיק און גלאַט ווי אַ טיש. זיי זיינען געווען 25 מעטער הויך און איינער פון זיי איז צוגעקומען צו אונז אַזוי נאָענט, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט זיך געבעטן, מיר זאָלן אים קינאָמאַטאָגראַפירן.

אין די טעג האָבן מיר געזען פיל ריזן-וואַלפישן. צוערשט זעט מען אויפן וואַסער אַ קליינעם טונקעלן הויקער, באַלד דערויף שפּאַרט אַרויס פון ים אַ פאָנטאַן פון גרויען נעבל, צוויי מעטער

*) אין וויטן דרום איז דעצעמבער דער חודש פון מיטן זומער, בשעת יולי—דער מיטן ווינטער.

הויך, גלייך אַרויף. דער הויקער ווערט לייַנגער, און ס׳באַ־
ווייזט זיך אַ גרויסער, שוואַרץ-גרויער קיילעכדיקער רוקן מיט אַ
שוואַרצן פּאַס ביים חוט-השדרה און קליינע פלוס־פעדערן, עגלאַך
צו האַקען. דאַן פאַרשווינדט די חיה ווידער אונטערן וואַסער.

אין אָוונט באַווייזן זיך שוין גרויסע אייזפעלדער. דער אָוונט־
הימל איז געווען פּרעכטיק: די זון האָט צייטנווייז אַרויסגעשייַנט
פון די וואָלקנשפּאַרעס און האָט באַלויכטן מיט אַ פאַרבלענדנדיקן
גלאַנץ אַ שטאַרק משופּהדיקן אייזבאַרג, אָדער אַ שטיקל בלויען
ים, און אויף אונזער שיף האָבן זיך אַרומגעיאָגט שאָטנס נאָך
זונליכט און זונליכט נאָך שאָטנס. אויב די אייזפעלדער וועלן
דיקער ווערן, וועל איך הייסן אָפּשטעלן דאָס פייער אין דער
מאַשין און וועל וואַרטן, ביז דער ים וועט ווידער פריי ווערן
פאַר אונז. אין דידאָזיקע קאַנטן קאָן דער ים לאַנג נישט בלייבן
פאַרשלאָסן דורכן אייז.

## געפאנגען אין די אייזפעלדער.

11 דעצ. 1910. אין דער נאכט האט דאס אייז ארום שיף זיך פעסט צוזאמענגענומען און 6 א זייגער איינדערפרי האט זיך ארויס-געוויזן, אז יעדער פראבע זיך צו באפרייען פון אייז וועט נישט האבן קיין ערפאלג. האבן מיר דעריבער אויסגעלאשן ס׳פייער אין דער מאשין. די אייזפעלדער זיינען א מעטער דיק, זייער פעסט און האלטן זיך שטארק צוזאמענגעדריקט צווישן איינאנדער.
12 דעצ. דאס אייז ווערט עטוואס ווייכער. מיר באמערקן שוין א לאנגן שפאלט אין אייז. צו מיטאגצייט האבן מיר ווידער איינ-געהייצט דעם קעסל און מיר גייען שוין פאראויס, הגם זייער לאנגזאם. מיר באגעגענען דינע אייזפעלדער, וועלכע לאזן זיך לייכט אדורכברעכן, אבער אויך דיקע אייזפעלדער, וועלכע פאר-שפארן אונז. טיילמאל קומען-אונטער אויך מאסיווע אייזבערג.

כ׳האב היינט געשמועסט מיט אונזער געאלאג, רייט, איבער דער מערקווירדיקער דערשיינונג, וועלכע איז זייער וויכטיק פאר פאל-רייזנדער: דאס איז, וואס די אייזפעלדער פרעסן ארויס אין דער לופטן, פארלירט אין א געוויסער צייט ארום איינגאנצן דאס זאלץ, און ווען מען צושמעלצט עס, באקומט מען זיס וואסער צום טרינקען און פאר דער דאמפמאשין.
13 דעצ. אזא געשווינטע ענדערונג האב איך נאך קיינמאל נישט באמערקט: אט גייט אונזער שיף אין אייז-פוטער מיט א גע-שווינטקייט פון 7—9 קילאמעטער אין א שעה און פלוצלונג בא-

געגענען מיר פעסטע אייזפעלדער, געגן וועלכע יעדעס מיטל זיך אַדורכצושלאָגן איז אומזיסט. דאַן עפענען זיך פאַר אונז קאַ-נאַלן, אָדער לייכט פאַרפרוירענע שפּאַלטן און פלוצלונג זיצן מיר ווידער צווישן מעכטיקע אייזבערג פון 2—3 מעטער הויך אי-בערן וואַסער און 2—3 מעטער אין דער טיף. סוף-כל-סוף קאָ-נען מיר נישט גיין ווייטער. מיר לעשן אויס דאָס פייער אין דער מאַשין און בלייבן שטיין. וואָס וועט אָבער, ביי אַזעלכע באַדינגונגען, זיין מיט אונזערע קוילן-זאַפּאַסן?

14 דעצ. פון הויכן באַאָבאַכטונגספּונקט אויפן שיף זעען מיר אין פיל ערטער אָפענעם ים, בכלל אָבער בלייבט אונזער לאַגע נישט פאַרענדערט: וויסטע, הויקערדיקע אייזבערג אַרום אונז. די שיף דרייט זיך און די אייזפעלדער באַוועגן זיך לאַנגזאַם. די זון לייכט פריילאַך אַרויס פון די וואָלקנס און מיר אַלע גייען אַרום מיט פוסשליטעלאַך אויפן אייזפעלד, וואו מיר האָבן זיך פאַר-אַנקערט. אונז איז אַזוי הייס, אַז מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער און זיינען אַ געוויסע צייט אַרומגעלאָפן אין איין העמד איבערן אייז.

17 דעצ. נעכטן פרי האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ צפון-מזרח ווינט, וואָס האָט אונז געבראַכט אַ מתּנה: שניי, האָגל און רעגן. דאָס-דאָזיקע וועטער דויערט נאָך היינט אויך. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַ זעגל אינם דרומדיקן פּאָלאַר-אָקעאַן. דאָס אייזפעלד, אויף וועלכן מיר זיינען נעכטן געלאָפן, האָט זיך צעשפּאָלטן. מיר האָבן דעריבער נעכטן ווידער אויפגעהויבן די אַנקערס און מיט דער היכף פון אונזערע זעגלען האָבן מיר געמאַכט 6 קילאָמע-טער אַ שעה. לסוף האָבן מיר אָבער ווידער געמוזט זיך אָפּשטעלן ביי אַן אומגעהויער גרויסן אייזפעלד און האָבן זיך קוים גע-רירט פון אָרט. די אייזבערג, וועלכע זיינען במשך פון דער וואָך שוין געוואָרן אונזערע אַלטע באַקאַנטע, האָבן היינט זיך אָנגע-הויבן צו באַוועגן. איינער פון זיי איז צוגעקומען נאָנט צו אונז און האָט אונז כמעט איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס.היינט אין אָוונט האָבן מיר דערזען דעם ערשטן קייזער-פינגווין.

19 דעצ. אין דער נאַכט האָבן מיר זיך אַדורכגעריסן דורך עט-

לאַלע געוואַלטיק גרויסע אייזבערג, וועלכע זיינען געשטאַנען 7 מעטער הויך איבערן וואַסער און 9 מעטער טיף אין וואַסער.

שפּעטער זיינען מיר אַריין אין אַ קאַנאַל, וואו מיר זיינען געגאַנגען פּאַרויס. מיר געפינען זיך אַלץ אין אַ שלעכטן ווינקעלע: אומעטום זעט דאָס אויג — אייזבערג און אייזפעלדער. שלעכט, זייער שלעכט!

אַרום האַלב זעקס אַ זייגער זיינען מיר צוגעקומען צו אַ גרופּע אייזבערג 5—6 מעטער די הויך. זיי זיינען פלאַטשיק־גלאַט, ווי טישן. אָבער אויף יענער זייט פון דידאָזיקע בערג זעט מען נישט קיין פרייען ים! וואָס טוט מען איצט? כ'ווער שטאַרק אומרוהיק. מיר ווייזט אויס, אַז מיר וועלן אַזוי זיצן איינגעמויערט וואָכנלאַנג און ערשט שפּעט אין זומער וועלן מיר פריי ווערן. דערוויל האַלט עס אָבער נאָך נישט אַזוי שלעכט. דאָס אייז איז קוים אַ מעטער דיק. אויפן אייז האַלטן זיך גרויסע סטאַווען וואַסער און דאָ און דאָרט עפנט זיך אַ קאַנאַל, וואו מיר קאָנען אַדורכגיין. אונז ווערט לייכטער אויפן האַרצן. עס דאַכט זיך, אַז מיר באַפרייען זיך פון אַ תפיסה.

היינט אינדערפרי האָבן מיר ווידער געזען אַ קייזער־פּינגווין, אָבער אַז מיר האָבן אים געוואָלט פּאַקן, האָט האַרט ביי דער שיף זיך באַוויזן פון וואַסער אַרויס אַ וואַלפיש מיט אַ שווערדאַרטיקן פלוס־פעדער אויפן רוקן, אַ מעטער די הויך. ד"ר ווי לסאָן, דער אָנפירער פונם וויסנשאַפטלאַכן שטאַב פון אונזער עקספּעדיציע, האָט דערקלערט, אַז דאָס איז עפּיס אַן אומבאַקאַנטער נייער מין וואַלפיש. אין אָוונט האָבן מיר געזען צוויי יםלעמפּערטן. איינער פון זיי האָט זיך געפּרובט אונטערטוקן אונטער די אייז־פעלדער. ער האָט זיך באַוועגט לייכט, שיין און געשווינד, ווי אַ שלאַנג.

20 דעצ. דאָס אייז האָט זיך ווידער אַרום אונז פאַרשלאָסן, און מיר האָבן אויפסניי אויסגעלאָשן דאָס פייער אין דער מאַשין. דאָס אייז דריקט זייער שטאַרק אונזער שיף פון אַלע זייטן. אין דער פאָריקער נאַכט האָבן מיר שוין ווייניקער אייזבערג געזען,

אָבער היינט האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן. די קוילן זיינען היינט מיין גרעסטע דאגה. מיר שעפּן אויס אונזערע קוילן-זאַפּאַסן.

21 דעצ. אין דער נאַכט האָט עס אונז געטראָגן צו צוויי הויכע אייזבערג. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז אין דרום-מזרח איז אָפן דער ים. האָבן מיר שנעל איינגעהייצט די מאַשין און זיך געלאָזט גיין צוריק. אַזוי־אַרום האָבן מיר זיך אויסגעדרייט פון דער סכנה געשטויסן צו ווערן פון די אייזבערג. איצט זיצן מיר שוין ווידער פעסט און פאַר אונזער שיף באַווייזן זיך ווידער אייזבערג. מיר טאָרן נישט אויסלעשן דאָס פייער אין מאַשין.

ווילסאָן האָט געפּרובט פאַנגען אייניקע פינגווינעס: ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן אייז און האָט אָנגעהויבן צו זינגען: די פינגווינעס זיינען באַלד גאָנט צוגעפלויגן. האָט ער אָבער אויפגעהערט צו זינגען, זיינען זיי ווידער זיך צעלאָפן. מייערס קלינגנדיקע שטימע ציט זיי צו אָמבעסטן.

22 דעצ. די לאַגע בלייבט אומפאַרענדערט, און אָט האָבן מיר ווידער אונזער פייער אין מאַשין אויסגעלאָשן, כאָטש די אייזבערג קומען-אונטער נענטער. מיר מוזן קאַרגן קוילן. אויך מיט אונזערע פאָניס האַלט עס זייער שלעכט.

23 דעצ. נעכטן, אַרום 10 אין אָוונט איז דער ווינט שוואַכער געוואָרן און די שיף האָט זיך געדרייט אַרום דעם אַנקער. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ זעגל און זיינען אַדורכגעגאַנגען אַ האַלבן קילאָמעטער צום צפון און זיך אָפּגעשטעלט. דער ווינט האָט אונז צוגעטראָגן צו אַ גרויסן אייזבאַרג, אָבער מיט דער הילף פון אַלע זעגלען האָט אונזער שיף זיך באַוועגט אָן דער זייט, שלעפּנדיק מיט זיך אַ גרויס אייזפעלד. דאַן האָט דאָס אייז אויפגעהערט צו דריקן, פאַר אונז האָט זיך געעפנט אַ גרויסער שפּאַלט, און מיר זיינען אַרויס אין אָפענעם ים. איך האָב דעריבער געגעבן אַ באַפעל איינצוהייצן. צי וועלן מיר ביז די חגאות זיך באַפרייען פון אייז?

24 דעצ. 4 אַ זייגער אינדערפרי האָבן זיך פאַרמאַכט פאַר אונז

אַלע שפּאַלטן, און אַרום 7 אַ זייגער זיינען מיר שוין געווען איינגעשלאָסן אין אַ געוואַלטיק גרויסן אייזפעלד. מיר האָבן ווי־דער געמוזט אויסלעשן דאָס פייער.

זונטאָג, 25 דעצ., חגאות.—מיר ליגן געפאַנגען און קאָנען נישט גיין פאָרויס—נישט מיט דער מאַשין און נישט מיט די זעגלען. געדולט מוז מען האָבן! דאָס אייז איז אַזוי דין, אַז מען דאַרף זיך גאָרנישט שרעקן פאַר עפּיס אַ דרוק. אייזבערג זעען מיר נאָר פון דערווייטן.

נישט-געקוקט אויף אונזער טרויעריקער לאַגע, פּראַווען מיר חגאות מיט פּאָנעס, מיט תּפילות און לידער, און אונזערע היל־כיקע שטימען טראָגן זיך פאַנאַנדער ווייט איבערן וויסטן אייז. צו וויעטשערע האָבן מיר געהאַט אַ זופּ פון טאָמאַטן, געריכער־טע פּינגווין-ברוסט, רינדבראָטן, פלוימען-טאָרט, קוכן, שפּאַרגל און שאַמפּאַניער, פּאָרטווײַן מיט ליקער—אַ סעודה כּיד המלך!

5 שעה צייט זיינען מיר געזעסן ביי דער סעודה מיט דער גאַנ־צער שיפסקאָמפּאַניע און געזונגען פריילאַכע לידער. דער מיטאָג איז אויך געווען אַ יום-טובדיקער, מיט ביר און בראָנפן, און ס'איז ווידער געווען לוסטיק-פריילאַך.

היינט אין אָוונט האָט זיך אַ מעווע אַנידערגעזעצט אויפן אייז, וואו די פּינגווינען האָבן זיך צוגעגרייט צום נאַכטלעגער. האָבן די פּינגווינען פּלוצלונג אָנגעהויבן צו האָלדערן אויף פאַרשידענע קולות, קענטיק, אַז זיי האָבן זיך בּאַראַטן וועגן דער מעווע. צולעצט האָבן זיי זיך מוטיק אַ לאָז געטאָן צו איר אין געשלאָ־סענע רייען. אַ פּאָר טריט פאַר איר אָבער האָט דער פּאָדערשטער פּינגווין זיך אָפּגערוקט אָן דער זייט, כאָטש די הינטערשטע פּינג־ווינען האָבן אים געשטופּט פאָרויס. קענטיק, אַז ער האָט זיך דערשראָקן און נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוטרעטן דער ער־שטער צום שונא. די מעווע איז זיך אָבער רוהיק געזעסן אויף אַ שטיק אייז. ווען די פּינגווינען האָבן זיך דאָך דערנענט צו איר, האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַריבערפלויגן אויף אַן אַנדער שטיק אייז. האָבן די פּינגווינען זיך בּאַלד אומגעקערט און דער פריערדיקער מאַנעוור האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָסניי, ביז די

מעווע איז זיך גלייכגילטיק אַוועקגעפלויגן. די פּחדנותדיקע פּראָ-טעסטבאַוועגונגען פון די פּינגווינען האָבן דייטלאַך דערוויזן זייער געדריקטע שטימונג, ווי מען דריקט זיך אויס אויף אונזער לשון.

אויף דער אַנדער זייט פון שיף האָבן עטלאַכע פּינגווינען זיך געקריגט איבער אַ שטיק אייז — אַ פלאַץ פאַר אַ נאַכטלעגער. ס'איז געווען העכסט אינטערעסאַנט צו זען, ווי יעדער פויגל האָט גע-קעמפט פאַרביטערט פאַר אַן אָרט: איינער האָט דעם צווייטן אַראָפּגעשטויסן און זיך אַליין אַרויפגעכאַפּט אַלס זיגער אויפן שטיק אייז, באַלד דערויף איז דער זיגער אַרונטערגעפאַלן און דער צווייטער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט און דער קאַמף האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

28 דעצ. נעכטן און היינט זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען עטלאַכע קילאָמעטער פאָרויס. ס'איז קלאָר, אַז מיר געפינען זיך נאָענט ביי דער גרעניץ פון די אייזפעלדער. איך האָב דעריבער געהייסן אונטערהייצן דעם קעסל.

היינט אינדערפרי האָבן אַרום שיף זיך באַוויזן פון ים אַרויס עטלאַכע פּינגווינען. דער קייזערפּינגווין איז אַ פריילאַך באַשעפע-ניש. וואונדערלאַך פליט ער אַהין און אַהער אין ים אין אַ טיפע-ניש פון 3—4 מעטער און דאַן באַווייזט ער זיך אויף אַזוי שנעל אויפן וואַסער און שווימט זיך ווייטער. זיין דרייען זיך און זיי-נע שנעלע באַוועגונגען זיינען ממש אומפאַרגלייכלאַך.

קוקט מען אויפן אייזשטח, קאָן מען זיך פשוט נישט אָנוואונדערן, וויפיל לעבן ס'הערשט אונטער דידאָזיקע וויסטע אייז-פעלדער. די שווימענדיקע צמחים זיינען דאָ רייכער און פאַרשידנאַרטיקער, ווי אין די אָקעאַנען פון די וואַרימע לענדער. מיר שלעפּן אַרויס אַ נעץ, — אַ וואַלד מיט גראָזן, וואָס מיט זיי נערן זיך טויזנטער קליינע ראַקעס, וועלכע שווימען ביים ברעג פון די אייזפעלדער. מיט אָט די ראַקעס שפּייזן זיך, ווידער, ים-הינט, פּינגווינען, שטורמפייגלען, שניישוואַלבן און אַ גרויסע צאָל גרויסע און קליי-נע פיש, וועלכע ווערן ווידער אויפגעפרעסן פון די ים-הינט,

פינגווינען און אַלערליי רויב-פייגלען. היינט ווידער די גרויסע זויג-חיות: די וואַלפישן און די קאַשעלאָטן, אָדער דער וואַלפיש מיטן שווערדאַרטיקן פלוספעדער אויפן רוקן. און אָט זעען מיר דעם ים-לעמפערט. דאָס איז אַ ביסל אַ פרעסער! ביי אים אין מאָגן קאָן מען געפינען אַ גאַנצן פינגווין, צי אַ יונגן ים-הונט, וואָרום ער איז באַוואָפנט מיט שרעקלאַכע רייסציין. דער שרעקלאַכער פרעסער, דער קאַשעלאָט, באַווייזט זיך זעלטן אין די אייזפעלדער. אים טרעפט מען אָפטער ביי די ברעגן פון אָקעאַן. פאַראַן פאַרשידענע מינים וואַלפישן, אָנגעהויבן פון די ריזן-וואַלפישן ביז די קלענערע שנאָבל-וואַלפישן. דאָס זיינען מינים אָן אַ שיער און אָן אַ צאָל. וואָס פאַר אַ שפע פון שפייז ס'מוז זיך דאָרט געפינען אין ים פאַר אָט די אַלע חיות און ווי אומגעהויער גרויס מוז זיין די צאָל פון די קלענערע ים-חיות! אָט אַזוי קאָכט און זידט אונטער די גרויסע אייז-פעלדער דער אומאויפהערלאַכער קאַמף פאַרן קיום.

29 דעצ. ענדלאַך איז בעקומען די לאַנג-דערוואַרטע איבערקערעניש! מיר פאָרן מיט דאַמף צווישן קלענערע אייזפעלדער. די-דאָזיקע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען גאָר פלוצלונג. איינמאָל האָבן מיר אַ גאַנצע שעה לאַנג אין דער נאַכט נישט געהאַט קיין אייז אַרום זיך. היינט אינדערפרי האָבן מיר אַדורכגעבראָכן די גרויסע צוזאַמענגעשלאָסענע אייז-פעלדער, און איצט ווערט דאָס אייז אַלץ דינער און וייכער—ס'איז דער בעסטער באַווייז, אַז דער אָפענער ים איז נאָנט. דער צפון-ווינט בלאָזט דאָ צו דרום-צו, העלפט ער אונז גיין פאָרויס. דער הימל איז פאַרוואָלקנט און ס'פאַלט אַ לייכטער רעגן. אין דער לעצטער נאַכט האָט געכאַפט אַ פרעסטל, און יעדעס ברעטעלע און שטריקעלע אויפן שיף האָט זיך באַדעקט מיט אייז. ס'איז מער קיין ספק נישט: עס ענדיקט זיך אונזער געפאַנגענשאַפט!

## מיר זוכן אַ ווינטער־קוואַרטיר.

פרייטאָג, 30 דעצעמבער 1910. די לעצטע נאַכט, אַרום איינס אַ זייגער, האָט לייטענאַנט בויער אַדורכגעפירט אונזער שיף „טעררא נאָוואַ” דורכן לעצטן אייז־שטראָם און הייגט פרי, זעקס אַ זייגער, זיינען מיר געגאַנגען אין אַן אָפענעם אָקעאַן. פאַרמיטאָג־צייט איז דער ווינט געוואָרן שטיל. מיר האָבן געמאָסטן די טיפ־קייט פון ים—האַלט 2030 מעטער. ס׳איז קלאָר, אַז מיר זיינען נאָנט פון דער יבשה, וואָס געפינט זיך אַרום דעם דרום־פאָל. מיטאָגצייט האָט די זון זיך אַדורכגעריסן דורך די געדיכטע וואָלקנס און נעבל. דאָס אייז פון די גראָבע שטריק אויפן שיף שמעלצט און צעפאַלט זיך מיט אַ הילכיקן קלנאַג.

באַפרייט פון די אייזפעלדער, האָבן מיר אין די ערשטע טעג אַדורכגעמאַכט אַ היבש שטיקל וועג פאָרויס און האָבן באַרעכנט, אַז צו ניי־יאָר וועלן מיר שוין זייןביים שפיץ־לאַנד קראָזיע. אָבער בייטאָג האָט זיך אויפגעהויבן אַן אמתער דרום־שטורם און אין אָוונט זיינען מיר שוין געקראָכן לאַנגזאַם פאָרויס. דאָס גליק האָט זיך שוין ווידער אָפגעווענדט פון אונז! די קורצע שאַרפע כוואַליעס זיינען זייער געפערלאַך פאַר אונזערע פאָניס.

31 דעצ. די פאָריקע נאַכט איז געווען אַ שווערע. שלאָפן האָב איך נישט געקאָנט, ווייל איך האָב שטענדיק געטראַכט וועגן דער לאַגע פון אונזערע פערד. אינדערפרי האָט דער ווינט זיך פאַרשטאַרקט און די כוואַליעס זיינען געוואָרן נאָך העכער.

אַרום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט האָבן מיר ווידער דערזען אייז פאַר אונז. אַלזאָ, מאַרש דורכן אייז-שטראָם! ביי שטאַרקע אייז-כוואַליעס איז עס אַ געפערלאַך שפיל! באַלד אָבער זיינען מיר צוגעקומען צו אַ פעסטן אייז-פעלד און, ווען מיר האָבן עס גליק-לאַך פאָרסירט, האָבן מיר, צו אונזער איבערראַשונג דערזען, כמעט אַן אָפענעם ים. נאָך אַ שטיק וועג, און מיר זיינען צוגעקומען צו אַ מין אַריינפאַר אין אַן אייזפעלד, וואו די כוואַליעס זיינען געווען לפי ערך קלענער. במשך פון טאָג איז אָבער אונזער ווינ-קעלע געוואָרן נישט-זיכער און אין אָוונט האָבן מיר שוין געמוזט זוכן אַן אַנדער אָרט זיך צו שיצן פון די כוואַליעס. צום גליק, איז דער ווינט שטילער געוואָרן, און ווען אַרום צען אַ זייגער האָבן די וואָלקנס זיך צוריקגעצויגן אין מערב, האָבן מיר געזען אַלע בערג פון ד ר ו ם - ו י ק ט אָ ר י אַ אין אַ פרעכטיקן זונ-ליכט!

זונטאָג, 1-ער יאַנואַר 1911. אַרום פיר אַ זייגער אינדערפרי זיי-נען מיר לאַנגזאַם געגאַנגען מיט דער מאַשין צום דרום-מערב. אַרום אַכט אַ זייגער זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון די אייזפעל-דער און זיך געלאָזט גיין גלייך צו דרום-צו. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון געשיינט, און אַפילו נאָך איצט, 11 אַ זייגער אין אָוונט, וואַרימען זיך אונזערע לייט אויף דער זון. קיין ווינט איז נישטאָ, און זיי לייענען זיך געמיטלאַך ביכער אויפן דעק פון שיף. די פערד אונזערע האָבן אויסגעהאַלטן. היינט האָבן מיר געמאָסטן די טיפקייט פון ים—סך הכל 340 מעטער טיף, נעכטן האָבן מיר נאָך געהאַט 2030. ווי שנעל דער באָדן הויבט זיך דאָ אויף אונ-טערן ים!

3-ער יאַנואַר. פון מיינע שענסטע האָפנונגען איז גאָרנישט גע-וואָרן. אויפן שפיץ ק ר אָ ז י ע קאָנען מיר נישט איבערווינטערן! שוין אינדערפרי, ווען די יבשה האָט זיך פאַר אונז באַוויזן אין די זון-שטראַלן, ביי אַ שיין וועטער, האָבן מיר זיך דער-שפירט נישט אינגאַנצן גוט. דער ווינט איז געווען געגן אונז און מען וואָלט געהאַט גרויסע שוועריקייטן, ווען מען זאָל דאָ וועלן אַרויפשטייגן אויף דער יבשה. נאָכמיטאָגצייט האָבן מיר

דורכגעמאַכט 9 קילאָמעטער צום מזרח פון שפּיץ קראָזיע, צו דער אײז-גרעניץ, וואָס ציט זיך דאָ פון דער ראַס-אינזל ווײטער צום מזרח ביזן לאַנד קעניג-עדוואַרד. דער ברעג האַלט דאָ בישט העכער פאַר 18 מעטער; ווײטער האָט די געגנט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ מהלך פון קרוב צוויי קילאָמעטער. זינט די צײַטן פון „ביסקאָווערי״, ווען איך האָב דאָ אין יאָר 1902—3 איבערגעווינטערט, האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. דער שטאַנג פון אונזער פּאָסטהויז איז נאָך געשטאַנען גלײַך, ווי פאַר אַכט יאָרן. מיר האָבן קאָנטראָלירט די געגנט לויט אונזערע דעמאָלטיקע פאָטאָגראַפיעס—קײן זאַך האָט זיך נישט געענדערט.

צווישן דער אײז-גרעניץ און די דערבײַיִקע פעלזן האָבן זיך אַרײַנגעריסן שטיקער אײז. כּדי צו דערגײן, אויב מען קאָן דאָרט אַדורכקריכן, האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט אַ וואַלפיששיפל אין וואַסער און ווילסאָן, טײלאָר, פּריסטלי, עוואַנס און איך האָבן זיך געלאָזט רודערן צום ברעג. צווישן דער יבשה און דער אײז-גרעניץ האָבן מיר דערזען גרויסע שטיקער אײז, אײַנגעפּרעסט און אַזוי שטאַרק אַרויסגעשטאַרצט פון וואַסער, אַז זײ זײַנען געשטאַנען אַ מעטער איבערהויך. די ברעגכוואַליעס האָבן זיך אַזוי הויך געוואָרפן, אַז מען האָט גאָרנישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַרויסזעצן זיך אין דעם אָרט אויף דער יבשה.

איך האָב געליטן יסורי-מות, אָבער נישט בלויז וועגן דער אוממעגלאַכקײט זיך אַרויסצוזעצן. קעגנאיבער אונז, אויף דער יבשה, איז געזעסן אַ יונגער פּינגווין אין אַזאַ עלטער און אַנטוויקלונגסצושטאַנד, וואָס מיר האָבן נאָך אַזעלכן ביזאַהער נישט געזען. פאַר אונזער זאַמלונג וואָלט געווען אַן אמתער טריאומף צו באַקומען אַזאַ יונג, אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט צוקומען צו אים און גײן אויף מסירת-נפש צוליב אים, האָב איך נישט געטאָרט.

אויף דער אונטערשטער זײַט פונם אײז זײַנען אַרונטערגעהאַנגען פּיס און אַנדערע קערפּערטײלן פון פּינגווינען. דאָס זײַנען אַלץ געווען שירײם פון גרויסע טראַגעדיעס. טראַגעדיעס, וואָס דידאָזיקע פרידלאַכע פּרימיטיווע פײגלען האָבן אַדורכגעלעבט. דער

פראָסט האָט זיי דאָ פלוצלונג געפאַקט און זיי זיינען איינגעפרוירן געוואָרן. דער שניי האָט זיי נאָכדעם פאַרשאָטן, און איצט, ווען דאָס אייז שמעלצט, האָט זיך אַנטפלעקט אַ טרויעריק בילד.

מיר האָבן נישט געקאָנט זיך אַרויסזעצן און האָבן געמוזט רודערן ווייטער, ליינגויס די ברעג־פעלזן. אָבער דאָ איז מיט אונז געשען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט געקאָנט מאַכן אַ סוף צו אונזער גאַנצער פאָל-עקספעדיציע: מיר זיינען געשוואומען פאַרביי די פעלזן, פון וועלכע ס'איז אַראָפגעהאַנגען אַ גרויסער אייזבאַרג. עמיצער פון אונז האָט אַ זאָג געטאָן: „ווען אָט דער באַרג זאָל זיך, אַ שטייגער, אַראָפרייסן און אַ פאַל טאָן אויף אונז, וואָלט עס געווען אַ ביטערער שפאַס." מיר זיינען שנעל אַדורכגעשוואומען מיט אונזער שיפל, אָבער אַז מיר האָבן זיך דערווייטערט ביי אַ 300 מעטער פון יענעם אָרט, האָבן מיר פלוצלונג דערהערט אַזאַ קנאַקעריי, אַז די לופט האָט אַ ציטער געטאָן. אויפן ים האָבן זיך אויפגעהויבן כוואַליעס, וואָס האָבן שיער נישט אומגעשליידערט אונזער לייכט שיפל. סנאָפעס וואַסער האָבן זיך אַ הויב-אויף געטאָן אין דער לופטן און זיינען, ווי אַ דין שטויבעלע זיך צעפאַלן. ערשט, ווען דער ים האָט זיך באַרויקט, האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט און אָט האָבן מיר דערזען: דער אייזבאַרג האָט זיך טאַקי אַראָפגעריסן און אַריינגעפאַלן אין ים, און דאָס איז געשען אַ פאָר מינוט שפעטער, ווי מיר האָבן פאָרסירט דעמדאָזיקן אָרט...

מיר מוזן זיך דאָך אָפזאָגן פונם פלאַן איבערצווינטערן אויפן שפיץ ק ר אָ ז י ע! צו מערב איז אויך קיין האָפנונג נישטאָ זיך אַרויסצוזעצן: דער ברעג איז דאָרט שלעכט. איידער מיר וועלן דערגרייכן דעם שפיץ ר אָ י ד ז, איז נישטאָ קיין ברעקל האָפנונג אַרויפצוקומען אויף דער יבשה. אַלזאָ—מאַרש צו מערב!

4-ער יאַנואַר. דידאָזיקע נסיעה איז פול מיט איבערראַשונגען. אַרום זעקס אינדערפרי האָבן מיר פאָרסירט די לעצטע אייזשטחים צווישן דער ר אָ ס - א י נ ז ל און ד ר ו ם - וו י ק ט אָ ר י א, צום שפיץ ר אָ י ד ז, מיט דער האָפנונג, אַז מיר וועלן דאָרט

געפינען דעם ברעג פון די אייזפעלדער. צו אונזער גרויסער פאַרוואונדערונג האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַ פרייען ים. דאַן זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן דעם שפיץ באַרן און נאָך 4 קילאָ-מעטער ווייטער צום דרום. מיר האָבן אפילו געקאָנט פאָרן ווייטער אויך, אָבער דאָ איז קיין אָרט נישט געווען אויף איבער-צעווינטערן, אויסער דעם שפיץ ערמיטאַזש, וועלכער איז גע-לעגן 22 קילאָמעטער ווייט צום דרום, וואו עס איז, אין יאָר 1903, געשטאַנען דאָס הייזל פון דער דיסקאָווערי-עקספּע-דיציע. כ'האָב דאָ קיינמאָל נישט געזען אַזאַ לינדן אייז. משמעות, דער לעצטער זומער איז דאָ געווען אַ וואַרימער. מיר האָבן, אַלזאָ, פאַר זיך פיל גינסטיקע ערטער אויסצעקלייבן זיך צווישן זיי אַן אָרט פאַר אַ ווינטערקוואַרטיר. איך האָב געוואָלט אויסקלייבן אַן אָרט, וואָס זאָל נישט זיין ווייט פון דער אייזגרעניץ. דעריבער האָב איך מיר באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן אויף איינעם פון די פּאָדערשטע ברעג. דאָס אָרט איז געווען אָפּגעשיידט פון דער אַלטער דיסקאָווערי-סטאַציע דורך צוויי ים-אויסגוסן, וועל-כע זיינען בלי שום ספק ביז שפעט אין זומער געווען איינגע-פראָרן.

מיין פּלאַן האָט ביי אַלעמען אויסגענומען.

אַרום 3 קילאָמעטער ווייט פון ברעג זיינען מיר געקומען צום האָרטן אייז ביים ים-אויסגוס, וואָס האָט אונז געקאָנט דינען אַלס גוטער וועג אַריבערצעפירן אַלץ פון דער שיף אויף דער יבשה. דאָ האָבן מיר זיך פאַראַנקערט. ווילסאָן, עוואַנס און איך זיינען צוגעקומען צום שפּיץ לאַנד, וועלכן איך האָב, צו באַערן אונזער אויסגעצייכנטן קאָמענדאַנט, אַ נאָמען געגעבן „שפּיץ-עוואַנס". דער צפון-מערב-ברעג, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון הינטן מיט פיל בערג, האָט זיך זייער גוט געפּאַסט פאַר אַ ווינטערקוואַרטיר. דאָ וועלן מיר, אַלזאָ, בויען אונזער הויז.

## אויפן שפיץ עוואַנס.

אין דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך געפונען זאַלבעדריט אויפן שפּיץ עוואַנס, האָט קאַמבעל אָנגעהויבן די אַרויסזעצונג אויפן ברעג. צוויי אויסגעפוצטע מאָטאָרשליטנס זיינען געשטאַנען אויפן אייז. דאַן האָט מען פון שיף אַרויסגעפירט די פּאָניס. דאָס איז אָבער פאָרגעקומען נישט אַזוי לייכט: טייל פערד האָבן זיך געלאָזט פירן דורך די שטאַרקע אָרעמס פון די מאַטראָזן, טייל פערד אָבער האָט מען געמוזט מיט געוואַלד אַראָפּפירן צוזאַמען מיטן געשטעל, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען. באַלד ווי די פערד זיינען אַרויס אויף דער פרישער לופט און האָבן דערשפּירט דעם שניי אונטער די פיס, האָבן זיי אָנגעהויבן אונטערצעשפּרינגען פאַר שמחה. אַ שטיין איז מיר אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן, ווען איך האָב דערזען, אַז די זיבעצן פערד זיינען פריי אַרויס פון דער שיף.

די הינט האָט מען גלייך איינגעשפּאַנט מיט לייכטע משאות, אָבער זיי האָבן תיכף אַרויסגעוויזן זייער ווילדקייט. שולדיק זיינען דערין געווען די נאַרישע פּינגווינען, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן מחנותווייז אויפן אייזפעלד. דרייענדיק מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, האָבן זיי געקוקט מיט נייגיר אויף די בילנדיקע הינט, וואָס האָבן זיך געריסן פון די לייצעס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פּינגווינען רופן זיך אָן צו די הינט:

—האַלאָ, וואָס מאַכט איר זיך צום נאַרן און לאָזט זיך פירן אין שווערן שפּאַן דאָ ביי אונז אויף דער פרייער לופט? וואָס

פאַר אַ לעבערלאַכע חברה איר זענט!
דאַן זײַנען די פּינגווינען צוגעקומען נענטער, און אַז די הינט האָבן זיך געקאָנט אַרויסרײַסן פֿון די לײַצעס און זײַנען צוגע־שפּרונגען צו זײ, האָבן זיך אויפגעשטעלט די פֿעדערן בײַ די פּינגווינען, אָבער נישט פֿון פּחדנות, נאָר פֿון כּעס און באַלײדי־גונג, אַ שטײגער, ווי זײ וואָלטן די אָנגעקומענע פֿרעמדע געוואָלט לערנען דרך־ארץ, פּונקט ווי זײ וואָלטן זיך צעשריִען:
—אָהאָ, אָט אַזעלכע פּײַנע לײַט זײַט איר? נײן, מיט אונדז וועט איר אַזעלכע מחוקות נישט מאַכן. מיר וועלן זיך נישט לאָזן שפּײַען אין קאַשע!
די פּינגווינען מאַכן אָבער אַ פּאָר טריט נענטער, די הינט טוען אַ שפּרונג און—דער שנײ באַפֿאַרבט זיך מיט בלוט... אָבער די פּינגווינען ווערן נאָך אַלץ נישט דערשראָקן. זײ אַנטלויפֿן נישט, נאָר שריט־פֿאַר־שריט רוקן זײ זיך אָפּ, אַ שטײגער, ווי זײ וואָלטן געזאָגט:
—וואָס פֿאַלט אײַך אײַן, ווילדע ברואים? לאָזט אונדז צורו!

ווי נאָר זײער ערשטער קרבן איז געפֿאַלן, האָבן זיך אַראָפּגע־לאָזט די מעוועס צו אים, צו כאַפּן אַ ביסן פֿון אַ פֿעטער סעודה... די הינט שטערן זײ נישט. אונדזער גוטער מ ײ ע ר, דער ממונה איבער די הינט, איז אויסער זיך פֿאַר כּעס. ער שעמט זיך פֿראָסט מיט זײער ערשטן ווילדן אַרויסטריט. אין אָוונט ליגן שוין די הינט, געשמידט אין קײטן, אויפֿן ברעג און, ווי עס שײַנט, שפּירן זײ זיך זײער באַקוועם.
מיר פֿאָרן אַרויס צום ערשטן מאָל אויפֿן אײַז מיט די מאָטאָר־שליטנס. אַלע זײַנען געשפּאַנט צו זען, צי די זאַך וועט האָבן ערפֿאָלג. גאָר אָן אומגליקספֿאַלן איז די זאַך נישט אַדורכגעגאַנ־גען, דאָך אָבער האָבן די שליטנס אַריבערגעפֿירט אויפֿן ברעג גרויסע משׂאות, און איך רעכן, אַז זײ וועלן מיר שטאַרק באַ־הילפֿיק זײַן אין מײַן נסיעה.
מיר האָבן שוין געלײגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אונדזער הויז. דאָס געהילץ ליגט שויז אויפֿן ברעג. די בוי־אָפּטײלונג האָט אויפֿגע־

שטעלט פֿאַר זיך אַ געצעלט און אַרײַנגענומען אַהין דעם פּראָוויאַנט פֿון דער שיף. בשעת איך שרײַב דידאָזיקע שורות, הער איך, ווי די לײַט שלאָפֿן געשמאַק אין זייער געצעלט נאָך דעם אַרבעטסטאָג. אויך בײַ מיר קלעבן זיך שוין די אויגן. אַלטאונפֿערציק שעה האָב איך כמעט נישט געשלאָפֿן. הײַנט קאָן איך זיך רוהיק אויסשלאָפֿן און איך טו עס מיט פֿאַרגעניגן צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער נסיעה.

5 יאַנואַר 1911. ווען איך בין הײַנט אינדערפֿרי אַרויסגעגאַנגען אויפֿן אײַז, האָב איך בײַגעוואוינט אַזאַ מין סצענע: לערך 5—6 קאַשעלאָטן האָבן זיך געדרייט אַרום שיף, ווײַלעווײַז האָבן זיי זיך אַרויסגעהויבן פֿון אונטערן וואַסער, געעפֿנט די מײַלער און צוגעקומען האַרט צום אײַז. איך האָב פֿיל מאָל געהערט, אַז דידאָזיקע וואַלפֿישן זײַנען אומברחמנותדיקע באַנדיטן און רויבער.

האַרט בײַם ברעג אײַז איז געלעגן די אײַזערנע קייט, צו וועלכער די הינט זײַנען געווען צוגעשמידט. מיר איז גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן, אַז דידאָזיקע קייט זאָל עס האָבן אויפֿגערעגט דעם אַפּעטיט פֿון די קאַשעלאָטן. כ'האָב אַ רוף געטאָן פּ אָ נ ט י נ ג ן, ער זאָל פֿאָטאָגראַפֿירן די באַנדיטן אין דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן זיך באַווײַזן פֿונם וואַסער. אָבער באַלד ווי פּאָנטינג איז געקומען, האָבן זיך דערהערט אונטערן מעטערדיקן אײַז אַ פּאָר קלעפּ: דאָס אײַז האָט זיך צושפּאָלטן און פֿון אונטן־אַרויף האָבן זיך באַוויזן עטלעכע ריזנקעפּ מיט קליינע פֿײַער־פֿינקלענדיקע אויגן און מיט ברוין־געלע צייכנס אויפֿן שטערן, מיט אָפֿענע מײַלער, אין וועלכע ס'האָבן אַרויסגעשטאַרצט שרעקלעכע ציין... די בעסטיעס האָבן, משמעות, שטאַרק חשק געהאַט צו דערקוויקן דעם מאָגן פֿריער מיט פּאָנטינגען און נאָכדעם מיט אַ הונט... צום גליק אָבער איז פּאָנטינג אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורכן אײַז אויף איין זײַט און די הינט אויף דער אַנדערער.

דידאָזיקע סצענע, וועלכע האָט זיך געקאָנט ענדיקן מיט אַ גרויזאַמער קאַטאַסטראָפֿע פֿאַר איינעם פֿון אונזערע חברים, האָט מיר דערוויזן, אַז אויפֿן אײַז מוז מען אויך זײַן פֿאָרזיכטיק. אַלנפֿאַלס

איך שוין פאַר מיר זיכער, אַז וואָס עס וועט נאָר אַריינפאַלן אין וואַסער, קאָן עס תיכּף אויפגעפרעסן ווערן פון די דאָזיקע מוראדיקע רויב־חיות. פאַר מיר איז אויך געווען אַ נייעס, אַז זיי קאָנען אַדורכברעכן מיט זייער שווערד־רוקן אַ מעטערדיקן אייז.

די נאַטור־וויסנשאַפטלאַכע ביכער זיינען זיך נישט טועה, ווען זיי באַצייכענען די שווערד־קאַשעלאָטן פאַר אומגעוויינלאַכע באַנדיטן און רויבער, וואָס זיינען שרעקלאַך ווילד און פרעסעריש. אין דעם פרט שטייגט ער אַריבער אַלע מינים וואַלפישן. אַן אויסגעוואַקסענער קאַשעלאָט, אַ זכר, איז זעקס מעטער לאַנג, אַ נקבה—פיר און אַ האַלבער מעטער. זיי האָבן 12 ציין אויף ביידע זייטן פון 8 סאַנטימעטער הויך און 6 סאַנטימעטער טיף אין די וויאָסנעס. די ציין זיינען מוראדיק שטאַרק און שאַרף. מ׳האָט געזען, ווי אַ קאַשעלאָט האָט זיך באַוויזן איבערן וואַסער מיט אַ ים־הונט צווישן די ציין. ער האָט זיין שווערן קרבן לייכט געטרייסלט איבערן וואַסער און באַלד דערויף אים צעריסן, צעקייט און אַראָפּגעשלונגען, באַלעקנדיק זיך מיט דער בלוטיקער צונג. אין מאָגן פון אַ געפאַנגענעם קאַשעלאָט האָט מען געפונען שיריים פון 13 דעלפינען און 14 ים־הינט! 3—4 קאַשעלאָטן פאַלן אָן אויף אַ גאַנצע מחנה וואַלפישן, וועלכע ווערן אַזוי פאַראַליזירט פון שרעק, אַז זיי פאַרטיידיקן זיך נישט אַפילו און אַנטלויפן נישט. די קאַשעלאָטן פאַרבינדן זיך אַמאָל אין איין חברותא און פאַלן אָן אויף גרויסע מחנות וואַלפישן, וועלכע זיי פאַריאָגן אין אַ ים-אויסגוס, וואו זיי ווערן צעריסן אויף שטיקער.

---

אונזער אַרבעט קומט פאָר רעגולער. דאָס הויז ווערט געבויט און איז שוין כּמעט פאַרטיק. עס שטייט לערך דריי מעטער איבערן וואַסער און אַזוי אַרום איז עס געשיצט פון די שפּרינג־כוואַליעס. נאַפט, האָבער פאַר די פערד און טויזנטער אַנדערע זאַכן האָט מען שוין אַרויפגענומען אויף דער יבשה און מאָרגן דאַרפן די פּאָניס אָנהויבן אַרבעטן. די מאַטאָרשליטנס האָבן היינט

געפירט משא פון שיף צום ברעג. און אונזערע ביידע אינזשעניערן זיינען צופרידן מיט זייער אַרבעט. כ׳מוז מיך אָבער מודה זיין, אַז זיי קאָנען נישט פירן אַזעלכע שווערע משאות, ווי איך האָב גערעכנט.

6 יאַנואַר. כ׳האָב היינט געמאַכט אַ שפּאַציר איבער אונזער האַלב-אינזל, כדי צו באַקענען זיך מיט איר דרום-זייט. הונדערטער מעווען האָבן דאָרט זייערע נעסטן, און אַז איך בין דאָרט אַדורכגעגאַנגען, זיינען זיי אויף מיר אָנגעפאַלן. מיט אַ ווילד געשריי האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער הויך און זיך געדרייט כמעט האַרט איבער מיין קאָפּ. די דרייסטערע פון זיי האָבן מיר אַפילו מיט זייערע פליגלען געשלאָגן איבערן קאָפּ. באַלד דערויף האָבן זיי זיך צוריק אויפגעהויבן. געפערלאַך איז אָבער די זאַך נישט. פּאָנטינגן איז געלונגען אַראָפּצונעמען קינעמאַטאָגראַפיש די שיינע באַוועגונגען פון די דאָזיקע רויבפייגלען, בשעת זיי צערטלען און שפּייזן זייערע קליינינטשקע פייגעלאַך.

7 יאַנואַר. אונזערע פּאָניס זיינען זייער קאַפּריזנע. כ׳בין היינט מיט זיי געפאָרן און האָב באַקומען דורך זיי אַ בייל מיט עטלאַכע שראַמען. איין פערד איז אַרויסגעשפּרונגען פון די אָגלאָבלעס און איז אַוועקגעלאָפן צוריק אין שטאַל. ד י י ט ש האָט אים באַלד ווידער איינגעשפּאַנט און געפירט אין וועג אַריין. פיל אַנדערע פערד זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון שפּאַן און האָבן זיך געלאָזט לויפן באַרג-אַראָפּ. אויך איינגעשפּאַנטע הינט זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די לייצעס און געמאַכט פּליטה.

די זון שיינט זייער העל, און ביי אונז זיינען פאָרגעקומען פיל פאַלן פון שניי-בלינדקייט. ס׳פעלן אויך נישט קיין ביילן, שראַמען, שניטוואונדן, געשוואָלענע פנימער, צעקאַליעטשעטע פיס. מילא, דאָס געהערט שוין צום „געשעפט".

נאָר איין שאָטן-זייט איז פאַראַן אין אונזער איצטיקער גינסטיקער לאַגע: דאָס אייז אין די שפּאַלטן ווערט דין און די פערד טרעטן זיי דורך מיט די פיס. מיר מוזן זיך צואיילן מיט דער אַרבעט, און דער מאָרגנדיקער זונטאָג וועט פאַר אונז נישט זיין קיין רו-טאָג. אַ געפערלאַכער פאַל איז פאָרגעקומען מיט פּאָנ-

ט י נ ג ן: ער לויפֿט אַרום שטענדיק מיט זיין פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט, כּדי אַראָפּצוכאַפּן די שייבע אייזבילדער, דאָס אָפּשפּיגלען זיך פֿון וואַסער ביים אייז און אַז. וו. נישט לאַנג איז ער מיט זיין שליטן געלאָפֿן נאָך אַן אייזבאַרג, פּלוצלונג אָבער האָט זיך דאָס אייז איינגעבראָכן אונטער אים, דער שליטן האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּגליטשן אין וואַסער, ציענדיק אים מיט זיך. אַ פּאָר מינוטן האָט געדויערט דידאָזיקע שרעקלאַכע לאַגע, ביז ער איז מיטן שליטן ווידער אַרויף אויפֿן פֿעסטן אייז. מיר האָבן צופֿיל אָנגעטרויט אונזער גאַנץ האָב און גוטס דעם וויין־געוואָרענעם אייז.

זונטאָג, 8 יאַנואַר. דאָס אומגליק איז שוין געשען. מיר זיינען אָפּגעשניטן פֿון דער שיף און איין מאָטאָרשליטן ליגט אויפֿן גרונט פֿון ים! איך האָב אויף אַ גאַרישן אופֿן הײַנט געגעבן אַ דערלויבניש אויסצופּאַקן דעם דריטן מאָטאָרשליטן. ק א מ ב ע ל האָט פּאַוואָליע צוגעבונדן צו אים אַ גראָבן שטריק, וועלכן די מאַטראָזן האָבן געצויגן צו זיך. פּלוצלונג האָט זיך דאָס אייז איינגעבראָכן אונטער אַ מאַטראָז, וועלכער איז ביז די אַקסלען אַריין אין וואַסער, אָבער אַז מיר האָבן אים אַרויסגעצויגן פֿון וואַסער, האָט דאָס אייז זיך איינגעבראָכן אונטערן מאָטאָרשליטן און ער איז אַראָפּ צום דנאָ פֿון ים! דער זינקענדיקער שווערער שליטן האָט נאָך שטאַרק אָנגעצויגן די שטריק, וועלכע האָבן אַזויאַרום, ווי מיט אַ זעג אַדורכגעשניטן דאָס אייז. די מאַטראָזן זיינען געווען געצוואונגען אָפּצולאָזן די שטריק און אַ האַלבע מינוט שפּעטער האָט זיך פֿאַר אונז באַוויזן אַ גרויסער לאָך אין אייז. מיר באַדאַרפֿן נאָך זיין גליקלאַך, וואָס קיינער פֿון אונזערע לייט איז נישט דערטרונקען געוואָרן! אָבער דער שליטן איז פֿאַר אונז אַ געוואַלטיקער שאָדן!

באַלד איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה, אַז דאָס אייז אַרום ווערט אַלץ מער און מער נישט זיכער, און אָט זיינען מיר פֿון אונזער שיף אַזוי גוט ווי אָפּגעשניטן, און איך שלאָף די ערשטע נאַכט אין געצעלט אויף דער יבשה. צום גליק, האָב איך אָבער געפֿונען אַ ווייטיקן וועג אויפֿן אייז און מען האָט די שיף געמוזט

אַרײַנפֿירן אין אַן אַנדער אָרט.

9 יאַנואַר. הײַנט בין איך אַרויס פֿון מײַן געצעלט דרײַ פֿערטל אויף זיבן, אינדערפֿרי, און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזען, איז געווען די שיף, וועלכע מען האָט צוגעפֿירט צו אַ נײַעם אָרט. דער נײַער וועג איז געווען אַן אויסגעצייכנטער און די שליטנס האָבן אָנגעהויבן פֿלײַסיק צו גיין אַהין און אַהער מיט די משאות. דידאָזיקע אַרבעט האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן טאָג. ע וואַנס האָט גענוי באַטראַכט דעם וועג, איבער אַלע שפּאַלטן און אײַזלעכער האָט ער געלאָזט אויסלייגן ברעטער. ברויער האָט אַכטונג געגעבן אויף די געבראַכטע משאות פֿון די מאָטאָרס. ער איז גוט באַקאַנט מיט יעדן קאַסטן און איז אַ טיכטיקער באַלעבאָס. ע וואַנס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אָנלאָדונג פֿון די שליטנס. יעדערער האָט ערלאַך און טרײַ געטאָן זײַן אַרבעט. גאָר גלאַטיק איז עס אָבער פֿאָרט נישט אַדורך: איין הונט האָט נאָך דער אַרבעט אָנגעהויבן צו הוסטן און אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער געלעגן אַ טויטער. פֿאַר אונדז איז דאָס אַ גרויסער פֿאַרלוסט. מיר קאָנען נישט אויסקומען אָן די הינט.

10 יאַנואַר. הײַנט אין אָוונט קאָן איך ערשט זאָגן: מיר האָבן זיך אַרויסגעזעצט אויפֿן ברעג! איצט זאָל זיך שוין זײַן, וואָס עס וויל: דאָס נויטווענדיקסטע געפֿינט זיך שוין אויף דער יבשה. אונזער הויז ווערט שנעל געבויט. עס האָט טאָפּעלע ווענט, אַ דאַך פֿון דרײַפֿאַכע ברעטער, צווישן וועלכע מיר האָבן אָנגעשטאָפּט טרוקענע ים־גראָז. מיר האָבן שוין אויסגעלייגט די ערשטע פּאָדלאָגע. אויף איר וועט מען אַוועקלייגן אַ פֿאַך פֿון טרוקענעם ים־גראָז, דערויף — פֿילץ און אויפֿן פֿילץ — אַ צווייטע פּאָדלאָגע, וואָס וועט באַצויגן ווערן מיט לינאָלעאום. אַרום הויז ווערן אָנגעלייגט בערג זאַמד, כּדי צו באַשיצן זיך פֿון ווינטן. אין דער מערבֿ־און דרום־זײַט ליגן גאַנצע בערג פֿאַשע פֿאַר אונזערע פֿערד און הינט. אין דער צפֿון־זײַט וועט שטיין אַ ווינטערשטאַל פֿאַר די פֿערד.

הײַנט האָבן זיך אַלע פֿערד, אויסער צוויי, נאָך ווייניק אויסגע-

פאָרענע און האַלב ווילדע, באַטייליקט אין דער אַרבעט. דייטש האָט אָבער פאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ פּראָבע אויך מיט די איבעריקע צוויי פערד, און אָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ העצעיאַגד. איין פערד איז אַרויסגעשפּרונגען פון די אָגלאָבלעס, און ווען עס האָט באַמערקט, אַז דער שליטן שלעפּט זיך אומעטום נאָך אים, האָט עס אָנגעהויבן צו לויפן גאַלאָפּ איבער די בערג און אייזשפּיצן, דערביי איז עס שיער נישט אַריבערגעפאָרן פאָנטינגען מיט זיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. לסוף איז עס, מיד און אָפּגעשוואַכט, געקומען צולויפן, ווי אַ שטורם-ווינט צוריק אין לאַגער אַריין. ביי אַן אַנדער פור האָט מען אָנגעבונדן הינטער מיין שליטן דאָס צווייטע פערד, און אָט האָט דאָסדאָזיקע פערד צעריסן זיין צוים און איז אַנטלאָפן ווי אַ ווינט. דער שליטן האָט דאַדורך באַקומען אַזאַ שטויס פאָרויס, אַז דער איינגעשפּאַנטער פּאָני איז צעווילדעוועט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען מיט די הינטערפיס פון די אגלאָבלעס. איך האָב אים געמוזט פריי לאָזן און ער איז אַנטלאָפן. לסוף האָט מען אים געפּאַקט און ווידער איינגעשפּאַנט. ער האָט אָבער די משא פון שליטן אַרויסגעשליידערט און איז געקומען צולויפן אין לאַגער אַריין מיט אַ ליידיקן שליטן. און אָט אַזוי האָבן מיר איצט אָנשטאָט צוויי ווילדע פערד—דריי, און מיר זיינען גאָרנישט זיכער, אַז אין אַ געפערלאַכן מאָמענט וועלן אויך די איבעריקע פערד צעיושן זיך און צעווילדעווען. דידאָזיקע שוועריקייטן האָבן זיך אונז געלייגט, ווי אַ לאַסט אויפן געמיט.

12 יאַנואַר. נעכטן איז, צוליב אַ שטאַרקן שטורווינט, יעדע אַרבעט אין דרויסן אוממעגלאַך געווען. דערפאַר האָט מען געשמאַק געאַרבעט אין הויז. דאָרט איז שוין כמעט אַלץ פאַרטיק. הינטער אונזער לאַגער האָבן מיר געפונען אייז. בשעת מיר האָבן געגראָבן אין דער ערד, האָבן מיר אינם אייז געמאַכט אַ מין שפּייזקאַמער—אַ טונעל, דריי מעטער לאַנג.

איך בין היינט געפאָרן מיט מיינע הינט צום ערשטן מאָל אויפן סיבירישן שטייגער. שווער איז עס נישט געווען, אָבער איך האָב אין די קריטישע מאָמענטן פאַרגעסן די רוסישע אויסרופן, וועל-

כע די הינט פאַרשטייען. אויף די דעפּאָ-נסיעות וועלן מיר נאָך פיל מוזן לערנען. נאָכמיטאָגצייט איז געקומען פון שיף אַ ידיעה, אַז דאָרט איז שוין געבליבן אַרויסצופירן אויף דער יבשה נישט מער, ווי שעפּסנפלייש, ביכער, בילדער און אַ פּיאַנינאָ. דאָס הייסט איז שוין אַזוי ווייט פאַרטיק, אַז מען קאָן זיך אַהין אַריינציען. אָבער דאָס וועט פאָרקומען ערשט אַכט טאָג שפּעטער. דערווייל גייט נאָך דאָרט די אַרבעט: אין די זייטיקע אָפּטיילונגען—אַ טונקל צימערל פאַר פאָטאָגראַפישער אַרבעט, זומפּסאָנס מעטעאָראָלאָגישען קאַמער און אַנדערע זייטיקע צימערן. פון מאָרגן אָן מוז מען אָנהויבן באַלאָדן די שיף מיט באַלאַסט—שטיינער און זאַמד, וואָס מיר האָבן דאָ איבערגענוג. אין 10 טעג אַרום וועט זיך אָנהויבן די דעפּאָ-נסיעה. מאָרגן וועל איך שוין מאַכן די נויטיקע הכנות דערצו און באַשטימען די מענטשן, וועלכע וועלן נויטיק זיין צו פירן די פערד און די הינט. איך האָב שוין אויך צוזאַמענגע-שטעלט אַ פאַראָרדנונג וועגן דער פּאַשע, וואָס די „טערראַ נאָ-ווא" דאַרף אונז ברייגנען דאָס קומענדיקע יאָר. ביז יענער צייט וועט שוין קלאָר ווערן, צי איך דערגרייך מיין ציל—צום פּאָל—אָדער נישט.

# אין דער ווינטער־קוואַרטיר.

זונטאָג, 15 יאַנואַר, 1911. אַ פּרעכטיקער רו-טאָג, אַ סך זון, נישטאָ קיין ווינט! מיר זיינען שפּעט אויפגעשטאַנען, ווייל דער פרישטיק האָט געדאַרפט פאַרטיק ווערן ערשט 9 אַ זייגער. אַרום צען אַ זייגער קומען אָן אָפיצירן און מאַטראָזן פון שיף און דאָס ערשטע מאָל בעטן מיר צו גאָט אויף דער יבשה. דאָס מאַכט אויף אַלעמען זייער אַ שטאַרקן רושם.

נאָכן צווייטן פרישטיק האָב איך גענומען אַ שליטן מיט ניין הינט און מייערן—זייער פירער, און האָב זיך אַוועקגעלאָזט צום גלעטשער, איבערן אייז, מיטן ים. דער וועג אויף דער יבשה איז מייערן שוין געווען באַקאַנט. די הינט האָבן לייכט געצויגן דעם שליטן און מיר זיינען געשווינט געקומען צום גלעטשערשפּיץ. אַרויפגעקומען אויפן שפּיץ גלעטשער, האָבן מיר דערזען רעכטס פון אונז דעם דעפּאָ, וואָס דער פאָלרייזנדער שעקעלטאָן האָט דאָ אויפגעשטעלט אין יאָר 1908 און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו אים. מיר האָבן דאָרט געפונען פיל געפּרעסטן היי און אַ סך קאַסטנס מאַאיס. דער אָפענער ים האָט שוין דערגרייכט סאַמע ביזן גלעטשער.

בשעת מיר זיינען אַראָפּ פון גלעטשער, האָבן מיר דערזען, אַז דאָס אייז האָט זיך צעשפּאָלטן און אַז מיר זיינען אָפּגעשניטן דורך אַ פינף מעטערברייטן קאַנאַל. האָבן מיר דעריבער געמוזט צוריק אַרויפקריכן אויפן גלעטשער און גיין אַראָפּ הונדערט מעטער לינקס. אָבער אויך דאָ האָבן מיר געפונען אַ ברייטן שפּאַלט.

האָבן מיר זיך געלאָזט גיין לײנגאױס דעם שפּאַלט, ביז מיר זײַנען געקומען צו דעם היטערשפּיץ. אומעטום, אַרום די שפּאַלטן, זײַנען געלעגן הונדערטער ים-הינט.

אין מײַן אַלט הײזל, װאָס איך האָב דאָ אױסגעבױט אין יאָר 1902, האָבן מיר, לײדער, געפונען פול שנײ. שעקעלטאָן האָט דערצײלט, אַז די טיר איז דורכן װינט אַראָפּגעריסן געװאָרן, און דעריבער האָט דער שנײ געקאָנט לײכט אַרײַנדרינגען. שעקעלטאָן מיט זײַנע חברים זײַנען אין הײזל אַרײַנגעדרונגען דורכן פענסטער און האָבן דאָ פאַרבראַכט אַ לײנגערע צײַט. אַז זײ האָבן פאַרלאָזן דאָס הײזל, האָבן זײ דעם פענסטער צוריק ניִשט פאַרקלאַפּט. איצט האָבן מיר דאָ געקאָנט זיך אָפּשטעלן און אין אַ װינקעלע האָבן מיר זיך אױפגעקאָכט קאַקאַאָ.

16 יאַנואַר. די נאַכט האָבן מיר, אין אַזעלכע באַדינגונגען, שלעכט געשלאָפן און מיר זײַנען שפּעט אױפגעשטאַנען. ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער דרום-מזרח-װינט, אָבער די זון האָט געשײַנט. איך בין אַרױף אױף אַ בערגל און האָב זיך איבערצײַגט, אַז די לאַגע איז גאָרניִשט אַזױ שלעכט. די אַלטע טערמאָמעטערן האָבן זיך נאָך אַרױסגעװיזן פון שנײ, אַ שטײגער, װי מען װאָלט זײ נעכטן דאָרט אױפגעשטעלט, און אַ צלם, װאָס מיר האָבן דעמאָלט אַװעקגעשטעלט אױפן קבר פון אַ פאַראומגליקטן חבר, איז נאָך אױך אַזױ פריש געװען, פּונקט װי מען װאָלט אים ערשט נעכטן אַװעקגעשטעלט: סײ די פאַרב און סײ די אױפשריפט זײַנען נאָך געװען גאָר פריש.

צוריק אַהײם זײַנען מיר געקומען מיטן זעלבן װעג. דידאַזיקע עקסקורסיע האָט מיר דערװיזן, אַז אױף אונזער דעפּאָ-נסיעה װעלן מיר מוזן בלײַבן אַ לײנגערע צײַט, אָפּגעשניטן פון אונזער װינטערקװאַטיר, װײַל דאָס אײַז אין די ים-אױסגוסן װעט ערשט שפּעטער אין מערץ רעכט אײַנפרירן.

17 יאַנואַר. הײַנט האָבן מיר זיך מיט גרױס פּאָמפּע אַרײַנגעצױגן אין אונזער הױז. ס'איז אַ פּרעכטיקער בנין מיט אַלע באַקװעמלעכקײטן. 14 טעג ערשט געפינען מיר זיך דאָ, און אָט האַלט

איך שוין אַזוי ווייט, אַז איך קאָן זיך לאָזן רוהיק אין מיינע דעפּאָ-נסיעות.

דאָס אייזפעלד צווישן אונזער ברעג און דער שיף ברעכט זיך איין דוקא פּאַראַלעל מיט אונזער פאַרבינדונגסוועג, אַזוי, אַז מיר קאָנען לייכט אַריינקומען אין שיף. נעכטן זיינען מיר פון שיף צום ברעג געפאָרן מיטן וואַלפישיפּל. לאַנג וועט זיך אַלענפאַלס נישט האַלטן דאָס אייז, אין וועלכן די „טערראַ נאָוואַ" ליגט פאַר-אַנקערט. היינט איז אַ גרויסער אייזבאַרג פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער שיף.

18 יאַנואַר. ווי איך האָב פאָרויסגעזען, האָט אַרום איינס ביינאַכט דאָס אייזפעלד אָנגעהויבן געשווינט זיך צו שפּאַלטן אין פיל ער-טער און ווי נאָר מען האָט די מאַשין איינגעהייצט, האָט די שיף זיך געלאָזט גיין. אינדערפרי האָט מען אָבער ווידער גע-קאָנט באַפעסטיקן די שיף ביים ברעג פון אייז. איצט איז די שיף ווייט פון אונזער הויז נישט מער ווי 350 מעטער. זיכער מיט דער לאַגע פון דער שיף זיינען מיר אָבער נאָך נישט, דען עס זיינען פאַראַן אַלערליי איבערראַשונגען.

20 יאַנואַר. אונזער הויז צעשפּרייט זיך שוין אין אַלע זייטן. בויער האָט אויסגעבויט צום דרום פון הויז אַ שפּייכלער פאַר זאַפּאַסן און מלבושים. דערדאָזיקער בנין באַשיצט אויך פון ווינט דעם אַריינגאַנג אין שטוב. די שטאַלן אין צפון-זייט זיינען שוין אַזוי גוט ווי פאַרטיק. נילסאָן האָט זיך צוגעבויט זיין אָפּטיי-לונג אין מזרח און סימפּסאָן — אין דרום-מזרח. פּאָנ-טינג האָט זיך איינגעאָרדנט אַ פינסטער צימער, ווי אַן עכטער בוימייסטער. אונזער חבר רעניק האָט היינט אויפגעשטעלט די פּיאַנינאָ, וואָס מיר האָבן טיילווייז איינגעפּאַקט, געבראַכט אויף דער שיף. אויך סימפּסאָנס אייזקעלער איז שוין כמעט פאַר-טיק פאַר זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, און אונזער ביאָלאָג עט-קינזאָן האָט שוין געמאַכט אַ וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג — ביי אַ פינגווין אין מאָגן האָט ער געפונען אינגעווייד-ווערים.

דעם פינפאונצוואַנציקסטן יאַנואַר וועט זיך אָנהויבן אונזער דעפּאָ-נסיעה. עוואַנס האָט שוין צורעכט געמאַכט די שליטנס, בויער

גרייט-צו דעם פראָוויאַנט, וואָס מען ברויכט אָפּצופירן, ווי אויך מלבושים, פילצשטיוול, הענטשקעס און אַז. וו. מיר האָבן שוין אויך אויסגעטיילט פילצשטיוול צום לויפן אויפן שניי און שלאָף-זעק. די מעגלאַכקייט צו בלייבן אָפּגעשניטן פון אונזער ווינטער-קוואַטיר צווינגט אונז מיטצונעמען פיל פראָוויאַנט און פּאַשע. דעי לעגט נאָך אַלץ גרויסע האָפנונגען אויף די מאַטאָרשליטנס. די הינט און די פּאָניס שפּירן זיך אין דער קעלט גאָרנישט שלעכט, אָבער געגן דעם ווינט פּאַרעקשנען זיי זיך. זיי וועלן זיך אָבער אויך דערצו צוגעוויינען. נישט אומזיסט האָט דאָך די נאַטור זיי באַזאָרגט מיט דיקע פּעלצן. באַלד ווי אונזערע פּאָניס וועלן אונז גליקלאַך אַריבערפירן אונזערע זאַפּאַסן איבער די גלעטשערס, בין איך זיכער אין דעם ערפאָלג פון אונזער נסיעה.

21 יאַנואַר. די זאָרג פאַר אונזער שיף לאָזט מיך נישט צורו. דאָס אייז אַרום ברעכט זיך און די שיף ווערט אַ שפּילכל פאַר די ווינטן. צום גליק האַלטן זיך נאָך די אַנקערס. פּענעל האָט געלאָזט איינהייצן די מאַשין און איך וועק אונזערע לייט צו הילף. אַרום זעקס אַזייגער האָט דיר שיף שוין געהאַט דאַמף און זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן אין מערבזייט. כמעט באַלד נאָכדעם איז מיט אימפּעט אָנגעפלויגן אַן אייזבאַרג גלייך צו יענעם אָרט, וואו די שיף איז געשטאַנען.

נאָכמיטאָגצייט איז די שיף געקומען צוריק צום צפונדיקן אייזבערג. כ׳האָב אַרויסגעשיקט עוואַנסן מיטן וואַלפיששיפל, ער זאָל מאַכן באַאָבאַכטונגען און האָב געהייסן, מען זאָל אויפהויבן די אַנקערס. ווען די שיף זאָל, חלילה, אונטערגיין און דאָ זאָקן בלייבן זעכ-ציק מענטשן, וואָס וועלן וואַרטן אומזיסט אויף לעבנסמיטלען פון נייזעלאַנד,—מען קאָן משוגע ווערן ביים דאָזיקן געדאַנק! מיין איינציקע טרייסט איז—נישט פאַרצווייפלען און גיין פעסט צום ציל!

די שיף האָט זיך לאַנגזאַם געדרייט. כ׳האָב געזען, ווי די מאַ-טראָזן זיינען געלאָפן פון איין זייט צום צווייטן איינצוהאַלטן פעסטער די שיף. ענדלאַך איז זיי דאָס געלונגען. די שיף באַ-וועגט זיך שוין ווייטער. איצט איז די שיף שוין זיכער פאַראַנ-

קערט ביים צפון-אייז.

24 יאַנואַר. מאָרגן הויבט זיך אָן אונזער וואַנדערונג. מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג אַריין זאַלבעצוועלפט: עטקינזאָן און קרין, עוואַנס, פארד און קיהן, מייער, ווילסאָן און איך, בויער, דייטש, גאראר און גראָן. דערצו נעמען מיר אַכט פערד און זעקסאונצוואַנציק הינט. לעבנסמיטלען, פאַשע און ברענשטאָף האָב איך באַרעכנט אויף פערצען וואָכן. היינט ווידער די שליטנס מיט אַלע זייערע מכשירים, ווי: כּלים, געצעלטן, שטאַנגען, שטריק, וואָל, שפּירט-מאַשינקעס צום קאָכן, שלאָפזעק, פּוסשליטעלאַך, געצייג, מלבושים און אַז. וו.—בסך הכל אַ היבש ביסל משאות פאַר אונזערע פערד און הינט.

26 יאַנואַר. דער לעצטער טאָג אויף אונזער שיף „טערראַ נאָוואַ". געכטן בין איך מיט אַ הונט אָפּגעפאָרן צום שיף. די נסיעה איז בשלום אַדורכגעלאָפן. אָבער אָט האָבן די הינט באַמערקט אין אַן אייזשפּאַלט אַ וואַלפיש און באַלד זיך געוואָרפן אויף אים! מיר איז קוים געלונגען אָפּצוהאַלטן, זיי איידער זיי זיינען אַריינגעשפרונגען אין וואַסער. אויפן שיף האָב איך אָנגעשריבן בריף אַהיים און געמאַכט פאַרשידענע פאַראָרדנונגען.

היינט נאָכמיטאָגצייט, אַרום פינף אַ זייגער, לאָזן מיר זיך אַנטגילטיק אין וועג אַריין. פריער האָט פּענעל אַרויסגעפירט אויפן דעק אַלע מאַטראָזן. איך האָב זיי געדאַנקט פאַר זייער ערלאַכער אַרבעט. דאָס זיינען געווען טיכטיקע מאַטראָזן, אין זייער געזעלשאַפט האָט מען זיך גוט געפילט און גוט געאַרבעט. לסוף האָבן מיר זיך מיט אַלעמען געזעגנט. זאָל זיי גאָט באַשיצן אויפן ים און אונז אויף דער יבשה!

# דער ערשטער מאַרש קיין דרום.

שבת, 28 יאַנואַר 1911. מיר זיינען שוין אין וועג! לאַנגזאַם אָבער זיכער מיידן מיר אויס די געפאַר אַוועקגעשלעפּט צו ווערן מיטן אייז. היינט האָבן די פּאָניס אָפּגעפירט די לעצטע משא פון אונזער ערשטן לאַגער און איך האָב געזוכט דעם וועג אויפן גרויסן נייעם אייזבאַרג, וועלכן איך האָב באַמערקט דעם 16-טן ביי דער עקסקורסיע צום דיסקאָווערי-הייזל. אַרום שפּיץ ערמיטאַזש איז דאָס אייז געווען געפּערלאַך דין און פאַרשאָטן מיט שניי. מיר האָבן דעריבער געמוזט מאַכן אַ וועג, כדי צו גיין זיכערער.

איך האָב זיך אומגעקערט אין לאַגער. דאָרט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איין פערד „יאַקאָבשוויין" האָט אָנגעהויבן הינקען און דייטש האָט געקוקט זייער פּעסימיסטיש אויף דער צוקונפט, הגם נעכטן איז ער נאָך געווען שטאָלץ מיט זיינע פערד. די הינט, ווידער, זיינען נעכטן געווען זייער מיד. עטקינזאָן האָט זיך צוריבן די קנעכלאַך פון די פיס און ער מוז אַ טאָג ליגן אין בעט. די איבעריקע לייט האָבן נעכטן פאַרבראַכט אין ביסקאָווערי-הייזל, כדי אָפּצורוימען עס פון שניי. אַ פּעולה האָבן זיי געהאַט אַ קליינע, אָבער זיי האָבן דאָרט אַנטדעקט אַ גרויסע מאַסע זאַפּאַסן: סוכאַרעס, פּוטער, קאַקאַאָ און אַז. וו. אַזוי־אַרום האָב איך נישט באַדאַרפט זאָרגן פאַר פּראָוויאַנט, אויב די נסיעה צוריק זאָל זיך פאַרציען.

באַכמיטאָגצייט האָב איך געפירט די פּאָניס פינף קילאָמעטער צו

דרום, צו יענעם וועג, וואָס איך האָב אַנטדעקט. דאַן זיינען מיר געגאַנגען קיין מזרח. ווען מיר זיינען געקומען צום ברעג אייז, האָב איך דערזען, ביי אַ האַלבן וויאָרסט צו צפון, עפּיס אַ טונקעלע זאַך. שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז דאָס זיינען געווען די שפּיצן פון צוויי געצעלטן, משמעות, שעקעלטאָנס. זיי זיינען געווען ביז העלפט פאַרשאָטן מיט שניי.

זונטאָג, 29 יאַנואַר. היינט, נאָכן פרישטיק, האָב איך אָפּגעריכט אַ תפילה צו גאָט און דאַן האָבן מיר געהאַט אַ גליקלאַכן טאָג. די זיבן צוריקגעפונענע פערד זיינען צווייטאָל געפאָרן צו דער אייזגרעניץ, אַ מהלך פון 33 קילאָמעטער. אַ העלפט וועג האָבן זיי געפירט פיל משא און זיינען נישט איינגעמידט געוואָרן. דייטשס פערד איז ביים איינשפּאַנען אַרויסגעשפּרונגען פון די אָגלאָבלעס, צובראָכן אַ שטיק שליטן און איז אַנטרונען געוואָרן. גראָן האָט געמאַכט אַ פּראָבע צום ערשטן מאָל: ער האָט אָנגעטאָן פוסשליטעלאַך, בשעת ער איז געגאַנגען מיטן פערד און שליטן אין וועג. דאָס פערד איז געגאַנגען גוט, בשעת גראָן איז געגאַנגען הינטערן שליטן. איז ער אָבער אַרויסגעגאַנגען פאָרויס, האָט דאָס פערד זיך דערשראָקן פאַרן סקריפּען און האָט זיך געלאָזט לויפן געשווינטער, ווי זיין געוויינהייט איז געווען. גראָן האָט קוים באַוויזן אים נאָכצעהאלטן.

די הינט האָבן זיך אויפגעפירט אויסגעצייכנט. די ערשטע משא האָבן זיי אָפּגעפירט דריי קילאָמעטער ווייטער פון דער אייזגרעניץ, אויפן אָרט, וואָס כ׳האָב באַשטימט פאַר אַ פּראָוויאַנטשפּייכלער פאַר דער שפּעטערדיקער צוריק-נסיעה פון פּאָל. נאָכמיטאָגצייט האָבן די הינט אַוועקגעפירט אַהין אַ צווייטן טראַנספּאָרט. בסך הכל זיינען די הינט אַדורכגעלאָפן דעם טאָג 45 וויאָרסט!

ווילסאָן האָט מיט זיינע הינט געהאַט נאָר צרות. האָבן זיי נאָר דערשמעקט ים-הינט, זיינען זיי תיכף ומיד ווילד געוואָרן. די ים-הינט זיינען געלעגן אויפן וועג אין די הונדערטער און פלעגן פלוצלונג אַרויסשטעקן זייערע קעפּ פון יעדן לאָך אין אייז. די הינט פלעגן זיך באַלד וואַרפן אויף זיי, פלעגט זיך ווילסאָן

וואַרפן מיט דער בייטש אויף די הינט, פלעגן זיי מאַכן אַ פּלאָנ־טער אין די לייצעס. פלעגט ער זיך נעמען פאַנאַנדערפּלאָנטערן די לייצעס, פלעגן די הינט אָרויסשפּרינגען און פלוצלונג אַוועק־שלעפּן דעם גאַנצן שפּאַן מיט ווילסאָנען צוזאַמען. ער איז איינ־מאָל מיטגעשלעפּט געוואָרן אַזוי ווייט, ביז די הינט האָבן זיך איינגעמידט.

30 יאַנואַר. מיר געפינען זיך אינם „זיכערקייט־לאַגער", 77 גראַד מיט 55 מינוט דרום־ברייט (לערך 12 הונדערט וויאָרסט פון דרום־פּאָל). אויפן וועג אַהער האָבן מיר היינט געהאַט גרויס שרעק: די פערד זיינען פלוצלונג טיף איינגעזונקען און די לעצ־טע דריי קילאָמעטער האָט זיי געקאָסט מער מי, ווי דער גאַנ־צער וועג. נאָכן צווייטן פרישטיק האָבן מיר דעריבער אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און באַשלאָסן צו גיין ווייטער מיט פּראָוויאַנט אויף פינף וואָכן. נאָך 12—13 טעג איינאָרדנען אַ שפּייכלער מיט לעבנס־מיטלען פאַר צוויי וואָכן און קומען צוריק.

2 -ער פעברואַר. צוויי פאַרלוירענע טעג! מיר האָבן אייערנעכטן געפּרובט מיטן מידן ווילי די פוסשליטעלאַך. פאַר די פערד האָט עס געהאַט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג, דאָרט, וואו דאָס פערד פלעגט איינ־זינקען און בלייבן אָן כחות, איז עס איצט געלאָפן ווי אויף אַ האַרטן וועג. מייער און ווילסאָן זיינען דעריבער אַוועק צוריק צו אונזער הויפּטקוואַטיר, צו ברייגגען אַ גרעסערע צאָל פוסשליטעלאַך. אָבער נעכטן זיינען זיי מיט ליידיקע הענט צוריקגעקומען. דאָס אייז האָט זיך אויפן וועג געשפּאָלטן, און מיר זיינען אָפּגעשניטן פון אונזער ווינטערקוואַטיר! מילא, וועלן מיר פאָרן מיט פערד אָן פוסשליטעלאַך.

דאָס, וואָס מיר האָבן אָפּגערוט אַ פּאָר טעג, איז געווען ווי גע־וואונשן פאַר עטקינזאָנען. אָבער אַז מיר האָבן באַטראַכט זיין פוס, האָבן מיר איינגעזען, אַז עס איז אוממעגלאַך אויסצוהיילן זיין פוס. ער מוז דעריבער דאָ איבערבלייבן צוזאַמען מיט קרי־נען. צום גליק איז דאָס מעגלאַך, ווייל מיר האָבן דאָ אַ גוט גע־צעלט און אַ סך קאָך־אַפּאַראַטן. אייערנעכטן ביינאַכט האָבן מיר צום ערשטן מאָל געהאַט אַ פראָסט פון 16 מיט אַ האַלבן גראַד.

ווען מיר זיינען האַלב צוועלף אינדערפרי ווידער אַרויסגעטראָטן אין וועג, האָבן מיר, צו אונזער שמחה, דערזען, אַז דער וועג איז האַרט, און די פערד זינקען שוין מער נישט איין. אַזוי זיי־נען מיר אָפּגעגאַנגען ניין קילאָמעטער אָן אַ שום עכּוב. בוזערס פערד האָט דערבײַ זיך אַזוי שטאַרק אָנגעשטריינגט, אַז עס איז באַדעקט געוואָרן מיט שוים. ווען דער פראָסט וועט זיך אַ ביסל שטאַרקן, וועט דער וועג ווערן נאָך בעסער. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן אונזער נסיעה נישט בייטאָג, נאָר ביינאַכט, ווען דער פראָסט איז שטאַרקער. דרך אגב, בייטאָג, ווען ס׳איז וואַרימער, קאָנען די פערד אויך בעסער זיך אויסרוען.

מיר זיינען דעריבער געבליבן בייטאָג אין געצעלט. גראַן האָט דערווייל זיך געלאָזן לויפן אויף זיינע פוסשליטעלאַך צוריק אין לאַגער, כּדי צו נעמען פוסשליטעלאַך פאַר זיין פערד. אויפן גרויסן ווייסן שטח זעט אויס אונזער געצעלט ווי אַ קליינטשקער פּונקט. עס איז טויטשטיל אַרום. מען הערט נישט מער דאָס סקריפּען פון די פוסשליטעלאַך, דאָס שילטן די פערד, דאָס גע־רויש פון די שליטנס, דאָס געלויף פון די הינט. נאָר ווען־נישט־ווען דערהערט זיך דאָס בילן פון אַ הונט, דאָס הירזשען פון אַ פערד, דער סקריפּ פונם שניי אונטער עמיצנס טריט. פון דרום קומען שניי־וואָלקנס, וואָס זאָגן אָן אַ שטורם. אין דער לופטן טראָגט זיך אַ שניי־פּודער, וואָס דרינגט אַריין צו אונז אין גע־צעלט, ווי אַ פיין מעל און שטעכט אונז אין פּנים, ווי זאַמד. די זון קוקט־אַרויס ווי דערשראָקן און פאַרשעמט פון הינטער די שטיקער וואָלקנס און שיקט אונז נאָר טונקעלע שטראַלן און ליכט אָן שאָטנס. איינער נאָכן אַנדערן פאַרשווינדן מיר אין אונזערע שלאָפזעק.

3 פעברואַר. נעכטן אין אָוונט אַרום 10 אַ זייגער האָב איך אויפגעוועקט דעם עולם. האַלב עלף זיינען מיר אַרויס אין וועג און אַדורכגעגאַנגען 16 קילאָמעטער. דאָ איז פּלוצלונג בויער אַריינגעפאַלן מיט זיין פערד אין ווייכן שניי און באַלד נאָך אים האָט זיך דאָס איבערגעחזרט מיט אַנדערע פון אונז. די איינגע־זונקענע פערד האָט מען געמוזט באַפרייען פון שפּאַן, ערשט דאַן

האָט מען זיי געקאָנט אַרויסשלעפּן פון שניי. איצט האָבן מיר די פערד אָנגעטאָן פּוסשליטעלאַך און אַ וואונדער איז געשען: מיר רוקן זיך פאָרויס מיט גרויס ערפאָלג. אָ, ווען מיר האָבן נאָך אַכט פּאָר שליטעלאַך! אָט אַ פּאַרדרוס, אַזעלכע נוצלאַכע זאַכן זיינען געבליבן ליגן אינם ווינטערלאַגער אָן שום נוצן!

וויפיל סורפּריזן מיר האָבן טאָג-טעגלאַך. יעדע שעה קאָן אונז ברייינגען אַ נייעם עכּוב אין דער נסיעה. מעגלאַך, אַז דוקא דאָס מאַכט די נסיעה אַזוי אינטערעסאַנט!

4 פעברואַר. אין דערנאַכט האָבן מיר אַדורכגעמאַכט 20 קי-לאָמעטער. תּחילת איז עס שווער צוגעגאַנגען, שפּעטער אָבער איז דער וועג פעסטער געוואָרן און מען האָט זיך גערוקט לייכ-טער פאָרויס. מיר האָבן אָבער געמוזט אַדורכגיין פיל שפּאַלטן. אין צוויי שפּאַלטן איז אַרייינגעפאַלן אַ פערד. מען האָט עס קוים אַרויסגעשלעפּט. קיין יעגער וואָלט אַזעלכע נעצן נישט געקאָנט אַזוי קונציק אויסשטעלן, ווי די נאַטור מאַכט עס! אָט האָבן מיר אַ שיינעם שנייוועג פאַר זיך. דאַכט זיך, אויסגעצייכנט, און פּלוצ-לונג—באַץ, דאָס פערד איז איינגעזונקען ביז די אויערן, גיי, שלעפּ עס אַרויס!

צוויי ווייסע הינט פון מייערס קאָמפּאַניע זיינען אין דערהיים געווען דרעסירט אָנצופאַלן אויף פרעמדע מענטשן. אויפן שיף האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן רוהיק, אָבער זיי רייסן זיך, ווי ווילדע בעסטיעס, ווען אַ זייטיקער מענטש, נישט זייער פירער, דערנענ-טערט זיך צו זיי. איינמאָל האָב איך עפּיס געהאַט צו זאָגן מייערן, אַז איך בין נאָר צוגעגאַנגען צו אים, האָבן די הינט זיך גע-וואָרפן אויף מיר און איינער פון זיי האָט מיך איינגעביסן. קיין שטעקן האָב איך בעת-מעשה נישט געהאַט אין דער האַנט און ווען נישט מייער, וואָלטן די הינט מיך צעריסן!

הונגער און מורא דעמאָראַליזירן די הינט. אַ הונגעריקער מאָגן מאַכט אַ הונט ווילד. אין די לייצעס לעבן זיי צווישן זיך בשלום. אָבער אַז מען פירט זיי צו דער אכילה, הויבט זיך אָן צווישן זיי אַ רייסעניש, און אַ בייסעניש, און אַ בילעריי—משוגע צו ווערן!

כל זמן זיי לויפן אין שפּאַן איז אַלץ גוט, ווי נאָר אָבער ס׳מאַכט זיך עפּיס אַ שרעק, נעמען זיי זיך צונויף ווי אַ קנויל און עס הויבט זיך אָן אַ רייסעניש און אַ בייסעניש. דערדאָזיקער הינטישער כאַראַקטער פאַרלייכטערט אַמאָל דאָס געוויסן, ווען ס׳קומט אויס ביים דורכפירן אַזעלכע מענטשלאַכע פּלענער ווי אונזערע, צו ברייגען אַ קרבן די חיה, וואָס האָט אונז געדינט...

די הינט מוזן אָדער פרעסן, אָדער שלאָפן, אָדער זיין באַשעפטיקט מיט עפּיס. דאָס ליידיגיין פּאַראַליזירט זיי. צוברעכט זיך מיט אַ קנאַקערײ דער שניי-שאָלעכץ און עמיצער פאַלט אַהין אַריין, איז פאַר די הינט אַן אמתער יום-טוב. טיילמאָל דאַכט זיך די הינט, אַז אונטערן שניי באַהאַלט זיך אַ האָז, צי אַ קראָליק,—איז אַ שמחה, אַ גדולה. טייל הינט זיינען בעלנים צו זיין משגיחים: קוים דערזעען זיי, אַז אַ חבר פּוילט זיך אין שפּאַן, וואַרפן זיי זיך אויף אים אַריין אין די ציין.

8 פעברואַר. 75 שעה נאָכאַנאַנד האָט געוועלטיקט אַ שטורם-ווינט און אונזער געדולד האָט שיער נישט געפּלאַצט. ס׳האָט אָנגעטראָגן אַזויפיל שניי, אַז מיר האָבן דערנאָך געמוזט אַרויסגראָבן אונזערע שליטנס. אין דערדאָזיקער צייט האָט מען די נאַז נישט געקאָנט אַרויסשטעקן אין דרויסן. מען האָט אָבער געמוזט געבן עסן די פערד און די הינט, און ביי אונז דרייט זיך קיינער נישט אויס פון אַרבעט. ווייטער האָבן מיר די צייט פאַרבראַכט אין געצעלט אין עסן און שלאָפן, שלאָפן און עסן. מערקווירדיק, וויפיל אַ מענטש קאָן שלאָפן!

ערשט נעכטן האָט נאָכגעלאָזט דער שטורם. עס האָט זיך באַוויזן די זון, דער גאַנצער דרום-הימל איז לויטער און קלאָר געוואָרן, דער שטורם האָט שטאַרק אָנגעגריפן אונזערע פערד. מיר האָבן עס באַמערקט היינט אין וועג ביינאַכט. די פערד זיינען עפּיס טעמפּ געוואָרן און אייניקע פון זיי אויך מאָגערער. פאָרדס פערד האָט זיך גאָר אָפּגעזאָגט צו שלעפּן דעם שליטן און פאָרד האָט געמוזט אַליין שלעפּן זיין שליטן צוזאַמען מיטן צווימל פונם פערד. אַזאַ פערד האָט מען בעסער גאָרנישט געברויכט צו נעמען אין

וועג. די הינט האָבן אין שטורם זיך איינגעגראָבן אין שניי און זיך געלעגן דאָרט אין דער וואַרים, צום עסן פלעגן זיי אַרויסגיין דערהיצטע, ווי פון אַ באָד. פאַר זיי איז דער שטורם געווען נישט מער ווי אַן אָנגענעמע געלעגנהייט זיך אויסצורוען.

10-ער פעברואַר. מיר גייען ווידער נישט שלעכט פאָרויס. אייער-נעכטן זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען 19 קילאָמעטער, נעכטן 20 און היינט 22. דער באָדן איז האַרט, די זון שיינט. אָט אַזוי לער-נען מיר זיך ביסלאַכוויז, ווי אַזוי דורכצעפירן איבעראַיאָר אונ-זער עקספעדיציע צום פאָל, אויב די פאָניס וועלן נאָר אויסהאַלטן. אַ זייגער ניין אין אָוונט קריכן מיר אַרויס פון אונזערע שלאָפ-זעק. אַרום האַלב צוועלף הערט זיך דייטשס „לייבן-שטים: וואָס הערט מען אין דרויסן?" מען ענטפערט: „גרייט!" און אָט הויבט זיך אָן די קאַלטע אַרבעט פאַר די פינגער און פאַר די פיס. ביי די פערד נעמט מען אַרונטער די דעקעס פון לייב און מען שפאַנט זיי איין. די געצעלטן און אַלע מכשירים ווערן פאַרפאַקט אויף די שליטנס. מען פילט אָן די זעקלאַך מיט פאַשע פאַר דער נאָנטער רו-סטאַציע. ווערט ווער פאַרטיק, ווערט ער אומגעדולדיק, וואַרטנ-דיק אויף די איבעריקע. ווילסאָן און מייער גיבן אַלעמען הילף. מ'האַלט די לייצעס מיט פאַרפרוירענע פינגער. דאָס פערד דרייט אָפ דעם קאָפ פון ווינט און דאָ און דאָרט יאָמערט אַ הונט.

לסוף דערהערט זיך די קאָמאַנדא: „פאַרטיק! בויער מאַרש פאָ-רויס!" בויער פירט זיך זיין הויך פערד מעסיק און געלאַסן. אויך די פערד האָבן זיך שוין אָפגעקילט. גיט מען אַ צי פאַר די לייצעס, לאָזן זיך טייל פון זיי לויפן אַזוי, אַז די באַגלייטער קאָנען זיי קוים נאָכיאָגן. תחילת גייט עס צו גאַנץ לעבעדיק, באַלד אָבער טרעפט אָן אַ פערד אויף אַ ווייכן שניי און פאַלט אַריין. די שוואַכערע פערד שטייען אָפ אַ ביסל, אָבער זיי דעריאָגן דעם קאַראַוואַן, ווי נאָר מען שטעלט זיך אָפ אַ ווײַלע.

מאַכט מען דורך אַ האַלבן וועג, שטעלן מיר זיך אָפרוען. בויער טרעט דאַן אָפ אַ ביסל לינקס, זיינע געצעלט-חברים—אַ ביסל רעכטס, כדי צו דערהאַלטן די פערד נישט האַרט איינע ביי די

אַנדערע. דייטש און איך, — ביידע שטעלן מיר זיך אָפּ הינטער בויערן און עוואַנסן. אַט אַזוי ווערט אונזער לאַגער איינגעאָרדנט. אַ פּאָר מינוט שפּעטער קומט אויך די אָפּטיילונג מיט די הינט. תּיכּף ווערן אויפגעשטעלט די געצעלטן, די פערד ווערן צוגע־דעקט און דער זאַק פאַשע ווערט זיי אויפגעהאַנגען. די קאָך־אַפּאַראַטן ווערן אָנגעצונדן. באַלד עסט מען און מען טרינקט און מען רוט זיך אויס. דאָס דויערט אַ שעה אָנדערטהאַלבן און דאַן לאָזט מען זיך ווייטער אין וועג אַריין. אַכט אַ זייגער אינדער־פרי הויבט זיך אָן אונזער נאַכטלאַגער. האַלב צען ליגען שוין אַלע אין די שלאָף־זעק. ביי טאָג אָבער אַרבעט מען און מען בויט אויס די שנייווענט פאַר די פערד. דאָס איז די טאָגאָר־דנונג פון אונזער לעבן.

זונטאָג, 12 פעברואַר. דער וועג איז אַזוי שלעכט, אַז עוואַנס, פּאַרד און קיהן מוזן גיין צוריק מיט זייערע שוואַכע פערד. מיט אַזעלכע נאָכשלעפּער וועלן מיר זייער לאַנגזאַם זיך רוקן פאָרויס. נעכטן האָבן מיר דורכגעמאַכט 20 קילאָמעטער, אָבער היינט בלויז 18. מיר מוזן דורכאויס צוקומען צו 80־טן גראַד דרום־ברייט. איצט האַלטן מיר ביי 79. דאָס אָרט, וואו מיר רוען יעצט, האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן בלאָץ־לאַגער.

13 פעברואַר. נו, מיר האָבן נישט קיין הצלחה! אָט האָבן מיר ווידער אַ שטורם און מוזן ליגן אין געצעלט. מיר האָבן אַדורכ־געמאַכט נישט מער ווי 17 קילאָמעטער.

בויער איז אַ וואונדערלאַכער מענטש. ער שרעקט זיך גאָרנישט פאַר קעלט, ביינאַכט שלאָפט ער כמעט מיט אַ בלויזן קאָפּ און פונדעסטוועגן איז ביי אים די נאָז און די אויערן רויט. ער שפּאַצירט זיך אַרום אויפן פראָסט אַ שעה־צייט כמעט נאַקעט, און זאָל עס אים גאָר אַרן!

14 פעברואַר. ווידער אַ טאָג פון אַנטטוישונג! צוליב דעם שטורם, איז דער שניי אָנגעפאַלן ווי בערגלאַך זאַמד, און די פערד זינ־קען איין אין זיי ביז די קני. גראַן איז מיט זיין „מידן ווילי" אָפּגעשטאַנען. ווען איך האָב מיך אָבער מיישב געווען מיט דייטשן וועגן דעם דורכגעמאַכטן וועג, האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַ

צעפרידענער: „27 קילאָמעטער אין אַ טאָג!‟ דאָס האָט מיך אויפגע-רעגט. האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דעם שנעלקייט-מעסטער אין מיין שליטן און ער האָט מיר באַוויזן בלויז 13 קילאָמעטער! דער „מידער ווילי‟ איז אָפּגעשטאַנען אויף אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ בילעריי פון הינט: עפּיס איז דאָרט געשען. לויף איך אַהין מיט דייטשן. אין וועג באַגעגנט אונז מייער מיט זיין שפּאַן און מעלדעט: „דער מידער ווילי‟ איז געפאַלן. האָבן עס נאָר די הינט באַמערקט, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און אים צעביסן. געפערלאַך איז עס אָבער נישט. גראַן האָט זיי מיט זיין שטעקן צעבראָכן די ביינער און מייער האָט אים נישט שלעכט צוגעהאָלפן דערין.

17 פעברואַר. איין-טאָנען-לאַגער. די פערד קאָנען שוין מער נישט גיין ווייטער: מיר מוזן זיך אומקערן צוריק. מיר האָבן נעכטן זייער אַ שווערן וועג געהאַט. אומעטום שפּיר איך שניי, וועלכער איז נאָר אויבן עטוואָס צוגעפראָרן. יעדע מינוט ברעכט ער זיך און די פערד זינקען איין. דער פראָסט איז נעכטן ביינאַכט געשטיגן ביז 29 מיט אַ האַלבן גראַד. פאַר אייניקע פון אונז איז אַזאַ נסיעה זייער באַשווערלאַך. ביי דייטשן פרירט די נאָז, ביי מייערן—אַ פינגער אין פוס. אפילו בויער, וואָס כאַפּט שטענדיק ווייניק התפעלות פון פראָסט, האָט שוין אויך פאַרלאָרן דעם מוט. ווי געוויינלאַך, איז ער זיך געגאַנגען אין זיין פילצהיטל; פּלוצ-לונג אָבער האָב איך דערזען, אַז די אויערן זיינען אים ווייס גע-וואָרן. האָבן מיר זיי באַלד גענומען איינרייבן מיט שניי אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען רויט געוואָרן. אָבער בויער איז געווען אין כעס, וואָס מען טענטלט זיך אַרום זיינע אויערן. אויך ביי מיר און ביי גאַראַן האָבן זיך באַוויזן ווייסע פלעקן אויף די באַקן. צוריק אַלזאָ, צוריק!

אַ שאָד, וואָס מיר זיינען נישט געקומען צום 80-טן גראַד. דער „איין-טאָנען-לאַגער‟ געפינט זיך 79 גראַד און 28 מינוט דרום-ברייט. דעם קומענדיקן יאָר וועלן מיר דאָ האָבן גענוג פּראָוויאַנט, אַלע-פאַלס וועלן מיר ביז דאָרט האָבן גענוג פאַשע פאַר אונזערע פערד. מיר האָבן היינט דאָרט אָפּגעלייגט פּראָוויאַנט אויף 7 וואָכן,

אייל אויף 12 וואָכֿן. ווייטער: צוויבאַק, האָבער, הינטקוכן, גע-פּרעסטן היי, סך הכּל 900 קילאָ. לסוף האָבן מיר דעם 2-מעטער-הויכן דעפּאָ־בערגל אַזוי גוט פֿאַרצייכֿנט, אַז מען זאָל אים קאָנען באַמערקן פֿון דערווייטן. מיר האָבן אַריינגעשטעקט אַ הויכן דראָנג מיט אַ שוואַרצער פֿאָן. אויסערדעם, האָבן מיר נאָך צוגעבונדן צו דעם דראָנג אַ בלעכן שאַכטל, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די זונשטראַלן.

# מיט די הינט אין אַן אייזשפּאַלט.

שבת, 18 פעברואַר 1911. קודם כל בין איך שטאַרק באַזאָרגט מיטן גורל פון די פינף צוריקגעגאַנגענע חברים און זייערע דריי פערד. כ׳מוז תיכּף וויסן, וואָס איז געשען מיט זיי. היינט האָבן מיר אַדורכגעמאַכט דריי מײַרשן פון אַ 43 קילאָמעטער.

21 פעברואַר. מיר זיינען היינט אַרויס אין וועג, ווי געוויינלאַך, 10 אַ זייגער אין אָוונט. תּחילת איז נאָך געווען ליכטיקלאַך, דערנאָך אָבער איז פּלוצלונג געוואָרן אַזוי פינסטער, אַז מיר האָבן כמעט גאָרנישט געזען ווייטער פון אַ טריט. נאָך אַ נסיעה פון אָנדערטהאַלבן שעה זיינען מיר געקומען צום אייזבאַרג, וואָס האָט זיך טונקל געהויבן איבערן שניי. פּלוצלונג זיינען אייגעזונקען געוואָרן די מיטלסטע הינט פון שפּאַן און באַלד דערויף זיינען אויך די איבעריקע אַריינגעפאַלן פאָרוויִז. נאָר אָסמאַן, דער אָנפירנדיקער הונט, האָט באַלד אָנגעשטריינגט זיינע כּחות און האָט זיך אויפגעהאַלטן אויפן אייז. מיר זיינען אַריבערגעפאָרן אַ שניי־בריק, וואָס איז געלעגן איבער אַ שפּאַלט אין אייז. דער שליטן איז געבליבן שטיין אויפן ברעג. אָסמאַן איז אַריבערגעשפּרונגען און די איבעריקע הינט האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין זייער געשפּאַן און זיינען אַריינגעפאַלן אין אָפּגרונט, הייענגענדיק אונטערן שליטן.

מיר האָבן תּיכּף פאַראַנקערט דעם שליטן אויפן פעסטן אייז. די הינט האָבן שרעקלאַך געוואָיעט. צוויי פון זיי האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון די לייצעס און זיינען אַרונטערגעפאַלן נאָך טיפער

אַזוי, אַז מען האָט זיי גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. ס'האָט אויסגעוויזען, אַז איך האָב מיינע אָרימע הינט פאַרלוירן! ווילסאָן און גאַראַר זיינען תיכף געקומען צו הילף. אין דער ערשטער מינוט זיינען מיר געשטאַנען, ווי געפּלעפט און לגמרי נישט געוואוסט, וואָס מיר האָבן צו טאָן. דאַן האָבן מיר אַראָפּ־גענומען די משא פון שליטן, אַריבערגעוואָרפן אַ שטאַנג איבערן שפּאַלט און באַפעסטיקט אויף זיי די לייצעס. אַזויאַרום האָבן מיר באַפרייט אָסמאַנען, וועלכער איז שיער נישט דערשטיקט גע־וואָרן דורך דער משא פון די הינט, וואָס זיינען געהאָנגען אויף די לייצעס. דאַן האָבן מיר באַפעסטיקט אַ שטריק אויפן שטאַנג און אָנגעהויבן מיט פאַרייניקטע כחות צו שלעפּן די הינט מיט דער הילף פון די לייצעס. איין הונט האָבן מיר אַזויאַרום באַלד אַרויסבאַקומען. אָבער די שטריק האָבן זיך דערווייל אַזוי שטאַרק אַריינגעשניטן אין אייז, אַז מען האָט אים בשום אופן נישט גע־קאָנט שלעפּן ווייטער.

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. מיר האָבן זיך געמוזט אַראָפּ־לאָזן אין שפּאַלט און באַפעסטיקן די שטריק אויפן שטאַנג און ערשט איצט האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויפשלעפּן די הינט פאַר־וויז. פון אונזערע 13 הינט האָבן מיר אַזויאַרום 11 אַרויסגע־ראַטעוועט.

אין שפּאַלט זיינען פאַרבליבן צוויי הינט, וואָס זיינען געזעסן זייער טיף. ווי אַזוי שלעפּט מען זיי אַרויס?

קודם האָבן מיר טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם שטריק — צי וועט ער קאָנען דערגרייכן דעם גרונט. נאָכדעם האָב איך מיך אָנגעכאַפּט פאַרן שטריק און די חברים האָבן מיך אַראָפּגעלאָזט אין תהום.ביידע הינט זיינען זיך געלעגן רוהיק און האָבן געשמאַק געשלאָפן. זיי זיינען עפּיס אויף אַ וואונדערלאַכן אופן גאָרנישט ניזוק געוואָרן און איצט האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר. איך האָב איינעם פון זיי אַרומגעבונדן מיטן שטריק און מען האָט אים גליק־לאַך אַרויפגעצויגן. נאָכדעם האָב איך דאָס אייגענע געטאָן מיטן צווייטן הונט, אָבער אין דער אייגענער רגע האָב איך אויבן דער הערט אַ מוראדיקע בילעריי און אַ געשריי, און דער שטריק איז

בלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן. איך האָב אפילו געוואָלט אויס־נוצן די געלעגנהייט און זיך בעסער באַקאָנען מיטן אייז פון שפּאַלט: אַזאַ געלעגנהייט וועל איך קיינמאָל נישט האָבן... אָבער אָט האָבן זיך ווידער באַוויזן דריי חברים אויפן ראַנד פונם שפּאַלט: זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק אינם תהום. האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שטריק, און מען האָט מיך אַרויסגעצויגן. דער געשריי, ווי איך האָב מיך דערוואוסט, האָט געשטאַמט דערפון, וואָס די הינט האָבן אין ערשטן אויגנבליק פון דער רעטונג צעביסן איינאַנדער ביז בלוט...

די חברים האָבן מיר אָפּגעגעבן מזל־טוב. ווען דער שליטן וואָלט אַרונטערגעפאַלן צוזאַמען מיט אונז, וואָלטן מיך דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. די הינט האָבן זיך העלדיש געהאַלטן, דאָך אָבער האָבן זיי זיך נישט שלעכט באַצאָלט: דריי פון זיי האָבן פאַרלאָרן בלוט און זיך גוט צעממיתט.

22 פעברואַר. זיכערקייטסלאַגער, היינט פרי, האַלב פינף אַ זייגער, האָבן מיר דערגרייכט דעם זיכערקייטסלאַגער און געטראָפן דאָרט עוואַנס, קיהן און פאַרד געזונט און פריש. אָבער צו מיין שרעק האָבן זיי געהאַט נאָר איין פערד, אָנשטאָט דריי. פאַרדס פערד איז אומגעקומען 7 קילאָמעטער ווייט פון בלאָפּלאַגער אין דער שטורם־צייט, און 30 קילאָמעטער ווייטער איז דאָס צווייטע פערד געפאַלן. פאַר אונז איז עס אַ שרעקלאַכער פאַרלוסט. „יאַקאָבשוויין” אָבער האָט דוקא אויסגעהאַלטן אַלע שוועריקייטן.

וואו זיינען אָבער עטקינזאָן און גרין? זיי האָבן געבראַכט אין זיכערקייטסלאַגער זייער פיל פּאַשע און אַ ביסל פלייש פון ים־הינט, אָבער פון זיי גופא איז קיין זכר נישט געבליבן.

10 אַ זייגער אין אָוונט. היינט בייטאָג זיינען מיר געגאַנגען צום היטער־שפּיץ און האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ניי רעטעניש. דאָס דיסקאַווערי־הייזל איז באַפרייט געוואָרן פון אייז און איז צוגעכט געמאַכט געוואָרן צו וואוינען, אָבער קיין לעבעדיקן מענטש האָבן מיר דאָרט נישט געפונען. אויף דער וואַנט האָבן מיר אפילו געפונען אַן אויפשריפט, געשריבן מיט בלייפעדער, אַז אין הייזל

זיינען פאַראַן בריף פאַר מיר, אָבער אויך די בריף זיינען נישט געווען. לסוף האָבן מיר אַלץ פאַרשטאַנען. בשעת מיר זיינען גע־קומען אַהער, איז עטקינגזאָן און גרין אַוועק צום זיכערקייטס־לאַגער. באַלד האָבן מיר טאַקע באַמערקט די שפורן פון זייער שליטן און מיר האָבן זיך געשווינט אומגעקערט צוריק.

ווי פריי האָב איך אָפּגעאָטעמט, ווען איך האָב אויסער אונזערעביידע געצעלטן, דערזען נאָך אַ דריטן. וויכטיקער פון אַלץ איז אָבער געווען דער אינהאַלט פונם בריף, וואָס איך האָב באַקומען. דאָרט איז געווען אַ ידיעה, אַז דער נאָרוועגער אַמונדסען, וועלכער האָט אויך אונטערגענומען אַן עקספּעדיציע צום דרום־פּאָל, ווינטערט איבער אינם וואַלפיש־אויסגוס! דאָס איז אַ זייער ערנסטע מניעה פאַר מיינע פּלענער! ער איז מיט 110 קילאָמע־טער נענטער צום פּאָל, ווי איך, און איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז ער וועט קאָנען ברענגען אַזויפיל הינט אַהער אויף דער יבשה. קודם־כל קאָן ער מיט זיינע הינט נאָך פרילינג־צייט אונטערנעמען אַ נסיעה צום פּאָל. מיט פערד איז דאָס אומ־מעגלאַך. מילא, זאָל זיין! אַמונדסענס נסיעה דאַרף מיך שטאַרק נישט מצער זיין. איך בלייב מיר ביי מיין פריערדיקן פּלאַן, פּונקט ווי איך וואָלט גאָרנישט געוואוסט פון אַמונדסענען. פאָרויס, פאָרויס, אָן מורא און אָן ספקות!

17 פעברואַר. היינט זיינען מיר ווייטער געבונדן אין געצעלט, צוליב אַ שטורמווינט. עס הערשט אויך אַ שניישטורם און מיר קאָנען קוים אַריינגעמען אונזערע קאָך־כלים. דערזעלבער שטורם וועט דאָך אויך טרעפן אונזערע לייט, וועלכע זיינען נאָך אין וועג—איך שרעק מיך שטאַרק פאַר זיי.

28 פעברואַר. זיכערקייטסלאַגער. גאָט צו דאַנקען! די חברים אונזערע זיינען אָנגעקומען. זייערע 5 פערד זעען אויס אפילו זייער צרהדיק, אָבער זיי לעבן לפּחות!

היינט דאַרף פאָרקומען דער אַלגעמיינער מאַרש צום היטערשפּיץ. אַרום 4 אַ זייגער איז ווילסאָן און מייער צוזאַמען מיט די הינט אַרויסגעטראָטן גליקלאַך אין וועג. אָבער אַז מען האָט איינגע־שפּאַנט די פערד, האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, ווי שטאַרק זיי

האָבן געליטן פון לעצטן שטורם. זיי זיינען אַלע געווען שרעק־לאַך מאָגער און דער „מידער ווילי" האָט גאָר פאַרלאָרן די מראה פון אַ פערד. מען האָט אים געוואָלט לאָזן גיין אָן משא, אָבער ער איז אַנידערגעפאַלן און האָט נישט געקאָנט אויפשטיין.

בויער, גאראר און גרין זיינען דעריבער אַוועק פאָרויס. דייטש און גראן זיינען פאַרבליבן מיט מיר. מיט פאַרייניקטע כוחות האָבן מיר דאָס אָרימע פערד ווידער אויף די פיס געשטעלט און געפּאַשעט עס מיט הייסער האָבער־קאַשע; אָבער אַפּאָר הונדערט מעטער ווייטער איז עס ווידער אַנידערגעפאַלן, און נישט פון אָרט. האָבן מיר עס אַרומגעשטעלט מיט שניי־ווענט, איינגעוויקלט עס וואַרים און וואַרטן פאַר אין ברירה.

1 מערץ. דאָס אָרימע פערד האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן. די שטורמס ווען אונז אָפּטויטן אַלע פערד; מיר אָבער מוזן דאָך אינם קינפּטיקן יאָר אַרויסטרעטן צום פּאָל. דידאָזיקע דערפאַרונג קאָסט מיר גוט רבי־געלט. איצט בלייבט אונזער וויכטיקסטע אויפגאַבע — צו דערהאַלטן געזונט די איבריקע פערד. מען מוז זיי אַוועקפירן אין דער ווינטערקוואַטיר אויפן שפּיץ עוואנס און גוט אויספּאַשען זיי אַ גאַנצן ווינטער.

# אַ שרעקלאַכע נאַכט

דאָנערשטאג, 2 מערץ 1119, ווען ס'זאָל גיין אַזוי ווייטער, ווי אין דער לעצטער שעה, מוז מיין עקספּעדיציע אונטערגיין.
צוזאַמען מיט דייטשן און גראַנען האָב איך נעכטן פרי געפירט אונזערע שליטנס צום דעפּאָ פאַר פערדפאַשע. דער הימל איז געווען שוואַרץ, און מיר האָבן מיט גרויס מי געטאַפּט אינדער פינסטער. ווען מיר האָבן זיך דערנענט צום דעפּאָ, האָבן מיר דערזען געוואַלטיק גרויסע פעלדער מיט שטיקער אייז. דער ים איז אויך געווען באַדעקט מיט שטיקער אייז, וואָס האָבן זיך אָפּגעבראָכן פון ברעג. עפּיס אַ פּחד איז מיך באַפאַלן. וואו זיינען די פאַרויסגעשיקטע פערד מיט די הינט און זייערע באַגלייטער? מיר האָבן זיך באַלד אַ קער-געטאָן רעכטס צום ברעג פון אייז. פּלוצלונג האָט זיך געעפנט אַ שפּאַלט אין אייז. מיר זיינען געשווינט אַוועק פון דאָרט און אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער. עס האָבן זיך אָבער געעפנט נייע שפּאַלטן און מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט לויפן, ביז מיר זיינען געקומען צווישן דעם זיכער-קייטסלאַגער און דעם באַרגפעלז.
ראשית, האָט מען געמוזט וואָרענען עוואַנסן, וועלכער איז געגאַנגען לויט אונזערע שפּורן, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיק. כ'האָב אויפגעשריבן אַ פּאָר שורות און גראַן האָט זיי אָפּגעטראָגן אין דעפּאָ פאַר דער פערדפאַשע און נאָכדעם האָב איך מיך מיישב געווען מיט דייטשן וועגן אונזער לאַגע. איין זאַך איז געוויס קלאָר: אויב די הינט אָדער בויער מיט די פערד וואָלטן זיך

געפונען שוין אין היטער-שפיץ, דאַן וואָלטן זיי אונז געשיקט אַ שליח מיט אַ וואָרנונג. דער שליח וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט זיין ביי אונז. הייסט עס, אַלזאָ, אַז ביידע פּאַרטיעס געפינען זיך נאָך אין וועג.

אַ האַלבע שעה איז אַריבער. פּלוצלונג האָבן אין דערוויטנס זיך באַוויזן צוויי טונקעלע פּונקטן. זיי האָבן זיך דערנענט און דערנענט. איך בין אַרויסגעלאָפן זיי אַנטקעגן. דאָס איז געווען ווילסאָן און מייער. זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרחדושט און דערפרייט, וואָס זיי האָבן מיך דאָ געטראָפן, ווייל זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז איך בין דורכן אייז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט די פערד אין ים אַריין.

ווילסאָן און מייער זיינען דעם 28 פעברואַר מיט זייערע ביידע הינט-שפאַנען אַרויסגעטראָטן אין וועג אַריין לויט אונזערע שפּורן און זיינען גליקלאַך אַריבער די אייזבערג, וואו פיל ים-הינט זיינען געלעגן. אַ געדיכטער שוואַרצער נעבל האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג, אָבער וואָס נענטער זיי זיינען געקומען צום שפּיץ ערמיטאַזש, אַלץ צאָלרייכער זיינען געוואָרן די שפּאַלטן אין אייז און אַלץ מער און מער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז דאָס אייז ווערט דינער. ווען דער ים וועט אין אַ האַלבער שעה אַרום אויפהויבן זיינע וואַסערן, וועט ער אַראָפּשוויינקען שטיקער אייז און די שפּאַלטן וועלן ווערן ברייטע קאַנאַלן. וואָס דאַן קאָן געשען איז קלאָר: אין בעסטן פאַל וועלן זיי אַוועקגעטריבן ווערן אין ים אַריין. זיי האָבן דעריבער תיכּף זיך אומגעקערט און זיך געלאָזן גיין צום פעלז, דערווייל איז נאַכט געוואָרן. פּלוצלונג האָבן זיי דערזען אַן אָפּטיילונג פון פערד, לערך 800 מעטער ווייט פון זיך, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דאָס מוז זיין מיין אָפּטיילונג.

אַז זיי האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אויפן היטער-שפּיץ, האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק מיט העק און לאָפּאַטעס, כּדי אויסצוגלייכן דעם וועג פאַר די פערד, וועלכע האָבן אַ ליאַדע מינוט געקאָנט אָנקומען. אָבער איצט האָבן זיי פון דער פערד-אָפּטיילונג שוין קיין שום שפּור נישט באַמערקט. פּלוצלונג האָבן

זיי אַנטדעקט די פּערד אויפֿן אייז, דאָרט, וואו די שפּאַלטן האָבן
זיך געצויגן אויף יעדע דרייסיק שריט. באַטראַכט דעם שטח
דורך אַ שפּאַקטיוו, האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז אויך דער פּי-
רער פֿון דער פּערד-אָפּטיילונג זעט און ווייס, אין וואָס פֿאַר
אַ געפֿאַר ער געפֿינט זיך. ער האָט זיך אומגעקערט, נאָר ער האָט
זיך געלאָזט גיין צו דרום און צו דער ווייסער אינזל. דאָרט
וועט ער אַלנפֿאַלס געפֿינען פֿעסט אייז. ווילסאָן און מייער
האָבן דעריבער זיך באַרוהיקט און האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן.

אַרום פֿינף אַ זייגער האָט ווילסאָן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, די
אומרוהיגקייט האָט אים אַרויסגעיאָגט פֿון געצעלט, און איצט איז
ער געבליבן שטיין אַ פּאַרציטערטער: דאָס גאַנצע אייז האָט גע-
האַלטן אין באַוועגן זיך און אין דעם רעכטן אייז-גיהנם האָט ער
דערזען די אָפּטיילונג פֿון די פּערד. ער האָט דייטלאַך געזען,
ווי די פּערד און שליטנס זיינען אַריבער פֿון איין שטיק אייז אויפֿן
אַנדערן, כּדי צו קומען נעענטער צום פֿעסטן אייז.

נאַטירלאַך, איז געווען זיין ערשטער געדאַנק צו גיין העלפֿן. דאָס
אייז, אויף וועלכן זיי האָבן זיך איצט געפֿונען, האָט זיך אויך
געבראָכן און שטיקערווייז אַוועק אין ים. זיי האָבן דעריבער אי-
בערגעלאָזט די הינט, האָבן אַריבערגעקלעטערט איבערן קראַטער-
בערגל און געאיילט צו דערגרייכן דעם זיכערקייטסלאַגער, וואו זיי
4459
האָבן זיך געטראָפֿן מיט מיר.

זיי האָבן נאָך נישט געפֿרישטיקט און מיר האָבן זיי צוגעגרייט
אַ גלאָז קאַקאַאָ. אָבער איצט איז די פֿראַגע: וואָס טוט מען ווײַ-
טער? און מיטאַמאָל האָט ווילסאָן פּלוצלונג דערזען עפּיס אַ גע-
שטאַלט, וואָס האָט געשלייכט פֿונם אָרט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע
צו דעם לאַגער פֿאַר דער פּערדפֿאַשע. די געשטאַלט איז באַלד
אונטערגעקומען צו אונז. דאָס איז געווען גרין, אַן אָפּגעשוואַכטער
און אַן איינגעמאַטערטער. דערציילט האָט ער אונז אָט וואָס:

די פּאָניס זיינען נעכטן אין אָוונט געלעגן אויפֿן ים-אייז. אין
מיטן נאַכט האָט בויער אַנטדעקט, אַז דער ים האָט זיך געעפֿנט
פֿון אַלע זייטן אַרום. איין שפּאַלט האָט זיך געצויגן האַרט נעבן

די פאַניס, און איין פאַני איז פאַרשוואונדן געוואָרן! האָט מען תיכּף זיך איינגעפּאַקט און גענומען אַריבערפּעקלען די פערד מיט די משאות פון איין שטיק אייז אויפן צווייטן. דאָס איז געווען אַ געוואַלטיק אָנגעשטרענגטע אַרבעט. זיי זיינען שוין צוגעקומען צום ברעג, אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען פון אים אָפּגעריסן דורך אַ ברייטן שפּאַלט, וועלכן מען וועט בשום אופן נישט קאָנען אַריבערגיין מיט די פערד.
אין דערדאָזיקער פאַרצווייפלטער לאַגע האָט גראַן זיך אַרויסגערופן, אַז ער וויל גיין צו מיר. בשעת ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט דער ים געבושעוועט, ווי אַ קעסל און אַרום די שטיקער אייז האָבן זיך באַוויזן קאַשעלאָטן. שפּרינגענדיק פון איין שטיק אייז צו אַ צווייטן, איז ער סוף-כּל-סוף אַרויפגעקומען אויף אַ פעסטן אייז-פעלד און פון דאָרט אויף די פּוסשליטעלאַך זיך דערנענט צו אונז.
צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נאָר געהאַט דריי שלאָפזעק, האָב איך געשיקט גראַנען, ווילסאָנען און מייערן צו דעם היטער-שפּיץ, זיי זאָלן זען, וואָס הערט זיך מיט די הינט, און איך האָב צוזאַמען מיט גרינען און דייטשן זיך געלאָזן צו די פאַראומגליקטע. אין זיכערקייטסלאַגער האָבן מיר גענומען אַ ביסעל פּראָוויאַנט און אייל און זיינען מיט גרויס פאָרזיכטיקייט צוגעקומען צום ברעג אייז. באַלד האָבן מיר אַנטדעקט די פאַראומגליקטע און אָנגעהויבן אַרויסצוראַטעווען זיי פון דער צרה.
דאָס אייז האָט דערווייל אויפגעהערט צו טרייבן. מיט דער הילף פון אַ שטריק האָבן מיר אַרויפגעצויגן צו אונז בויערן און גאַראַרן. אָנגעהויבן האָבן מיר האַלב זיבן אין אָוונט; אָבער איידער ס'איז אונז געלונגען אַרויפצעקריגן די משאות, איז שוין געוואָרן פיר אַ זייגער פאַרטאָג! און באַלד ווי מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט, האָט דאָס אייז זיך גענומען באַוויזן. איצט האָט מען שוין נישט געקאָנט טראַכטן פון ראַטעווען די דריי פערד. מען האָט זיי נאָר געקאָנט גוט אָנפּאַשען און איבערלאָזן לעת-עתּה דאָרט אויפן אייז.
ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען אַכט אינדערפרי, האָבן מיר די

פערד שוין נישט געזען. מיר האָבן געהאַט באַפעסטיקט מיט אַ שטריק דאָס שטיק אייז, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען, אָבער דאָס אייז האָט זיך אָפּגעריסן און איצט האָט עס זיך אַרומגע-טראָגן ערגיץ וואו אויפן ים. פאַר אונז איז דאָס אַ שרעקלאַכער שאָדן, וועלכן מיר קאָנען מיט קיין זאַך נישט אויספילן! מיר האָבן זיך איינגעפּאַקט און באַשלאָסן צו גיין לייגגאַויס דעם ברעג פון אייז. פלוצלונג האָט בויער דערזען די פערד ביי אַ וויאָרסט צוויי פון אונז. צו אונזער גליק, האָט זיי דער שטראָם געטריבן צו אונז. מיט אַ נייער האָפנונג האָבן מיר זיך געלאָזן גיין וויי טער און לסוף איז אונז געלונגען צוצוקומען אָן שום שוועריקייטן צו די אָרימע באַשעפענישן אויפן אייז.

אָבער אָט איז געשען אַ ניי אומגליק: איך האָב אָנגעוויזן די חברים אַ וועג, ווי אַזוי אַרויסצעפירן די פערד; האָבן די חברים מיך שלעכט פאַרשטאַנען און איין פערד געלאָזט שפּרינגען אי-בער אַ שפּאַלט. דאָס פערד איז אַריינגעפאַלן אין ים און מיר האָבן איצט געקאָנט טאָן בלויז איין זאַך: דערהרגענען עס. אַ שרעקלאַך אומגליק.

איצט האָב איך צוזאַמענגערופן אַלעמען צו זיך און מיט פאַריי-ניקטע כוחות איז אונז געלונגען אַרויסצונעמען די פערד צו אונז. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין, לפחות, אָט די צוויי פערד אַרויסגעראַטעוועט; פלוצלונג אָבער האָט איין פערד זיך אויסגע-גליטשט און איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. מיר האָבן עס קוים מיט צרות אַרויסגעשלעפּט, כאָטש עס האָט געשוויבלט און גע-גריבלט מיט פרעסערישע קאַשעלאָטן. דאָס אָרימע פערד האָט זיך אָבער נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס, און מיר האָבן, כדי צו מאַכן אַ סוף צו זיינע יסורים, אויך אים דערהרגעט.

מאָרגן גייען מיר צוריק צו דעם היטערשפּיץ. דאָס וועט זיין אַ טרויעריקער מאַרש!

# אויפן היטערשפּיץ.

מאָנטאָג, 6 מערץ 1911. בשעת מיר זיינען פריטאָג אין אָוונט געווען באַשעפטיקט מיטן אויפשטעלן אונזער געצעלט, האָב איך דערזען פון ווייטן פיר געשטאַלטן. דאָס זיינען געווען עוואַנס, עטקינזאָן, הארד און קיהן. מיר איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון זיי, אַז צו זייער לאַגע איז נאָך פאַראַן אַ גוטער אויסוועג. באַלד נאָכדעם זיינען זיי אַוועק צוריק אין זייער לאַגער.

9 מערץ. איך בין דינסטאָג געקומען מיט ווילסאָנען צו דעם פראַמשפּיץ, איז דאָס אייז דאָרט, ביים ים, געווען גאַנץ און אַרום זיינען געלעגן פיל ים־הינט! מיר האָבן איינעם פון זיי דערהרגעט און זיך באַזאָרגט מיט אַ היבש ביסל פלייש און פעטס. דערווייל האָבן מיר זיך גוט איינגעאָרדנט אויף דעם היטערשפּיץ. מיר האָבן דאָרט געהאַט אַ גוטע שטוב און אויסגעבויט אינעווייניק אַ קליין אויוועלע צו קאָכן פאַר זיך עסן. טיי און קאַקאַאָ האָבן מיר זיך געקאָכט אויף דער מאַשינקע. אין אויוועלע האָבן מיר געהייצט מיטן פעטס פון די ים־הינט. אין אייזשטיבל איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען וואַרים, אָבער באַקוועם איז עס געווען. צוויבאַק האָבן מיר געהאַט גענוג, קאַקאַאָ און טיי זייער פיל. זאַלץ און צוקער וועט אויך קלעקן. מיט פלייש וועלן אונז מוזן באַזאָרגן די ים־הינט. זייער שמאַלץ, געפּרעגלט מיט צוויבאַק, מעג דער קיסר אַליין עסן. דערצו האָבן מיר נאָך אָבער אויך שאָקאָלאַד, ראָזינקעס, לינזן, באָבער־מעל, סאַרדינען און מאַרמעלאַד.

13 מערץ. אונזער איוועלע פֿאַרשאַפֿט אונז גרויס ערגערניש: ער רויכערט אַזוי, אַז מיר ווערן אַלע שוואַרץ, ווי קוימענקערער. אַז מיר זאָלן זיך אומקערן צוריק אין אונזער ווינטערקוואַטיר, קאָן נאָך דערווייל קיין רייד נישט זיין. מען מוז דעריבער זען זיך איינצעאָרדנען אַזוי, אַז מען זאָל, לפּחות, נישט האָבן אַזאַ עפּוש פֿון טראַן און פֿעטס.

16 מערץ. ס'בלאָזט אָן אויפֿהער אַווינט פֿון דרום. אַזאַ באַשטענדיקן דרום-ווינט געדיינק איך דאָ נישט. אַלע טאָג גיי איך אַרויף אויפֿן קראַטערבערגל, צו זען, וואָס הערט זיך מיטן אייז אויפֿן ים. ווען דאָס אייז זאָל אַוועקגעטראָגן ווערן, וועט עס נעמען אַ סוף צו אונזער געבראָטנס פֿון ים-הינט. דערווייל האָבן מיר נאָך פֿלייש. נעכטן האָבן מיר געמאַכט אַ יאַגד אויף ים-הינט און אַוועקגעלייגט 11 שטיק פֿון זיי. אין אונזער הייזל האָבן מיר אַריינגעבראַכט פֿינף צענטנער פֿעטס און פֿלייש.

11 מערץ. דער ים בושעוועט, ס'גייען הויכע כוואַליעס. אונזער הייזל ווערט פֿאַרשפּריצט. זינט מיר האָבן זיך דאָ באַזעצט, איז דאָס שוין דער דריטער שטורם אויפֿן ים,—ס'איז אַ גאָר אומגעווײנלאַכע דערשיינונג. דאָס שטיק אייז, וואו מיר פֿלעגן כאַפּן די ים-הינט, איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין ים.

24 מערץ. מיר האָבן אַדורכגעקוקט אונזערע לעבנסמיטלען און זיי איינגעטיילט אַזוי, אַז עס זאָל קלעקן אויף צוואַנציק טעג. נו, כ'קאָן נישט זאָגן, אַז איך זאָל זיין אַ מוצלח! ס'וואָלט אָבער געקאָנט זיין נאָך ערגער. מען מוז ענדערן מיין מאַרש-פּלאַן. ווען כ'זאָל מיך אפילו איצט געפֿינען אין אונזער הויז אין דער ווינטערקוואַטיר, וואָלט איך דאָרט אויסגעגאַנגען פֿון אומגעדולט. ביז צום פֿאָל איז נאָך אַ ווייטער וועג!

זונטאָג, 26 מערץ. פֿון מאָרגן אין אַכט טאָג אַרום וויל איך זיין צוריק אויפֿן שפּיץ עוואַנס אין אונזער ווינטערקוואַטיר, אָבער דאָס אייז וויל נאָך אַלץ נישט פֿעסט ווערן! אין דרום האַלט זיך דאָס אייז, אָבער אין צפֿון, וואו ס'ליגט אונזער וועג, איז דער ים אַהין אויף אָנדערטאַלבן קילאָמעטער שלעכט!

28 מערץ. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם פֿרירט איין דער ים! כ'וואָלט

זיך שוין גאָרנישט געחדושט, ווען ס'זאָל אונז אויסקומען צו וואַרטן ביז מאַי. אָבער לעבנסמיטלען האָבן מיר, און דאָס איז שוין אויך עפּיס ווערט. אַ.וואָך לאַנג קאָנען מיר נאָך לעבן ברייטלאַך, דאַן וועט עס, פאַרשטייט זיך, מוזן אָנהויבן צו גיין קאַרגער מיט די „דעליקאַטעסן". אָבער פלייש פון די ים-הינט, פעטס און צוויבאַק וועט נאָך קלעקן אויף לאַנג. היינט האָבן ביים ברעג זיך באַוויזן צוויי וואַלפישן. כאָטש דאָס אייז איז נאָך אין ערגיץ נישט דיק, פונדעסטוועגן זיינען זיי געקומען צום ברעג שעפּן לופט.

זונטאָג, 2 אַפּריל. אין דער נאַכט האָבן מיר געהאַט א וואונדער-לאַך דרום-ליכט. אַ ברייטער ליכטיקער פאַס האָט זיך געצויגן אויפן הימל פון דרום-מערב צום צפון-מזרח. אינמיטן האָבן גע-פינקלט צוויי ספּיראַל-קרייזן, לערך 10 הימעל-גראַד פון זעניט. מיר האָבן אַ פראָסט פון 21 גראַד און היינט פרי איז דער ים צום צפון געווען באַדעקט מיט אייז. ביזן שפּיץ „עוואַנס", וואו עס געפינט זיך אונזער ווינטערקוואַטיר, איז דער ים שוין פאַר-צויגן מיט אייז; אָבער אַרום די ברעגן איז דאָס אייז נאָך זייער דין. נאָך אַ פּאָר טעג פראָסט אָן ווינטן, און מיר וועלן אויסגע-לייזט ווערן!

5 אַפּריל. היינט אינדערפרי איז דער גאַנצער ים געווען גע-פראָרן. כ'גלויב, אַז איצט וועט שוין דאָס אייז זיך נישט אויפ-ברעכן. צום ערשטן מאָל, זינט פיל טעג, האָבן מיר אַ זוניקן טאָג. זאָל נאָר דאָס וועטער האַלטן אַזוי נאָך איין טאָג, און איך וועל פּטור ווערן פון מיינע דאגות. ס'איז צייט שוין פריי צו ווערן. קיין צוקער האָבן מיר שוין כמעט גאָרנישט. די ים-הינט באַ-ווייזן זיך ווידער. נעכטן אין אָוונט האָבן מיר געזען פינף ים-הינט. אַ גליק, וואָס אונזערע הינט האָבן זיי נישט באַמערקט.

7 אַפּריל. היינט האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז דאָס אייז אויפן ים איז 13 סאַנטימעטער דיק; עס זיינען אָבער נאָך פאַראַן שפּאַלטן. וואָס ווייטער איך האָב מיך געקוקט אויפן אייז, אַלץ אייגנאַר-טיקער איז ער געוואָרן. אין מאַנכע ערטער שטייען שטיקער אייז מיט די שפּיצן אַרויף. ס'איז אַ שיינע מאָזאַאיק. פאַר אונזער

מאָרגנדיקער נסיעה האָבן מיר שוין אַלץ גרייט. אָבער היינט אין אָוונט איז דער הימל אַזוי פינסטער, אַז ס'האַלט פאַר אַ שטורם. מער ווי דריי שיינע טעג נאָכאַנאַנד גיט דאָ נישט. אין אונזער וואוינונג איז דערווייל געוואָרן אַזוי באַקוועם, אַז מיר פאַרלאָזן עס כמעט אומגערן.

# צוריק איבערן אייז אויפֿן שפּיץ עוואַנס.

מאָנטאָג, 10 אפּריל 1911. כ׳האָב היינט געוואָלט אַרויסטרעטן אין וועג אויפֿן שפּיץ עוואַנס, אין אונזער ווינטערקוואַטיר, אָבער ווען מיר זיינען שוין גאָר פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע הכנות, האָט זיך דער הימל אינגאַנצן פאַרוואָלקנט און ס׳האָט געשנייט, ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען. אַ גליק, וואָס דאָס האָט זיך נישט געטראָפן, ווען מיר וואָלטן שוין געווען אין וועג! אַ מער טריב וועטער פאַר אַזאַ געפערלאַכן וועג קאָן מען זיך גאָרנישט פאָר־שטעלן!

13 אפּריל. היינט אינדערפרי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ווילסאָן איז געבליבן אַלס קאָמענדאַנט מיט זעקס חברים, ווי אויך מיט די הינט און די פערד. מיר לאָזן זיך גיין ווי ווייט מעגלאַך מיט דער יבשה. מיר שטייגן אַריבער דעם באַרג־רוקן און גייען ווייטער צום מערב, אַ מהלך פון 19 קילאָמעטער ביזן הולטאַן־פעלז. ערשט דאָרט וועלן מיר זיך נעמען גיין מיטן אייז. אויפן וועג האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורמווינט און עס שיט אַ שניי. איך האָב אויסגעהאַקט פעסטע טרעפּ אין שפּוע פון באַרג, אָנגעצויגן אַ שטריק און דאַן האָב איך אַזויאַרום אַראָפּגעפירט דריי חברים. נאָך זיי איז געגאַנגען דער רעשט פון דער געזעל־שאַפט. פאַר די לעצטע האָב איך באַפעסטיקט אַ שטריק אין שניי, אַרומגעדרייט אים מיט אַ שטריק און די אונטן שטייענדיקע האָבן אונז אַראָפּגעצויגן.

דאָס גיין אויפן אייז, וועלכער איז באַדעקט מיט זאַלץ־קריסטאָלן,

איז פיל שווערער, ווי איך האָב גערעכנט. צו דעם גלעטשער־שפּיץ זיינען מיר געקומען ערשט האַלב זעקס און אַרויפגעקריגן אַהין די שליטנס צוויי מעטער הויך. אויבן, אויפן האַרטן אייז איז לייכטער געווען צו שלעפּן די שליטנס, אָבער ס׳איז שוין געוואָרן בין־השמשות און פיל פון אונז זיינען אַריינגעפאַלן אין שפּאַלטן.

אַרום זעקס אַ זייגער איז גאָר פינסטער געוואָרן. פונדעסטוועגן האָבן מיר נאָך מאַרשירט אַ פּאָר שעה, ביז מיר זיינען אַרום צען אַ זייגער געקומען צו דער קליינער וואַלפיש־אינזל. דאָ האָבן מיר זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל ס׳איז געווען חושך־אפלה. אַרום האַלב צוועלף זיינען מיר אַריינגעקראָכן אין אונזער געצעלט.

אין דער נאַכט האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורמווינט און צומאָרגנס האָט אונז אָנגעהויבן באַאומרוהיקן דאָס אייז, אויף וועלכן מיר האָבן זיך געהאַלטן. מיר האָבן דעריבער זיך אַריבערגעכאַפּט אויף אַ פעסטערער אייז־פּלאַטפאָרמע. דער שטורם האָט זיך געטראָגן אַ גאַנצן טאָג איבער אונזערע קעפּ מיט רעש און געפילדער.

אין דער צווייטער נאַכט איז דער ווינט געוואָרן אַ ביסל שטילער און אויף צומאָרגנס זיבן אַ זייגער האָבן מיר, לפּחות, געקאָנט זען יבשה פאַר זיך. ס׳איז געווען שרעקלאַך קאַלט און די מלבושים זיינען אונז צוגעפראָרן געוואָרן צום לייב. לייִנגער וואַרטן איז געווען אוממעגלאַך, ווייל ס׳וואָלטן אונז פאַרפעלט לעבנסמיטלען.

ווען מיר זיינען צוגעקומען נענטער צום פאָדערשטן באַרג, האָבן מיר, צו אונזער פרייד, דערזען שפּורן פון טריט אויפן שניי און דעם לאַנגן זיידענעם פאָדים פון אונזער מעטעאָראָלאָגס באַלאָן. ביים פעלז פון פאָדערשטן באַרג זיינען צעקלאַפּט געוואָרן פיל אייזבערג און צו מיין איבערראַשונג האָט דאָס פעסטע אייז זיך געצויגן ווייט איבערן באַרג. אַזוי־ערנאָך איז אונז אויסגעקומען צו גיין ווייטער, כדי צו קענען זיך אַרויסקריגן פון דער צפון־זייט. און אט האָבן מיר, ענדלאַך, דערזען דעם וועטער־טורם אויפן

וינט-פאנען-בערגל. אַ ווײלע שפּעטער איז שוין געלעגן פאַר אונז אונזער הויז מיט די שטאַלן און אַרומיקע בנינים, —קיין זאַך איז נישט באַשעדיקט געוואָרן.
נישט ווייט פון שטאַל האָבן מיר דערזען צוויי געשטאַלטן ביי דער אַרבעט. אַ פּאָר אויגנבליקן שפּעטער האָבן זיי אונז באַמערקט און זיינען אַריינגעלאָפן אין הויז אָנצוזאָגן דעם עולם, אַז מיר זיינען געקומען. באַלד האָבן אַלע דאָרטיקע איינוואוינער זיך געלאָזן לויפן צו אונז איבערן אייזפעלד מיט אַ הילכיקן: „ברוך-הבא!"

ליידער, זיינען מיט זיי אויך געשען צוויי אומגליקספאַלן בשעת מיין אָפּוועזנהייט: איין פערד און איין הונט זיינען אַוועקגעפאַלן. אונזערע פאַרלוסטן האָבן זיך, אַלזאָ, פאַרגרעסערט. אָבער די איינאָרדנונג פון אונזער הויז האָט קיין שום פּגימה נישט געהאַט און די טעגלאַכע וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטן זיינען אין רעכטן גאַנג.

ערשט ווען איך האָב ווידעראַמאָל באַטראַכט אונזער ווינטערסטאַציע, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, מיט וואָס פאַר אַ געניטקייט דאָס הויז איז באַזאָרגט געוואָרן. זינט מיר האָבן פאַרלאָרן די עטלאַכע פערד, האָב איך געשפּירט, אַז דאָס אומגליק היינגט אין דער לופטן איבער אונזערע קעפּ און איך האָב מיך פאָרגעשטעלט אַלערליי אומגליקן אין אונזער ווינטערקוואַטיר.
ערשט איצט האָב איך דערזען, ווי גרויס ס'איז דער אונטערשייד פונם לעבן דאָ ביזן לעבן אין אונזער אָרים הייזל אויפן היטערשפּיץ. דאָ האָבן מיר פשוט אַן אמתן פּאַלאַץ. די באַלייכטונג איז אַ גרויסאַרטיקע און די באַקוועמלאַכקייט — אַ לוקסוס. נאָך אַ דריי חדשימדיקן שווערן וועג קאָנען מיר, ענדלאַך, ווידער לעבן ווי ציוויליזירטע מענטשן, אויסטאָן די נאַסע און אָנטאָן טרוקענע קליידער. אין אַזעלכע שעהן פאַרגעסט מען דעם שווערן מאַנגל אין וועג און זיי זיינען די ליכטיקע פּונקטן אין די זכרונות פון אַ פּאָלאַרייזנדער.
22 אַפּריל. נעכטן בין איך צוריקגעקומען פון אַ פיר-טאָגעדיקער נסיעה צום היטערשפּיץ. מיר האָבן אַוועקגעפירט אַהין האַ־

בער און ווייצנמעל, חזירפעטס און אַנדערן פּראָוויאַנט און אויך פאַרגרעסערט די דאָרטיקע זאַפּאַסן פון פלייש און ים־הינט. איצט האָב איך דאָרט באַשטימט מייערן אַלס קאָמענדאַנט. ווילסאָן מיט נאָך אייניקע זיינען מיט מיר אַוועק צוריק. מיר זיינען איבער־ראַשט פון די אַלע באַקוועמלאַכקייטן אין אונזער ווינטערקוואַטיר.

זונטאָג, 23 אפּריל. היינט האָט די זון זיך צוזעגנט מיט אונז, שיקנדיק אונז צום לעצטן מאָל אירע גאָלדענע שטראַלן. די זון אַליין האָט זיך באַהאַלטן הינטערן גלעטשער און זיינע שיינע אייזשפּיצן האָבן געשיינט אין די ראָזיקע שטראַלן. איצט הויבט זיך אָן דער לאַנגער, ליבער בין־השמשות, וואָס פאַרבינדט מיט אַ זילבערנער קייט דעם היינט מיטן מאָרגן.

# שטילע ווינטעראַרבעט.

מאָנטאָג, 24 אַפּריל 1911. מיר האָבן באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס האָט די אויפגאַבע צו האַלטן די וואַך ביינאַכט, איבערהויפט אָבער צו באַאָבאַכטן דאָס דרום-ליכט. דער באַאָבאַכטער איז מחויב יעדע שעה אַרויסצוגיין אין דרויסן און פאַרבלייבן דאָרט אַ געוויסע צייט. דעם ערשטן מאָל האָב איך דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע. די לאַנגע נאַכט-שעהן ווערן אויסגענוצט אויפצוטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. אין שטוב ביי אונז איז אַ גאַנצע נאַכט וואַרים, אפילו ווען דאָס פייער אין אויוון איז אויסגעלאָשן.

סימפּסאָן האָט געלאָזן אופהויבן זיין פּרוב-באַלאָן, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן פון פיינעם זייד און אַנטהאַלט ביי אַ קובישן מעטער וואַסערשטאָף. צום באַלאָן איז צוגעבונדן אַ טערמאָמעטער מיט אַ באַראָמעטער, וועלכע פאַרצייכנען די טעמפּעראַטור און און דעם דרוק, אָדער דאָס געוויכט פון דער אַטמאָספער. דערדאָזיקער אינסטרומענט וועגט אינגאַנצן 64 גראַם און הייגנט אויף אַ זיידענעם פאָדים 3—5 מעטער אונטערן באַלאָן.

25 אַפּריל. מיר האָבן 25 גראַד פראָסט, דער ים איז שוין גוט איינגעפרוירן און די לייט פון דעם היטערשפיץ וועלן מסתם איניגיכן זיך פאַרייניקן מיט אונז.

פאַנטינג האָט צוגעגרייט פאַרביקע פאָטאָגראַפיעס, אָבער דער רעזולטאַט האָט אונז נישט באַפרידיקט.

ווילסאָן אַרבעט אַלס מאָלער מיטן פּענזעל: עטקינזאָן שטעלט אויף זיינע סטעריליזאַטאָרן און זריעה-אַפּאַראַטן; רייט אַרבעט מיט

זיינע עלעקטרישע אינסטרומענטן. עוואַנס באַשעפטיקט זיך מיט טאָפּאָגראַפיע: ער מעסט-אויס דעם פאָדערשטן באַרג און די אומגעגנט. דיימש אָרדנט-איין דעם שטאַל און פאַרגרעסערט דעם פּלאַץ פאַר די פערד; גאַראַר שטעלט-אויף דעם בנין פון שטיין, צו מאַכן אויסשטאָפּונגען פון די דאָרטיקע פייגלען און חיות; דעבענהיים און טאַילאָר פאָרשן-אויס די האַלב-אינזל. אַזוי־אַרום איז יעדער באַשעפטיקט מיט זיין זאַך.

27 אַפּריל. איך האָב אָרגאַניזירט אויף דער ווינטער-צייט אַ ריי לעקציעס; די חברים אינטערעסירן זיך שטאַרק און אויך איך בין אַ גרויסער בעלן אַרומצערײדן פאַרשידענע פראַגן מיט פאַכלייט.

29 אַפּריל. ווילסאָן איז געקומען מיט מיר צו דער „אומצוגייענג־לאַכער אינזל”. ווען מיר האָבן דאָרט אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ באַרג, איז אויסגעבראָכן אַ שטורמווינט פון דרום־זייט. האָבן מיר באַלד פאַרלאָרן פון די אויגן די גאַנצע געגנט מיט אַלע אַרומיקע אינזלען. אויפן וועג צוריק אַהיים האָט עס אַזוי געבושעוועט אַרום אונז, אַז מיר האָבן די וועלט נישט געזען: די גאַנצע לופט איז אָנגעפילט מיטן אויפגעהויבענעם שניי. אין אָוונט האָט דער הימל זיך אויסגעלייטערט, אָבער כ'האָב מורא, אַז דער שטורם האָט אויסגעריסן דאָס אייז אויפן ים.

זונטאָג, 30 אַפּריל. מיין מורא איז נישט געווען אומזיסט. אַ ברייטער אייז-פּאַס איז אַוועקגעשטויסן געוואָרן ווייט אין ים אַריין; דער וועג צו דעם היטערשפּיץ מוז ווידער איבערגעריסן ווערן, און אונזערע חברים וועלן נאָך וואַרטן דאָרט אַ היבש ביסל. וואָס וועט אָבער זיין, ווען יעדער שטורם וועט אויפרייסן דעם ים?

2 מאַי. אין אָוונט האָט ווילסאָן געמאַכט די התחלה פון די לעקציעס: ער האָט באַקאַנט די חברים מיט זיין פאָרשונג וועגן „די אנטארקטידישע פייגלען.” היינט האָבן מיר צום ערשטן מאָל ווידער געשפּילט אין פוט־באָל; דער דרום-ווינט האָט מיר געשטערט און איך האָב דריי פּאַרטיעס פאַרשפּילט. נאָך מיטאָגצייט האָב איך באַמערקט אויפן ים אַן אָפענעם שפּאַלט. כ'האָב מורא, אַז

ער ציט זיך קווער איבערן וועג צו דעם היטערשפּיץ, וואו מיר האָבן אונזערע פערד.

3 מאַי. היינט האָט סימפּסאָן געהאַלטן זיין ערשטע לעקציע וועגן „מעטעאָראָלאָגיע”. ער האָט גערעדט וועגן דער „דרום-קרוין”, וועגן „די פלעקן אויף דער זון און אויף דער לבנה” און וועגן „רעגנבויגן אינם דרום-ליכט”. סימפּסאָן איז אַן אויס-געצייכנטער מסביר: ער שילדערט אַ זאַך, ווי לעבעדיק, און במשך פון איין שעה האָבן מיר ביי אים מער געלערנט, ווי אין אַ לאַנגן שטודיום פון ביכער.

5 מאַי. שוין עטלאַכע טעג, ווי דער ווינט האָט אינגאַנצן נאָכ-געלאָזט. די לעצטע נאַכט האָבן מיר געהאַט 24 גראַד פראָסט. אַך, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט דאָ מיט אונז די חברים פון היטערשפּיץ מיט זייערע פערד! אמת, קיין הונגער וועט זיי נישט אויסקומען צו ליידן, ווייל ביי אַ רוהיקן וועטער זיינען אויפן אייז פאַראַן ים-הינט גענוג.

ווילסאָן באַרייכערט זיין מאַפּע מיט אויסגעצייכנטע סקיצן. דער-ביי אַרבעט ער אויך פיל איבער זיינע זאָאָלאָגישע פאָרשונגען. סימפּסאָן פירט זיינע מעטעאָראָלאָגישע און מאַגנעטישע באַאָבאַכ-טונגען אַזוי פלייסיק, ווי דאָס איז נאָך קיינמאָל נישט געטאָן גע-וואָרן אין אַ פּאָלעקספּעדיציע. רייט איז פאַרנומען מיטן אייזפּראָ-בלעם. דאָס, וואָס די אַרבעט אונזערע גייט אַזוי גלאַט און גוט, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען בויערס געשיקטקייט און רירעוודיקייט. אין אים איז אויף אַ גליקלאַכן אופן פאַרייניקט געוואָרן אַ טע-טיקער גייסט מיט גרויסע פיזישע כוחות. ווען סימפּסאָנס מעטעאָ-ראָלאָגישע אינסטרומענטן רייסן זיך אָפּ פון באַלאָן, איז בויער דער ערשטער, וועלכער געפינט זיי אויפן אייז. ער איז אויך דער ערשטער ביים אַרויספירן די פערד אויף דער פרישער לופט, און ער איז אויך אַ גרויסאַרטיקער משגיח איבער די הינט. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער שוין ווידער ביים טערמאָמעטער. בכלל, איז די פרייע לופט זיין עלעמענט און אין אַלע פראַגן וועגן הלבשה און אכילה-ושתיה איז ער אַן אויטאָריטעט. דאָס כאַפּן פיש איז אויך זיין געביט. עפּעטער שלעפט ער מיך אין זיין

זוינקעלע צו ווייזן עפּיס אַ ניי חיהלע אונטערן מיקראָסקאָפּ. אויך גאראר איז אַ מענש, וואָס האָט ליב פרייע לופט און דערצו איז ער אַ שטילער אַרבעטער. ער איז אויך דער אַרויסגעבער פון אונזער „פּאָלאַר-צייטונג". אין דרויסן איז ער פאַרנומען מיטן בויען שטיינערנע הייזלאַך און קאָנסטרואירן נייע פעטס-אויוונס. זיינע לעצטע עקספּערימענטן זיינען פאַר אַלעמען העכסט וויכטיק, ווייל יעדער פון אונז קאָן, ביי אונזערע אויסטערלישע באַדינגונגען, פּלוצלונג אָפּגעשניטן ווערן פון דער וועלט. אַזאַ איינער מוז וויסן, ווי אַזוי זיך אַליין צו העלפן מיט די קליינע הילפסקוועלן, וואָס מען קאָן דאָ באַקומען. דייטש איז מיט אַלע זיינע כחות אַריינגעטאָן אין די פערד, בשעת זיין דינער אַנטאָן אַרבעט אין שטאַל און דערפילט זיינע באַפעלן. עוואַנס און קרין בעסערן אויס די שליטנס, די פילצשטיוול און אַנדערע רייזע-מלבושים. ליידיק זיצט ביי אונז קיינער נישט.

זונטאָג, 7 מאַי. דער טאָג, אָדער ריכטיקער, דער בין-השמשות, איז זייער קורץ. נעכטן האָט אונזער מעטעאָראָלאָגישער באַלאָן זיך אויפגעהויבן ביז 4—5 טויזנט מעטער הויך, איידער דער טערמאָמעטער-באַראָמעטער-אינסטרומענט האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזן. אַזוי־אַרום האָבן מיר זיך דערוואוסט, ווי גרויס עס האַלט דער פראָסט ביי אַ 4—5 ווי־אָרסט איבער אונזערע קעפּ, און ווי שווער די לופט איז דאָרט.

אין עטקינזאָנס און קרינס נעצן האָבן זיך נעכטן אַריינגעכאַפּט 40 פיש. האָבן מיר היינט געמאַכט אַ גוטן פרישטיק פון פיש. פיל רייכער איז דאָס, וואָס עטקינזאָן האָט געפּאַקט פאַר זיין מיקראָסקאָפּ: אַ באַרג אינפוזאָריען. צווישן זיי האָט ער אַנטדעקט פיל נייע פּאַראַזיטן. קליסאָלד האָט אונז היינט מכבד געווען מיט זשעלע פון ים-הינטישן פלייש — אַן אמתער דעליקאַטעס.

דעם 8-טן און 9-טן מאַי האָב איך פאָרגעלייגט די חברים מיין פּלאַן וועגן אַ שליטנגנסיעה צום פּאָל. די שליטנס וועלן פירן די פערד און די מענטשן. אַלע זיינען מסכים דערמיט, ווייל די הינט טרויט קיינער נישט אָן, באַזונדערס ווען מען דאַרף אַרי-

בערקלעטערן גלעטשערס און הויכקייטן.

10 מאַי. די אָפּטיילונג פון היטערשפּיץ קומט נאָך אַלץ נישט! דאָס אייז איז אַפילו סך הכל 22 סאַנטימעטער דיק, אָבער ס'איז זייער פעסט. מייער וועט מסתּם אָפּוואַרטן ביז דאָס אייז וועט האַלטן 30 סאַנטימעטער דיק. אָבער ער שרעקט זיך, אַז דאָס אייז איז נאָך צו-גלאַט פאַר די פערד. זאָל ער שוין אַמאָל קומען! —

13 מאַי. נאָכן טיי איז עטקינזאָן אַריינגעלאָפן מיט דער בשורה, אַז די הינט-אָפּטיילונג פון היטערשפּיץ איז געקומען! מיר זיינען אַלע באַלד אַרויסגעלאָפן אויף קבלת-פּנים. די הינט זעען אויס אויסגעצייכנט. ביידע פערד זיינען אויפן וועג נישט שטאַרק אָפּגעשטאַנען. מיך האָט שטאַרק באַרוהיקט די ידיעה, אַז אַלע אונזערע צען פערד געפינען זיך אין אַ וואַרימע שטאַל. דער גאַנצער ערפאָלג פון דער עקספּעדיציע וועט דאָך זיין אָפּהייניק פון זיי!

מערקווירדיק: קיינער פון די צוריקגעקומענע חברים ווערט נישט שטאַרק נתפּעל פון אונזער אויסגעבעסערטער קיך. אַ מענטש ברויכט טאַקי דאָ מער נישט צו האָבן, ווי אַ גוטע פּאָרציע פלייש פון ים-הינט, מעל און פעטס, טיי און צוקער מיט קאַקאַאָ!

15 מאַי. ווילסאָן האָט אונז געלייענט אַן אינטערעסאַנטע לעקציע „וועגן פּינגווינען". ער האָט אונז דערקלערט, ווי אַזוי עס וואַקסן זייערע פעדערן, וואָס פאַר אַ מוסקולן זיי האָבן אין די פליגלען און אין די פיס. וואַרשיינלאַך, שטאַמט דער פּינגווין פון אַ פּרי-ערדיקער אַנטוויקלונגס-עפּאָכע, דירעקט פון פייגל-שילדקרעט פון דער יוראַ-צייט*). מען האָט, למשל, געפונען טיף אין דר'ערד פאַרשטיינערטע ריזנאַרטיקע פּינגווינען פון דער מיאָצן- און קאָצן-צייט, און אָט זעט מען, אַז דערדאָזיקער פייגל האָט זיך ווייניק וואָס אַנטוויקלט פון יענער צייט אָן. ווילסאָן האָט

*) יוראַ-צייט—אַ געאָלאָגישע עפּאָכע פון הונדערטער טויזנטער יאָרן צוריק. דאָס אייגענע אויך: מיאָצן און קאָצן.

גערעדט וועגן פֿאַרשידענע מינים פֿון דידאָזיקע פֿייגלען, וועגן זייערע געוווינהייטן און זייערע אייער. ער האָט אויך געגעבן אַ קורצן באַריכט וועגן דעם קייזער־פּינגווין. זיין באַמערקונג, אַז די קייזער־פּינגווינען לערנען שווימען זייערע קליינינקע קינדער, האָט דערוועקט אַ דיסקוסיע, ווייל טייל פֿון די חברים האָבן געזאָגט, אַז דער פּינגווין שטויסט פּשוט אַריין די קליינע פּינגווינעלאַך אין וואַסער; דאַגעגן, האָבן אַנדערע דערוויזן, אַז דער פּינגווין לאָזט איבער די פֿון איי־אויסגעשיילטע פּינגווינען אויף דער יבשה און זיי לויפֿן שוין נאָכדעם אַליין צום וואַסער, אַ שטייגער, ווי דער וואַסערבער.

17 מאַי. אינמיטן נאַכט האָב איך דערהערט בילן אַ הונט. איינעם פֿון די ווייסע, סיבירישע הינט האָט מען געמוזט אַריינגענעמען אין שפּיטאָל. היינט פֿרי האָט מען אים געפֿונען טויט. מען האָט אים געפּאַלמעסט, אָבער די סיבה פֿון זיין טויט איז געבליבן פֿאַר אונז אַ סוד. מיר קאָנען זיך ווייניק פֿאַרלאָזן אויפֿן שפּאַן פֿון די הינט אויף אונזער נסיעה צום פּאָל!

זונטאָג, 21 מאַי. היינט ביינאַכט האָבן מיר ווידער געהאַט אַ פּרעכטיק דרומליכט. איינמאָל איז דער הימל געווען באַלויכטן מיט ליכטבויגנס סאַמע ביז זעניט. די בויגנס האָבן זיך שנעל באַוועגט און גלענצנדיקע ליכטכוואַליעס זיינען געשפּרונגען פֿון איין עק צום אַנדערן. דאָס דרומליכט האָט אַ בלאַס־גרינע, מתים־ענלאַכע פֿאַרב, אָבער פֿאַר יעדער ליכט־כוואַליע פֿלאַמט־אויף אַ רויט פֿייער. פּאַנטינג קאָן נישט פֿאָטאָגראַפֿירן דאָס דרומליכט. דעם נאָרוועגישן פּראָפֿעסאָר ש ט ע ר מ ע ר איז דאָס יאָ געלונגען. ווי עס שיינט, האָט ער געהאַט אַ שטאַרק פֿאַרגרעסערגלאָז און באַזונדערס גוטע פּלאַטן. פּאַנטינג, דאַגעגן, זאָגט, אַז ער האָט ביידע זאַכן בעסערע און פֿונדעסטוועגן באַקומט ער נישט קיין גינסטיקע רעזולטאַטן. אויך די שטערן לאָזן זיך נישט פֿאָטאָגראַפֿירן אויף זיינע פּלאַטן. אַ מאָדנע זאַך!

26 מאַי. היינט נאָכמיטאָגצייט בין איך געלאָפֿן מיט פּוסשליטעלאַך אויפֿן אייז. דער שטח איז זייער גוט צום לויפֿן. איצט קאָנען מיר איינאָרדענען גוטע עקסקורסיעס מיט די שליטנס, און

מען וועט זיך אַזוי־אַרום לערנען שלעפּן די שליטנס, לויפנדיק מיט פוסשליטעלעך.

29 מאַי. ווידער אַ שיינער שטילער טאָג. איך בין צוזאַמען מיט ווילסאָנען און בויערן געגאַנגען צום טערמאָמעטער אויף אַן אינזל. אויפן וועג האָט זיך דער הונט, וואָס האָט אונז באַגלייט, פּלוצ־לונג אַרויסגעריסן און נעלם געוואָרן אין נעבל; ער האָט דער־שמעקט אַ יונגן ים־לעמפּערט. קעגן דעם ים־הונט איז דער לאַנ־גער געשיקטער ים־לעמפּערט כמעט אַ שיין באַשעפעניש. ער האָט זיך שנעל באַוועגט אין וואַסער. ווען מיר האָבן אים געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן איבערן קאָפּ, דערביי האָט ער ברייט געעפנט זיין מויל, אָבער מערקווירדיק,—ער האָט קיין ברום נישט געטאָן, אַפילו נישט געזשיפּעט. שפּעטער האָבן מיר אים אַרויסגעפּאַקט אויף אַ שליטן. פּאַנטינג האָט אים תיכף פאָטאָגראַפירט.
זונטאָג, 4 יוני. זונטאָג נאָכמיטאָג גייען ביי אונז אַלע שפּאַ־צירן. איך בין געלאָפן מיט מיינע פוסשליטעלעך צו אַן אינזל און געהאַט אַ גוטן וועג. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, ווי דער שניי האָט פאַרדעקט די זאַלץ־קריסטאַלן און דער וועג איז געווען אַ גרויסאַרטיקער.

פּאַנטינג פאָטאָגראַפירט די אייזבערג מיט דער הילף פון מאַג־נעזיום־פייער. מיט אַזאַ פייער איז אויך זייער גוט צו געבן סיגנאַלן, דען איך האָב פון דערווייטן געזען דאָס פייער, ווי אַ בליץ אויפן הימל.

6 יוני. היינט איז מיין געבורטסטאָג. איך האָב עס גאָר פאַר־געסן, אָבער מיינע חברים האָבן מיר דערמאָנט. צום צווייטן פרישטיק האָט מען לכבוד דעם דערלאַנגט אַ גרויסן קוכן און דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז חברה האָט צוגעגרייט אַן אמתע יום־טוב־סעודה צו מיטאָג. צו דער באַשטימטער שעה האָבן מיר זיך געזעצט ביי אַ רייך געדעקטן טיש. די פאָנעס פון די שליטנס זיינען אויסגעהאַנגען געוואָרן אַרום הויז. קליסאָלד האָט אונז מכבד געווען מיט אַן אויסגעצייכנטער זופּ פון ים־הונט־פלייש. דאַן האָט ער דערלאַנגט מאַרמעלאַד פון יאַגדעס, סאַלאַט, שפּאַר־

געל און שאָקאָלאַד. פאַרטרונקען האָבן מיר מיט עפּלווייַן, שערי און ליקער.

נאָך אַזאַ רייכן מיטאָג איז דער עולם געוואָרן גאָר יום־טובדיק געשטימט. אין איין גרופּע דעבאַטירט מען וועגן פּאָליטיק, אַ צווייטע גרופּע דיסקוטירט וועגן דער אַנטשטייונג פון דער מאַטעריע, אַ דריטע רעדט אַרום מאַנכע מיליטערישע פּראָבלעמען. דער עולם איז יונג, מען טראַכט פון לעבן און מען וויל לעבן. די דיסקוסיעס גייען אָפּ גלאַטיק: מען קריגט זיך, חלילה, נישט, מען ענדיקט מיט געלעכטער און פריילאַכע אויסגעשרייען.

13 יוני. דאָס אייז איז איצט זייער גינסטיק צום לויפן מיט פוס־שליטלאַך. איך בין צוויי מאָל געלאָפן צו דער אינזל. דער קאַלטער גלאַנץ פון דער לאַנדשאַפט, ביי אַ שטיל וועטער, איז ממש הערלאַך. דער אויסגעשטערנטער הימל איז ערטערווייז באַצויגן מיט פורפור און די שטראַלן פון די שטערן פינקלען אין די בערג און אונטער מיינע פיס. איבער דער דרומזייט פון באַרג האָט זיך באַוויזן אַ שיין פונם דרומליכט, און איך האָב געזען אַ גלאַנציקן מעטעאָר, וועלכער האָט אַ שאָס געטאָן קווער איבערן הימל צום צפון.

אַז איך האָב מיך אומגעקערט, האָב איך געטראָפן דעבענהעמען און גראָנען, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון שפּיץ ערמיטאַזש. אויפן היטערשפּיץ האָבן זיי געפונען דעם קליינעם הונט „מוקאַקאַ" אויף דער שוועל, שוואַך און מאָגער, אָבער נאָך גענוג ענערגיש צו בילן אויף זיי. דעמדאָזיקן הונט האָבן מיר אין יאַנואַר איבערגעפאָרן מיט אַ שליטן און פון דעמאָלט אָן איז ער זייער שוואַך. בשעת אונזערע לייט האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דעם היטערשפּיץ, האָבן זיי אים מיטגענומען מיט זיך. אָבער אין וועג האָט ער געמאַכט פּליטה. אַזוי־אַרום האָט דער הונט אַ חודש לאַנג געלעבט פאַר זיך און געזאָרגט פאַר זיין אייגענער חיונה. בשעת מען האָט אים געפונען, איז אים דאָס מויל געווען אויסגעשמירט מיט בלוט, ס'איז קלאָר, אַז ער האָט געפאַקט אַ ים־הונט. ווי אַזוי ער האָט אים געקאָנט איינבייסן ביז צו טויט, איז פאַר מיר אַ סוד.

# אַ ווינטער־יום־טוב.

מאָנטאָג, 19 יוני 1911. אונזער טאָגאָרדנונג גייט רעגלמעסיק. קליסאָלד שטייט אויף זיבן אַ זייגער אינדערפֿרי און גרייט צו פֿרישטיק. האַלב אַכט דעקט הופֿער צום טיש, בשעת מיר אַרבעטן נאָך אין דרויסן. אַנטאָן פֿאַשעט די פֿערד, דימיטרי פּאָרעט זיך אַרום די הינט. הופֿער לאָזט קיינעם נישט שלאָפֿן, און האַקט אין גלעקל צום פֿרישטיק. דאַן רירט זיך דער עולם. מען האָט שוין צעשמאָלצן גענוג אייז אויף צום וואַשען זיך, און צוגערעכט געמאַכט די בעטן. צום טיש קומט מען זיך צונויף אַרום ניין אַ זייגער און יעדערער באַקומט אַ טעלער מעלזופּ. פֿון האַלב צען ביז האַלב צוויי גרייט מען זיך צו צו פֿאָרן מיט די שליטנס. הופֿער קערט אויס דערווייל די שטוב און וואַשט דאָס געפֿעס. ער מאַכט בכלל אָרדנונג, ווישט אומעטום אַראָפּ יעדעס שטויבעלע. דאָס דאַרפֿן די אָפֿיצירן נישט טאָן אַליין, כּדי צו האָבן מער צייט פֿאַר זייער וויסנשאַפֿטלאַכע אַרבעטן.

אַרום האַלב צוויי עסט מען דעם צווייטן פֿרישטיק. דערנאָך פֿירט מען אַרויס די פֿערד אויף דער פֿרישער לופֿט, און מיר, ווידער, מאַכן באַוועגונגען. דאַן גייען די אָפֿיצירן צו זייער וויסנשאַפֿטלאַכער אַרבעט, און יעדער טוט דאָס, וואָס ער באַדאַרף טאָן. אין אָוונט, האַלב אַכט, עסט מען וועטשערע. דאָס דויערט אַ שעה. דאַן לייענט מען, אָדער מען שרייבט, אָדער מען שפּילט און דאָסגלייכן. געוויינלאַך דערמאָנט זיך אַ פֿריילאַכע נשמה אָן דעם גראַמאָפֿאָן. דרייט מען אים אָן און אָט האָבן מיר אַן אָפּע-

רע. לעקציעס לייענט מען ביי אונז דריימאָל אין דער וואָך, דערמיט אינטערעסירן זיך אַלע זייער שטאַרק.
עלף אַ זייגער לעשט מען אויס דעם ערצעטילן-לאָמפּ. ווער ס'וויל נאָך ווייטער אַרבעטן, אָדער לייענען אין בעט, דער מוז זיך באַפרידיקן מיט אַ ליכט. אַרום צוועלף אַ זייגער איז שוין ביי אונז שטאָק-פינסטער. דאַן בלייבט דער נאַכטשומר אַליין מיט אַ קליין איילעמפּל.
שבת אָדער זונטאָג נעמט מען אַ באָד, מען ראַזירט זיך און מען טוישט די וועש.
22 יוני. היינט איז פּונקט דער מיטן ווינטער. די זון דערגרייכט היינט איר נידריקסטן פּונקט אַרום האַלב דריי אַ זייגער. אונזער היינטיקע וועטשערע קומט אויס, אַלזאָ, אַ שטייגער, ווי אין איי-ראָפּע אין סילוועסטעראָוונט.
בשעת ביי אונז אין שטוב איז שמחה־וששון, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אויך די נאַטור פּראַוועט אַ יום-טוב. דער גאַנצער מזרח־הימל איז באַלויכטן פונם דרומליכט, עס ציטערן און פלאַ-מען די ליכטיקע פונקען און פאַרשפּרייטן זיך איבערן גאַנצן הימל. דאַן ווערן זיי בלאַסער, שטאַרבן אָפּ און פלאַקערן ווי-דעראַמאָל אויף. דאָס שטאַרקערע ליכט זעט אויס פליסיק; איצט קנוילט עס זיך צוזאַמען אין סנאָפּעס און שיקט הויך אַרויפצו ליכטיקע צינגער. באַלד דערויף צעגיסט עס זיך אין כוואַליעס איבערן הימלראַנד. זעט מען דאָסדאָזיקע וואונדערליכט, מוז מען דערשפּירן עפּיס אַ הייליקן עקסטאַז. איך חדוש מיך, פאַרוואָס דערציילט נישט די געשיכטע וועגן מענטשן, וואָס זאָלן האָבן געדינט דערצו, ווי צו אַ גאָטהייט: דאָסדאָזיקע ליכט קאָן לייכט אָנגענומען ווערן פאַר אַן אַנטפּלעקונג פון גאָט אָדער פון טייוול.

## די אוואַנטורע ביי שפּיץ עוואַנס.

דינסטאָג, 27 יוני. היינט אינדערפרי איז ווילסאָן, בויער און גאַראַר זיך געגאַנגען רוהיק צו דעם שפּיץ קראַזיע, וואו די קייזער-פּינגווינען זיצן אויס זייערע אייער. זייער שווערע משא איז געלעגן איינגעטיילט אויף צווי שליטנס, דריי מעטער לאַנג. דידאָזיקע ווינטערגסיעה איז אַ מוטיקע אונטערנעמונג, אָבער די לייט, וואָס האָבן זי געוואָלט דורכפירן, זיינען די אמתע בריות דערצו. אַז זיי גייען אַוועק, הערן-אויף די לעקציעס און אונזער לעבן פליסט שטיל און מאָנאָטאָן.

3 יולי. דער הימל זעט עפּיס אויס פאַרדעכטיק. איבער אונז ציען זיך דינע וואָלקנדלאַך און זיי שפּרייטן זיך פאַנאַנדער. ווי עס שיינט, הערשט אויפן שפּיץ קראַזיע אַ שטאַרקער ווינט. אונזערע לייט זיינען געווען ווייט אין דרויסן, און אין אַזעלכע שעהן זעט אויס אונזער הייזל זייער איינזאַם און אומעטיק. די שטילקייט און פינסטערניש דריקן די נשמה. דערזעט מען אין דרויסן אויפשיינען עפּיס אַ ליכט, אָדער מען דערהערט עפּיס אַן איינצעלנע שטים פון דערווייטן, אָטעמט מען לייכטער אָפּ.

4 יולי. אַ שטורמטאָג מיט אַ סך נייס! טאַילאָר און עטקינזאָן זיינען אַוועק צום טערמאָמעטער און דאַן איז עטקינזאָן מיט גראַבן געגאַנגען צו די ים-אויסגוסן אין דרום און אין צפון, וואו זיי האָבן געוואָלט זען דידאָזיקע טערמאָמעטערס. דאָס איז געווען אַרום האַלב זעקס. זיבן אַ זייגער איז גראַן געקומען צוריק.

ער האָט זיך געהאַט דערווייטערט פון דער יבשה אויפן אייז סך הכל 300 מעטער און דער וועג צוריק האָט געדויערט ביי אים אַ שעה צייט.

דאָס, וואָס עטקינזאָן האָט געפעלט, האָט קיינעם נישט באַאומרוהיקט ביז נאָכן עסן. ווען מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, האָט דער שטורם נאָכגעלאָזט, הגם אין דרויסן איז געווען אַ נעבל און ס'האָט אָנגעהויבן צו שנייען, אָבער מיר האָבן דאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט באַזונדערס זיך צו באַאומרוהיקן. אַ נייס אַזאַ וועטער! נאָכן עסן אָבער האָבן מאַנכע פון אונז מיטגענומען לאַמטערנעס און זיך געלאָזט גיין נאָך עטקינזאָנען. פון פאָרזיכטיקייט-וועגן, האָבן מיר אויפן בערגל אָנגעצונדן אַ נאַפטפאַקל. עוואַנס, קרין און קיהן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום צפון.

דער ווינט איז דערווייל געוואָרן שטאַרקער, די לבנה האָט זיך, ווי דורך אַ שלייער באַוויזן בלויז זעלטן דורך לויפנדיקע וואָלקנס. ביי דעם שיין פון דער לבנה האָבן אונזערע לייט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרבלאָנדזשען, און אָט האָב איך יעדע מינוט זיי אָפּגעוואַרט צוריק. ס'איז אַריבער אַ שעה, אָבער פון עטקינזאָנען איז קיין שום זכר נישטאָ. עפּיס אַן אימה איז מיך באַפאַלן. האַלב עלף איז עוואַנס צוריקגעקומען מיט זיינע לייט: עטקינזאָן איז נישטאָ! אמת, ער האָט געטראָגן זיינע ווינטער-מלבושים, אָבער אויף די פיס האָט ער געהאַט בלויז לעדערנע שטיוול. פאַר אונז איז שוין איצט קלאָר געווען, אַז מיט אים איז געשען עפּיס אַן אומגליק, און איך האָב דעריבער תיכף אַרויסגעשיקט פּאַטרולן אין אַלע ריכטונגען.

צוערשט איז אָפּגעגאַנגען גאַראַן מיט קרינען, קיהן מיט דימיטרין, פירנדיק אַ לייכטן שליטן, אַ שלאָף-זאַק און אַ פלאַש קאָניאַק. זיי האָבן געדאַרפט באַזוכן דעם גאַנצן ברעג אַרום דעם גלעטשער ביזן שפּיץ באַרנע. דאַן האָבן זיי געדאַרפט גיין צום מזרח ביז צו דער אינזל, עוואַנס מיט דריי מאַן זיינען אַוועק צום דרום-אויסגוס און פון דאָרט צו דער וואַלפיש-אינזל. אויך זיי האָבן מיטגענומען דיזעלביקע זאַכן, וואָס די ערשטע עקספּעדיציע. אַ

דריטע אָפּטיילונג פון ראַטן, גראַנען און לעסלייען איז אָפּגעגאַנגען צו די אייזבערג און מייער מיט דעבענהעמען האָבן זיך געלאָזט מיט לאַמטערנעס זוכן אויפן אייז ביים פּאַדערשטן באַרג. סימפּסאָן און דייטש זיינען אַוועק צום צפון-אייזפעלד, און פּאַנטינג, טאַילאָר און פלוטרין האָבן זיך נאָכאַמאָל געלאָזט באַזוכן דעם באַרגע-גלעטשער. איך מיט קליסאָלדן זיינען געבליבן גאַנץ אַליין אין שטוב און וואָס ווייטער די צייט האָט זיך געצויגן, אַלץ אומרוהיקער בין איך געוואָרן. דער זייגער האָט שוין געשלאָגן עלף,—אָבער קיינער פון די זוכער האָט זיך נישט צוריקגעקערט. האַלב-צוועלף—קיין שום נפש נישטאָ! שוין זעקס שעה, ווי עטקינזאָן איז נישטאָ!

ענדלאַך, אַ פּאָר מינוט פאַר צוועלף האָב איך דערהערט שטימען פון דער זייט פון פּאָדערשטן באַרג. אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מייער און דעבענהעם געבראַכט דעם חברהמאַן. ער האָט געהאַט שרעקלאַכע פראָסטביילן אויף די הענט און אויפן פּנים, אָבער קיין אַנדער זאַך איז אים נישט געשען. עטוואָס מבולבל איז ער יאָ געווען.

ווי ער האָט דערציילט, איז ער בלויז געגאַנגען איין האַלבן קילאָמעטער אין דער ריכטונג צום טערמאָמעטער און דאַן האָט ער זיך צוריק אומגעקערט. דערביי האָט ער געוואָלט האָבן דעם ווינט נישט אין פּנים, נאָר אין זייט און אַט איז ער אין אַ קורצער צייט צוגעקומען צו אַ לאָך, וואו מען פלעגט כאַפּן פיש. ער האָט געוואוסט, אַז דערדאָזיקער פּלאַץ ליגט ווייט פונם פּאַדערשטן באַרג, סך-הכל 180 מעטער. אָבער אַז ער האָט דורכגעמאַכט 180 מעטער, האָט ער דעם באַרג נישט געזען. ווען ער וואָלט זיך נאָר אַ קער געטאָן צום מזרח, וואָלט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אונזער הויז, אָבער דוקא דאָס איז אים נישט איינגעפאַלן, און דאָס באַווייזט, אַז ער איז שוין דעמאָלט געווען גוט צעמישט.

פאַקטיש האָט ער שוין מער גאָרנישט געדיינקט, וואָס מיט אים איז ווייטער געשען. משמעות, האָט ער אָנגעהויבן לויפן צעמישט און דערשראָקן געגן ווינט, ביז ער איז געקומען צו אַן אינזל.

צוליבן נעבל איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ רינע און האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן אונטער דער שוץ פון פעלזן. דאָ האָט ער אָפּגעפרוירן אַ האַנט, בשעת ער האָט געוואָלט אַרויפּציען בעסער אַ הענטשקע. לסוף אָבער איז אים דאָס געלונגען. דאַן האָט ער זיך געוואָלט אויסגראָבן אַ גרוב, צו פאַרבאָרגן זיך אונטערן שניי. אָבער אָט האָט ער דערזען אַ שיין פון דער לבנה און דעמאָלט האָט ער פאַרלאָזט די אינזל. באַלד אָבער איז די לבנה ווידער פאַרזונקען אין די וואָלקנס און ער האָט שוין געוואָלט גיין צוריק צו דער אינזל, האָט ער אָבער די אינזל נישט געפונען. לסוף האָט ער זיך דאָך אָנגעשטויסן אויף דער אינזל, און האָט גענומען געדולדיק וואַרטן. דאַן האָט ער דערזען אונזער פייער אויפן בערגל און זיך געלאָזט לויפן צו אים. ער זאָגט, אַז ער האָט הויך געשריען, אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט. אַ מאָדנע זאַך! בכלל רעדט ער עפּיס נישט דייטלאַך, ווייל זיין מוח איז נאָך האַלב געפרוירן. איין זאַך איז קלאָר: ווען דער שטורם וואָלט נישט נאָכגעלאָזט, וואָלט שוין פאַר אים קיין שום רעטונג נישט געווען!

5 יולי. מיט עטקינזאָנס האַנט איז זייער שלעכט. די פינגער מיט די פראָסטביילען זעען אויס ווי ווורשט-קישקעלאַך. פאָנטינג האָט זיי פאָטאָגראַפירט. עטקינזאָן האָט היינט ווידעראַמאָל פאַרציילט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ס'איז קלאָר, אַז פון פחד, פאַרפראָרן צו ווערן אַליין אין וויסטן אייזפעלד, איז ער צעמישט געוואָרן און דאַן האָט ער געבלאָנזשעט אויף איין אָרט אַרום זיך.

14 יולי. אַ שוידערהאַפטע נאַכט. נעכטן מיטאָגצייט האָט איינער פון אונזערע פערד פּלוצלונג זיך אָפּגעזאָגט פון עסן. אַ קלאָרע זאַך: עס האָט בויכוויטאָג. שפּעטער האָט עס קרין אַרויסגעפירט אין דרויסן, אָבער דאָס פערד האָט יעדע פינף מינוט באַקומען קראַמפן. ווען זיינע ווייטאָגן האָבן אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט, איז עס געלאָפן פאָרויס, אַ שטייגער, ווי עס וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון די ווייטאָגן. ווען מען האָט עס ווידער אַריינגעפירט אין שטאַל, איז אים ערגער געוואָרן. דייטש און אַנטאָן האָבן אים געדולדיק

געריבן מיט אַ זאַק אונטערן בויך. דאָס פערד האָט נאָר גע-וואָלט זיך אַנידערלייגן און מען האָט עס אים דערלויבט. האָט עס זיך אַנידערגעלייגט, אויסגעצויגן דעם קאָפּ, און די קראַמפּן האָבן כּסדר געפּייניקט. ווען די יסורים האָבן אים נאָכגעלאָזט, האָט ער געפּרובט אויפהויבן דעם קאָפּ. האָבן מיר אים איינגע-געבן צוויי פּילן אָפּיום און איינגעהילט דעם בויך מיט וואַרי-מע זעק. איך בין ממש פאַרצווייפלט. מיר טאָרן קיין איינציק פערד נישט פאַרלירן, אָדער מיר וועלן זיך מוזן אָפּזאָגן פון דער עקספּעדיציע צום פאָל אין פרילינג. מיר האָבן שוין גענוג פערד פאַרלאָרן.

נאָך האַלבער נאַכט איז דעם פערד לייכטער געוואָרן. די קראַמפּן האָבן אויפגעהערט, די אויגן האָבן באַקומען אַ מער לעבעדיקן גלאַנץ. זיינע אויערן האָבן זיך אויפגעשטעלט ביים קלענסטן גע-רויש. ווען איך האָב עס באַזוכט אינמיטן נאַכט, האָט עס זיך אַליין אויפגעהויבן, דאַן האָט עס זיך אָפּגעטרייסלט, ווי פון אַ שווערן חלום און אָנגעהויבן שמעקן אינם היי ביי זיין קאָלעגע. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט עס אויסגעטרונקען אַן עמער וואַ-סער און אָנגעהויבן געשמאַק צו פרעסן. מיט אַ לייכטן האַרצן האָב איך, ענדלעך, זיך געלייגט שלאָפן דריי אַ זייגער.

17 יולי. אָ, ווען די זון זאָל זיך שוין אַמאָל באַווייזן! די שטורעם-ווינטן און דאָס זיצן אָן אַ תּכלית האָבן שלעכט געווירקט נישט בלויז אויף די פערד, — אויך פּאַנטינג איז נערוויאיש געוואָרן און עטקינזאָן קאָן נאָר מיט גרויס מי איינשמועסן אים, ער זאָל מאַכן באַוועגונגען אויף דער פרישער לופט. אויך טאַילאָר זעט אויס שלעכט. ווען מיר וואָלטן כאָטש געקאָנט אָנהויבן צו שפּילן אין פוטבאָל.

30 יולי. „יוליק", איינער פון אונזערע בעסטע הינט, איז פאַר-שוואונדן געוואָרן. כ'האָב מורא, אַז זיינע אייגענע חברים האָבן אים איינגעביסן צום טויט... מייער גלויבט, אַז ער איז אַריינגע-פאַלן אין אַ שפּאַלט, נאָכלויפנדיק נאָך אַ ים-הונט. אַ פאַרדריסלאַ-כע געשיכטע!

31 יולי. וואָס איז געוואָרן מיט אונזער אָפּטיילונג, וועלכע איז

אוועק צו דעם שפיץ קראַזיע? שוין פינף וואָכן, ווי זי איז נישטאָ!—אונזערע פערד ווערן אומרוהיק. ביינאַכט הירזשען זיי און האַקן מיט די קאָפּיטעס אין באָדן. ס'איז פּשוט אוממעגלאַך צו שלאָפן. ס'דאַכט זיך אַלץ מי יודע וואָס. ווען דער נאַכט־שומר קומט אַריין צו די פערד אין שטאַל, קוקן זיי אויף אים אַזוי שלעפעריק, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן זיך געחדושט, וואָס ער שטערט זיי אין רעכטן, געשמאַקן שלאָף. צוליב וואָס אָבער הירזשען זיי?

2 אויגוסט. נעכטן אין אָוונט זיינען צוריקגעקומען אונזערע לייט פון שפּיץ קראָזיע, נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט פינף וואָכן. זיי זעען אויס שרעקלאַך. אויפן פּנים און אויף די הענט—פיל וואונדן, די אויגן—קאַלט גלאָז. זיי האָבן דאָרט איבערגע־לעבט די שווערסטע שטורמס און פרעסט. איין וואָך נאָכאַנאַנד האָבן זיי געהאַט 51 גראַד פראָסט און איין נאַכט—57 גראַד. מיט אַ נאַכט שפּעטער—60 מיט אַ האַלבן גראַד פראָסט. ווי אַזוי האָבן עס מענטשן געקאָנט אויסהאַלטן אין אַזאַ וועטער אין אַ לייכטן געצעלט פינף וואָכן לאַנג? דאָס איז אַ העלדישקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט!

# די זון איז דאָ!

מאָנטאָג, 14 אויגוסט 1911. די פערד שפּירן זיך אַזוי גוט, אַז זיי לאָזן נישט דורך קיין איינציקע געלעגנהייט זיך אַרויס־צערייסן פון שפּאַן און לאָזן זיך לויפן אין דער וועלט אַריין מיט אַ פאַרריסענעם ווידל. די הינט זיינען אויך גוט געשטימט. די השגחה אויף ביידע עסקימאָסן־הינט ליגט איצט אויף אונזער קוכער קליסאָלד. ער פירט זיי געוויינלאַך מיט דער הילף פונם קליינעם הונט נוגיס, אַלס אָנפירער. שבת איז קליסאָלדס שליטן אומגעפאַלן נעבן דער רינע, וואו דאָס וואַסער שלאָגט אַרויס פון ים. קליסאָלד איז געבליבן ליגן אויפן שניי, זיין שפּאַן איז פאַרשוואונדן. שפּעטער איז נוגיס געקומען צוריק און די עסקי־מאָסן־הינט האָט מען געפונען דריי מיט אַ האַלבן קילאָמעטער ווייטער, פאַרפּלאָנטערט אין זייערע לייצעס. נעכטן אין אָוונט איז קליסאָלד מיטן זעלביקן שפּאַן געפאָרן צום שפּיץ ראָיִדז און אין צוויי שעה צייט האָט ער געבראַכט אַהיים 90 קילאָ משא אויף די צוויי הינט!

15 אויגוסט. דאָס ערצעטיל האָט פלוצלונג אויפגעהערט צו ברענען. איך שרייב היינט צום ערשטן מאָל ביי טאָג.

22 אויגוסט. היינט האָט זיך אייגנטלאַך צום ערשטן מאָל באַדאַרפט ווייזן די זון! אָנשטאָט דעם אָבער האָבן מיר געהאַט אַ שטאַרקן שטורמווינט מיט אַ שנייזאַווערוכע. און דאָך איז עס אַזאַ פאַרגניגן צו קאָנען אַרבעטן אָן אַ לאָמפּ!

26 אויגוסט. אויך די פערד שפּירן דאָס טאָגליכט און באַקומען

פרישן מוט. היינט האבן צוויי פערד זיך ארויסגעריסן פון די לייצעס 50 מעטער ווייט פון שטאל און זיינען אנטלאפן. א שעה צייט האט עס געדויערט, איידער מיר האבן זיי צוריק געכאפט.

פארן צווייטן פרישטיק האט די זון באגילדט די אייזפעלדער, מיט פאנטיגגען בין איך אוועק צו די אייזבערג. דער נאנטסטער אייזבארג איז אומגעפאלן און מיר האבן לייכט ארויפגעקלעטערט אויף אים. אויפן בארג האבן מיר לייכט געקאנט זען די זון אי־בער די שפיציקע קאנטורן פון ב א ר נ ע. ס'איז געווען א גרויסער תענוג צו שטיין אינם ליכט פון דער זון. מיר האבן זיך געשפירט ווי פון דאסניי געבוירן. מיר האבן געזונגען און געשריען: „הו־רא!" איצט קומט שוין צו אונז דאס לעבן ווידער מיט פריילא־כע אויגן און דאס שלעכטע וועטער פארלירט זיין אימהדיקייט. מארגן אדער איבערמארגן וועט דאך ווידער זיין אזוי שיין! נאכמיטאגצייט האב איך ארויפגעקלעטערט אויפן בארג, און דער פריילאכער געזאנג און די הורא־געשרייען פון די חברים און דאס פריילאכע הירזשען פון די פערד האט דערגרייכט צו מיר.

28 אויגוסט. פאנטינג און גראן זיינען נעכטן שפעט אין אוונט געגאנגען ארום דעם אייזבארג. פלוצלונג האבן זיי דערהערט דאס בילן פון א הונט אין דער צפונזייט פונם אייזפעלד. דער הונט איז צוגעשפרונגען צו זיי מיט א געוואלדיקער שמחה. דאס איז געווען אונזער פארשוואונדענער „יוליק"! ער איז געווען רעכט אויסגעשמירט אין בלוט און פון אים האט זיך געטראגן א שטאר־קער ריח פון ים־הונט־פלייש. הונגעריק איז ער נישט געווען, דאך אבער זייער אויסגעצערט. א גאנצן חודש צייט האט ער זיך מפרנס געווען אין זיין וואנדערונג. וואס פאר א אוואנטורעס האט ער עס געמוזט אדורכמאכן!

די זון שיינט ארייין צו אונז אין פענסטער,—די זונענשטראלן דערגרייכן שוין ביז צו דער קעגנאיבערדיקער וואנט!

31 אויגוסט. מייער און דימיטרי זיינען ארויסגעפארן צו דעם היטערשפיץ. דימיטריס שפאן איז געלאפן אזוי געשווינט, אז

ס'האָט אים אַרויסגעשליידערט פון שליטן. איך האָב עס גראָד
בייגעלעבט, בין איך אַריינגעשפּרונגען אין שליטן און אַ כאַפּ
געטאָן די לייצעס. עסקינזאָן האָט אויך געוואָלט מאַכן אַזאַ קונץ,
אָבער ער איז אומגעפאַלן און ווייל ער האָט זיך פעסט גע-
האַלטן פאַרן שליטן, האָט עס אים געשלעפּט אַ היבשן מהלך
אויפן שניי. אייגנטלאַך איז דידאָזיקע נסיעה גאָרנישט נויטיק
געווען, אָבער מייער טענהט, אַז דאָרט, אויף דעם היטערשפּיץ,
וועט אים לייכטער זיין אויסצעפאָרן די הינט. דאָס זאָל, אַלזאָ,
זיין די התחלה צו דער פאָלנסיעה.

## שווערע צייטן.

זונטאָג, 10 סעפטעמבער 1911. אין דער לעצטער וואָך בין איך געוועזן שטאַרק פאַרנומען מיטן אויסאַרבעטן גענויע פּלענער פאַר דער פאָרשטייענדיקער נסיעה צום פּאָל. איצט זיינען די פּלענער פאַרטיק. אויב די מאָטאָרשליטנס וועלן נאָר אַרבעטן גוט, וועלן מיר אָן שום שוועריקייטן קאָנען קומען צו די ביירדמייר-גלעטשערס. זאָל נאָר נישט געשען עפּיס אַן אומגליק מיט אונז. פון דאָרט וועלן דריי אָפּטיילונגען, צו פיר פאַרשוין אין יעדע-רער, אַרויסטרעטן צום פּאָל. איך האָב גענוי באַטראַכט אַלערליי מעגלאַכע מניעות און האָב באַזאָרגט יעדע אָפּטיילונג מיט אַלעם נויטיקן. די פערד זיינען היי יאָר גאָר אַנדערע, ווי פאַראיאָרן, און אויב זיי וועלן נאָר איין חודש צייט זיך איינאיבן צו שלעפּן אַ שליטן, וועט פאַר זיי די געפּלאַנטע משא זיין ממש אַ שפּילכל. אַלנפאַלס מוזן מיר האָבן אַלע צען פערד.

נעכטן איז מייער מיט דימיטרין געקומען צוריק פון זייער נסיעה צום היטערשפּיץ. די הינט האָבן געאַרבעט אויסגעצייכנט. קיין ים-הינט זעט מען דאָרט נישט מער. און ווייל מייער האָט זיין נסיעה געמאַכט מיטן צוועק—צוצוגרייטן דאָרט געטריקנט מעל פון ים-הינט-פלייש, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו זיצן דאָרט לייגנער.

זונטאָג, 1 אָקטאָבער. פאָריקן דאָנערשטאָג בין איך צוזאַמען מיט עוואַנסן, בויערן און סימפּסאָמען צוריקגעקומען פון אַ לעררייכער עקסקורסיע צום פערא-גלעטשער. דרייצען טעג האָבן מיר דאָרט

פאַרבראַכט און האָבן אַדורכגעמאַכט 281 קילאָמעטער. דער מאַרש צוריק אין שרעקלאַכן שטורם איז געווען זייער באַשווערלאַך.

4 אָקט. היינט האָבן מיר באַקומען אַן ערנסטע ידיעה. דאָס פערד יען איז צו שוואַך, עס זאָל קאָנען שלעפּן אַ באַלאָדענעם שליטן. אַ שווערער קלאַפּ פאַר מיר! כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל נאָך האָבן פיל צרות מיט די פערד.

די צייט פליט. די זון שטייגט וואָס-אַ טאָג אַלץ העכער אויפן הימל. דער ערשטער פרישטיק, דער צווייטער און די וועטשע-רע—אַלץ ווערט געגעסן ביי דעם טאָגליכט. אויך די נאַכט איז שוין נישט אַזוי פינסטער.

6 אָקט. יען איז גאָר שוואַך, מיר וועלן עס נישט קאָנען מיט-נעמען אין וועג אַריין. אויך מיט נאָך צוויי פערד האַלט עס נישט זייער גוט. די איבעריקע זיבן זיינען געזונט און אויף זיי וועט פאַלן די גאַנצע אַרבעט. ווען מיר זאָלן נאָך האָבן פאַר-לוסטן, בלייבן מיר אָפּהייניגיק פון די מאָטאָרן, און דאַן?!

היינט איז ווילסאָן, דייטש, גאַראַר און קרין אָפּגעפאָרן מיט זייע-רע פערד צו דעם היטערשפּיץ. אַרום פינף אַ זייגער האָט פון דאָרט געקלונגען אונזער טעלעפאָן. דעמדאָזיקן טעלעפאָן האָט איינגעאָרדנט מייער און ביז היינט האָבן מיר קיין שום פאַר-בינדונג נישט געהאַט מיט יענעם פונקט. כ׳האָב גערעדט מיט אים און דייטשן דורכן טעלעפאָן. אין דעמדאָזיקן פרימיטיוון לאַנד, האָט עס מיר אויסגעוויזן ווי עפּיס אַ וואונדער-מעשהלע, צו קאָנען ריידן מיט חברים אויף אַ מהלך פון זיבנאונצוואַנציק קילאָמעטער!

7 אָקט. דאָס פערדל יען האָט זיך, משמעות, באַליידיקט, פאַר-וואָס מיר האַלטן פון אים אַזוי ווייניק און אָט האָט עס היינט געשלעפּט דעם שליטן גאַנצע זעקס קילאָמעטער און איז גאָרנישט מיד געוואָרן. אפשר וועט מען עס פאָרט קאָנען אַריינעמען אין אונזער נסיעה-פּראָגראַם!

זונטאָג, 8 אָקט. אַ טריבער נאַכמיטאָג. אַרום פינף אַ זייגער האָט דער טעלעפאָן געמאָלדן, אַז קליסאָלד איז אַראָפּגעפאַלן פון אַן

אייזנבאַרג און האָט זיך צעשעדיקט דעם רוקן! איך בין באַלד אָפּגעפאָרן אהין און האָב אים געפונען אָן באַוואוסטזיין. פאַנ־טינג איז געזעסן נעבן אים. מיר האָבן אים אַריינגעלייגט אין אַ שלאָפזאַק און אָפּגעפירט אַ היים. עס האַנדלט זיך, קענטיק, וועגן אַ געהירן־אָנצינדונג. ווען קליסאָלד איז געקומען צו זיך, האָט ער געליטן שרעקלאַכע יסורים. עטקינזאָן און ווילסאָן זאָגן, אַז ס׳איז נישט געפערלאַך, אָבער אַלנפאַלס האָט ער געהאַט אַ שווערן נערוון־אַטאַק.

אַן אומגליק קומט זעלטן אַליין. בשעת מיר האָבן קליסאָלדן אַריינ־געטראָגן אין שטוב, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז טאַילאָר האָט זיך שוין אַ שטיק צייט נישט אומגעקערט צוריק פון זיין נסיעה צום טירקענקאָפּ. פלוצלונג הער איך, מען זאָגט, אַז אין דרום־אויסגוס זעען זיך צוויי געשטאַלטן. אָבער ווען מיר האָבן זיך גע־זעצט צום טיש, איז רייט אַריינגעקומען מיט דער ידיעה, אַז טאַילאָר איז אָן כוחות געבליבן ליגן אויפן אייז. מען מוז אים שיקן קאָניאַק מיט עפּיס אַ וואַרים געקעכטס. איך האָב עס תיכף אַרויסגעשיקט, אָבער באַלד נאָכדעם האָט זיך באַוויזן טאַילאָר אַליין. ער איז געווען האַלב טויט.

10 אָקט. קליסאָלד האָט געהאַט צוויי רוהיקע נעכט, אָבער פון אָרט קאָן ער זיך דאָך נישט רירן. ער איז שרעקלאַך נערוועז, אַ סימן פון אַ געהירן־קלאַפּ. הייַנט אינדערפרי האָט ער זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף אונזערע הכנות צו דער נסיעה. ס׳איז אויס־געשלאָסן, ער זאָל זיך קאָנען באַטייליקן אין אונזערע פּאָלנסיעות.

מייער איז נעכטן געקומען צום היטערשפּיץ און געמאָלדן, אַז איינער פון אונזערע הינט איז אַוועקגעפאַלן טויט. דאָס איז אַן אומגליק, אָבער איך האָב מיך שוין מיאש געווען. זאָל גיין זיך, ווי ס׳גייט. און דאָס וועטער איז זייער שלעכט. כ׳האָב געהאָפט אויף בעסערס. די אייביקע שנייען שטערן אונז אין דער אַרבעט צו לערנען די פערד גיין אין שפּאַן מיט משא.

13 אָקט. הייַנט איז אַ גאַנצן טאָג געווען ליכטיק און וואַרים.

באַכמיטאָגצייט האָט מען געקאָנט זיצן אין דרויסן.

די פערד האַלטן זיך זייער גוט. אַ דאַנק בויערס געדולד, האָט מען, ענדלאַך, באַוויזן אויסצעלערנען דאָס פערד „וויקטאָר" צו לאָזן זיך פירן אין שפּאַן. מיט די איבעריקע פערד האָבן מיר נאָך צרות. איין פערד איז אַזוי ווילד געוואָרן, אַז מען האָט עס געמוזט בינדן די פאָדערשטע פיס. ס'איז נישט קיין לייכטע אַר-בעט צו לערנען אַ ווילד פערד, עס זאָל גיין אין שפּאַן און אויס-לערנען עס געהאָרכן די לייצעס. פונדעסטוועגן קלאָגן מיר זיך נישט. ביסלאַכווייז לערנט מען אויך אַ פערד אויס, באַזונדערס, ווען מען האָט געדולד און פאַרשטאַנד, ווי אַזוי עס צו לערנען.

זונטאָג, 15 אָקט. די וויכטיקסטע הכנות צו אונזער רייזע זיינען שוין פאַרענדיקט. קיינער ווייסט נאָך נישט, ווער ס'וועט זיך באַטיי-ליקן אין דער עקספּעדיציע. דאָס וועט זיין אָפּהייגיק פון דער אַרבעטספעהיקייט און געזונטצושטאַנד פון יעדן איינצלנעם און מיר וועלן עס וויסן ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן אַדורכמאַכן אַ היבשן שטיק וועג ביזן הויכן פּלאַטאָ*).

17 אָקט. נישט אַלץ גייט, ווי געהעריק. מיט די פערד בין איך אפילו יאָ צופרידן. היינט, אַ שטייגער, האָט מען באַדאַרפט אַרויס-פירן די מאָטאָרשליטנס אויפן אייז, איז אָבער אָנגעפאַלן פיל שניי, דער וועג איז קאַליע געוואָרן און ביי אונזער ערשטן, בעסטן מאָטאָר איז אַראָפּגעפאַלן די קייט. האָט מען עס ווידער צורעכט געמאַכט, דער מאָטאָר איז ווייטער אַוועק, אָבער ביים אייז, וואו מען האָט געמוזט מאַכן אַ שפּרונג, איז ווידער אַרונ-טערגעפאַלן די קייט. האָט מען זיך ווידער גענומען צורעכט מאַכן די קייט, אָבער דערביי האָט מען אין איילעניש צוגעדריקט דאָס ווענטל און די מאַשין האָט זיך גאָר אָפּגעשטעלט. הינטערן אַקס האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס אייל. ס'הייסט, אַלזאָ, אַז די אַקס האָט זיך צעבראָכן. מוז מען די אַקס אַראָפּנעמען, אַוועקטראָגן זי צו-

*) פּלאַטאָ—פלאַכער שטח אויף אַ הויכן באַרג. אין אַזיע הייסט טיבעט אַ פּלאַטאָ.

רייק אין שטוב אריין, אפשר וועט מען זי נאָך דאָרט קענען צורעכט מאַכן, אָבער דאָס קאָסט צייט.

איך האָב געמוזט זאָגן קליסאָלדן, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען באַטייליקן אין דער פּרובנסיעה מיט די מאָטאָרן, און אַז הופער פאַרנעמט זיין אָרט. קליסאָלד איז ממש פאַרצווייפלט.

זונטאָג, 22 אָקט. דאָנערשטאָג האָט מען די אָקס ווידער צורעכט געמאַכט. פון דעמאָלט אָן האָט די מאָטאָראָפּטיילונג געאַרבעט אָן אויפהער און היינט איז אַלץ פאַרטיק צום אָפּפאָרן! די משאות זיינען אָנגעלייגט אויפן אייז, און אויב דאָס וועטער וועט נישט קאַליע ווערן, פאָרן מיר מאָרגן אַרויס.

מייער און דימיטרי זיינען דאָנערשטאָג אין רעכטן שטורם געקומען צו אונז. איינמאָל האָט זיך דער שניי-שטורם אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז זיי האָבן אַפילו נישט געקאָנט זען די הינט פאַר זיך,—די געצעלט-אינזל איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון זייערע אויגן, אָבער צוויי קילאָמעטער פאַר דער סטאַציע האָט זיך פלוצלונג באַוויזן די זון און דער ווינט איז שוואַכער געוואָרן.

נאָך איינער פון אונזערע בעסטע הינט איז קראַנק געוואָרן עפּיס אויף אַ גאָר אומבאַקאַנטער מחלה. פרייטאָג איז מייער צוריק אָפּגעפאָרן מיט די הינט אויפן היטערשפּיץ און היינט האָט ער מיר טעלעפאָנירט, אַז ער נעמט אונטער אַ נסיעה צום עק לאַגער. דאָס וועטער איז נאָך אַלץ זייער שלעכט. סיי דאָנערשטאָג און סיי פרייטאָג האָט מען נישט געקאָנט מאַכן די איבונג מיט די פערד און זיי ווערן גאָר פאַרווילדעוועט. מען מוז זיי אָנהויבן צו געבן אַ קלענערע פאָרציע האָבער. דאָס איז אַ גרויסער פאַרדרוס. גראָד איצט וואָלט מען זיי געדאַרפט גוט אויספּאַשען און צוגרייטן צו דער שווערער נסיעה.

דאָס שלעכטע וועטער האָט אונז געשטערט אַריבערצעפירן נאָך מאָטאָרזאַפּאַסן צום היטערשפּיץ. דידאָזיקע זאַפּאַסן דאַרפן אונז דינען ביים אומקערן זיך פון פאָל. היינט זיינען די וויכטיקסטע זאַפּאַסן אָפּגעפירט געוואָרן צו דער גלעטשערצונג.

ווידער אַן אומגליק! ס׳איז געקומען איינס פון די דריי פערד,

וואָס האָבן אָפּגעפירט די זאַפּאַסן. פונם פערד האָט געגאָסן שווייס, דער שליטן האָט זיך קוים נאָכגעשלעפּט, איין לייצע האָט גאָר געפּעלט. פערציק מינוט שפּעטער איז געקומען זיין פירער עוואַנס, אויך צעהיצט און צעטומלט, און אָט וואָס ער האָט דערציילט: נאָכדעם ווי מען האָט די משאות אויסגעלאָדן, זיינען די פערד־פלוצלונג ווילד געוואָרן און זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן. וואָס פאַר אַ אומגליקלאַכע זונטאָגס מיר האָבן!

# די ערשטע אויטאָמאָבילן אויף דער אייזגרענעץ.

דינסטאָג, 24 אָקט. 1911. נעכטן זיינען ביידע מאָטאָרשליטנס פאַרטיק געוואָרן צו דער נסיעה. אָבער זיי זיינען צוגעפאָרן נאָר ביזן פאָדערשטן באַרג. היינט אינדערפרי האָט מען זיי ווידער געלאָזט אין גאַנג און באַלד נאָך צען אַ זייגער האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן דער מאַרש. תחלת האָבן זיי זיך עפּעס אָפּגעשטעלט, דערנאָך אָבער איז עס געגאַנגען בעסער. איין איינציקער צופאַל איז מיט זיי יאָ געשען: די קייט פון די רעדער איז אַראָפּגעפאַלן. מיר גייט זייער פיל דערין, אַז די אונטערנעמונג מיט די מאָטאָרן זאָל האָבן ערפאָלג, אַפילו ווען מיר זאָלן דערפון קיין גרויסן נוצן נישט האָבן. וואָרום קוים וועט דערלאָזט ווערן, אַז מען קאָן מאַכן אַ נסיעה אויפן פּאָלאַייז מיט די אויטאָמאָביל-שליטנס, וועט מוזן קומען צו אַ גאַנצער איבערקערעניש אין דער פּאָלנסיעה בכלל. מען וועט פאַרשפּאָרן זיך צו טענטלען מיט די הינט און מיט די מאַנדשורישע פערד. ווער ס'האָט היינט געזען, ווי עס אַרבעטן אונזערע מאָטאָרן, האָט זיך געמוזט איבערצייגן אין זייער נוצלאַכקייט, ווייל אַלע שטערונגען זיינען געווען ריין מעכאַנישע, וועלכע קאָנען באַזייטיקט ווערן.

היינט אינדערפרי האָט מייער דורכן טעלעפאָן געמאָלדן פונם היטערשפּיץ, אַז ער איז געקומען צוריק פונם לאַגער-עק. אַלזאָ, געפינען זיך שוין איצט אַלע זאַפּאַסן אין דרויסן. ווען מען וואָלט זיך נאָר קאָנען פאַרלאָזן, אַז די הינט וועלן שטענדיק אַזוי גוט

אַרבעטן ווי היינט! דערווייל האַלט עס מיט אונז נישט שלעכט.

אַרום איינס אַ זייגער האָט מען מיר געמאָלדן, אַז די מאָטאָרן געפינען זיך שוין אויף דער וואַלפישאינזל, אַלזאָ, זעקס קילאָמע-טער ווייט. דאָס איז גוט!

26 אָקט. היינט אינדערפרי האָט סימפסאָן אָנגעקלונגען פונם היטערשפיץ. די מאָטאָרן האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן אויפן אייז. גראָד דאָס האָט מיך באַאומרוהיקט! וואו ס'איז ווייניק שניי, און מען קאָן פאָרן אויפן האַרטן אייז, פאַלן אַרונטער די קייטן. מען מוז שיקן אַ הילפס-קאָמפּאַניע פון אַכט מאַן.

27 אָקט. נעכטן אינדערפרי זיינען מיר אַרויסגעפאָרן צו דער גלעטשערצונג. ס'איז געווען אַ וואונדערשיינער זוניקער טאָג. אָבער איך האָב מיך עפּיס דוקא געשראָקן. די מאָטאָרן האָבן זיך נישט געוויזן. לסוף האָבן מיר זיי אַנטדעקט אין דערווייטן אויפן אייז, אויפן וועג צום היטערשפיץ. באַלד האָבן מיר געפונען זייערע שפורן אויפן שניי. די מאָטאָרן האָבן גוט געאַרבעט, און די שליטנס זיינען געגאַנגען אויסגעצייכנט, הגם דאָס אייז איז געווען נישט גלאַט. לערך פיר קילאָמעטער פאַרן היטערשפיץ האָבן מיר זיי אָנגעיאָגט. די מאָטאָרפירער האָבן פאַרזיכערט, אַז אַלץ גייט ווי געהעריק. די מאַשינען אַרבעטן רעגלמעסיק, נאָר די צילינדערס ווערן צו הייס, בשעת דער לופטצוג אויף דער מאַשין קילט אים אָפּ צו שטאַרק.

תיכף נאָכן פרישטיק האָט לעסליי געלאָזט זיין שליטן אין באַ-וועגונג און ער איז געלאָפן אָן שטערונג צום שפּיץ ערמיטאַזש. דעי אָבער האָט זיך געהאַט שטאַרק צו טענטלען מיט זיין מאָ-טאָר אויפן שלעכטן אייז. אַ שעה לאַנג האָט ער זיך געמאַטערט, אָבער באַלד דערויף האָט דער שליטן זיך פּלוצלונג געלאָזט לויפן און האָט דערגרייכט דעם ערמיטאַזש נאָך שנעלער, ווי מיר וואָלטן געקאָנט גיין. דערווייל האָט זיך דער ווינט פאַרוואַנדלט אין אַ שטורם און דאָס בילד, ווי אַזוי דער מאָטאָר איז געלאָפן פאָרויס אינם שניינעבל, האָט ממש פאַרכאַפּט. מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק און פאַרבראַכט די נאַכט זייער צעפרידן.

היינט אינדערפרי האָב איך געוואָלט זען, ווי אַזוי די מאָטאָר־שליטנס וועלן אַרויספאָרן אין וועג אַריין, און בין געווען אָנגענעם איבערראַשט, ווען די פירער פון די מאָטאָרס זיינען אין אַ וואָסערע דרייסיק מינוט פאַרטיק געוואָרן מיט די הכנות, הגם ביים שאַרפן, קאַלטן ווינט איז זייער שווער געווען אָנצוצינדן דעם לאָמפּ. לעסליי איז דערפראָרן געוואָרן. איין קילאָמעטער ווייטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דאַן האָט ער מיט איין אָטעם דורכגעמאַכט פינף קילאָמעטער. אָבער ער האָט זיך צו שטאַרק צוגעאיילט און זיין מאַשין איז געוואָרן צו הייס. ער איז אָבער ווייטער געפאָרן און האַרט פאַר דער אייזגרענעץ האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן.

דעי האָט אַלץ נישט געקאָנט גובר זיין די מאַשין. לסוף איז דאָס אים געלונגען און ער האָט אָנגעהויבן פאָרן מיט דער געהעריקער שנעלקייט. באַלד האָט ער אָנגעיאָגט לעסלייען, איבערגעגעבן אים דאָס שמיראייל און מאַרש ווייטער מיט אַ גרויסער שנעלקייט באַרג אַרויף—דער ערשטער אויטאָמאָביל אויפן גרויסן אייזבאַרג. מיר האָבן אַלע געשריען: „הוראַ!” דער מאָטאָר האָט געאַרבעט ווייטער און די מאַשין האָט פון דערווייטנס זיך פאַרקלענערט און פאַרקלענערט.

4459

מיר האָבן געאיילט צו הילף לעסלייען, וועלכער האָט צורעכט געמאַכט זיין מאַשין. אָבער ער האָט אויך דערגרייכט דעם באַרג.

מיר האָבן געוואונשן די מאָטאָרן גליק און זיינען אַוועק צוריק אין היטערשפּיץ, צו טרינקען דאָרט טיי. נאָכן טיי זיינען מיר אַוועק צופוס אין אונזער ווינטערקוואַטיר. אין דעם טאָג זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען צוויי־און־פערציק קילאָמעטער. ביי די היינטיקע אומשטענדן איז דאָס אַ גרויסער מהלך, הגם איך האָב געשפּירט, אַז מיינע פיס וועט דאָס טייער קאָסטן.

28 אָקט. מיינע פיס זיינען אָפּגעריבן און אָפּגעשוואָלן. אין אַ טאָג—צוויי וועט עס איבערגיין. אין דער לעצטער נאַכט האָבן מיר געהאַט אַן אַוואַנטורע אין שטאַל: מיר האָבן דערזען, ווי צוויי פערד בייסן זיך. גראַן האָט שיער נישט באַקומען אַ קלאַפּ

מיט דער קאָפּיטע. ביי אַ גוטער פּאַשע ווערן די פערד גאָר ווילד.

30 אָקט. דרויסן איז אַ שטורם. נעכטן האָב איך צוזאַמען מיט ווילסאָנען, עוואַנסן און קרינען, זיך געמוזט אויסזעצן אין אונזערע שליטן־מלבושים ביי די אייזבערג, ווייל פּאַנטינגן האָט זיך פאַרוואָלט אונז אָפּצוקינעמאַטאָגראַפירן אין אַזאַ מין קליידונג און אין אַזאַ מעמד. ער האָט אַראָפּגענומען אַ גאַנצע ריי פילמען, וועלכע וועלן זיין העכסט אינטערעסאַנט.

געקומען צוריק, האָבן מיר געטראָפן מייערן. עס גייט אים מיט זיינע הינט זייער גוט. ער האָט אונז פאַרציילט, אַז מיט לעסלייס מאָטאָר איז געשען אַן אומגליק: גישט ווייט פון הויפּטלאַגער האָט געפּלאַצט דער צילינדער. צום גליק, האָט ער געהאַט אין רעזערוו אַן אַנדער צילינדער, און דעי און לעסליי האָבן אַ גאַנצע נאַכט, ביי צוויי־און־דרייסיק גראַד פראָסט, געאַרבעט, ביז זיי האָבן דעם נייען צילינדער געבראַכט אין אָרדנונג. צוליב דעם וועל איך אַרויספאָרן נישט מאָרגן, נאָר מיטוואָך. אויסערדעם, זיינען מיינע לייט זייער מיד פון צוויי טעג אַרבעט ביי די מאָטאָרן, און זיי מוזן אויסרוען.

# דער אַרויספאָר צום דרומפּאָל.

מיטוואָך, 1-ער נאָוועמבער 1911. היינט אינדערפרי זיינען מיר אַרויסגעפאָרן אין עטלאַכע אָפּטיילונגען מיט אונזערע פערד אין וועג אַריין. דער ווינט בלאָזט פון דער וואַלפישאינזל און דער הימל זעט אויס ווי פאַר אַ שטורם. צוויי קילאָמעטער וויי-טער האָט בויער מיך אַריבערגעיאָגט מיט זיין פערד און איבערגעלאָזט מיך דאָרט, וואו איך וויל זיין אַמליבסטן — אין די לעצטע רייען. די פערד גייען מיט גרויס אימפּעט פאָרויס. אין פיר שעה זיינען זיי געקומען צום היטערשפּיץ. מיר, די הינטערשטע רייען, זיינען געקומען אַ שעה שפּעטער. ס'איז שוין טאַקי צייט געווען, ווייל ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם.

2 נאָוו. היטערשפּיץ. די נעכטיקע שנעלע נסיעה מיט די פערד איז פאַר מיר געווען זייער אַ גוטע לעקציע, און מיין ווייטערדיקער מאַרשפּלאַן איז שוין איצט קלאָר: מיר וועלן אַרויספאָרן אין דריי אָפּטיילונגען. צוערשט וועלן גיין די שוואַכערע, דאַן די מיטלמעסיקערע און לסוף די שטאַרקע און שנעלע. מיר וועלן אָנהויבן פאָרן ביינאַכט און, ווי איך האָף, וועלן מיר אַרויספאָרן באַלד נאָכן אָוונטברויט.

3 נאָוו. ביים היטערשפּיץ איז געווען אַ שטאַרקער שניישטורם, אָבער מיר זיינען אַרויסגעפאָרן, לויטן פּלאַן. די פערד מאַרשירן איבערן אייז אויפן ים גלייכמעסיק. איך האָב געטראָפן עטקינזאָנען, ווען ער האָט געוואָלט אַרויספאָרן. זיין פערד יעהו מיט אַ צווייטן זיינען, לויט זיין מיינונג, שוואַך. באַלד ווי מיר האָבן

אויסגעשטעלט אונזער לאַגער, איז אָנגעקומען פּאַטינג און די־מיטרי מיט זיינע הינט.

זיך אויסגערוט, מאַרשירן מיר ווייטער. פרישטיקן אינמיטן דער נאַכט בין איך גראַד נישט קיין גרויסער בעלן, אָבער דער מאַרש איז נאָכדעם אַ לייכטער, באַזונדערס, ווען דער ווינט לאָזט נאָך, אַזוי ווי היינט און ס׳הויבט אָן וואַרימען די זון. ביידע פאָדער־שטע אָפּטיילונגען האָבן זייער לאַגער ניין קילאָמעטער ווייטער און מיר זיינען אהין געקומען מיט דריי פערטל שעה שפּעטער.

איינס אַ זייגער ביטאָג. מיר פּאַשען די פערד. איך האָב אויפ־געוועקט די געזעלשאַפט, און דייטש האָט אויסגעטיילט די פערד פּאַשע. אַלע פערד עסן גוט. ס׳איז דושנע, קיין לייכט ווינטעלע נישטאָ. אַרום שיינט די זון און מען פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז ס׳איז דרייסיק גראַד פראָסט. נעבן אונזער לאַגער ליגט אַ נאַפט־קענדל מיט אַ צעטל, וואָס איז מבשר, אַז איין מאַטאָרשליטן איז דאָ אַדורכגעפאָרן דעם 29־טן אָקטאָבער, ניין אַ זייגער אין אָוונט די מאָטאָר־אָפּטיילונג איז, אַלזאָ, אין וועג מיט 4—5 טעג ווייטער פאַר אונז. דעמדאָזיקן מהלך צווישן אונז וועט מען דער־האַלטן אויך ווייטער.

4 נאָוו. גלייך נאָכן אָפּפאָרן האָב איך געפונען אַ וויציק צעטל מיט אַ פריילאַכער בשורה, אַז די מאָטאָרן גייען אויסגעצייכנט. דעי שרייבט: „ל׳האָף, אַז מיר וועלן זיך זען ביי 80 גראַד 30 מינוט דרום־בּרייט!“

אָרימער חבר! דריי קילאָמעטער ווייטער האָט ער שוין געזונגען מיט אַן אַנדער שטים. מיר האָבן דאָרט געזען פיל אייל און נאַפט. נאָך זיבן קילאָמעטער ווייטער האָבן מיר געפונען אַ צעטל מיט אַ שווערער בשורה: „דעיס צילינדער נומער 2 האָט גע־פלאַצט“. נאָך עטלאַכע קילאָמעטער ווייטער האָבן מיר געפונען דעם מאָטאָר מיט זיינע שליטנס מיט אַלע משאות. אין אַ ברי־וועלע פון עוואַנסן און דעיען איז דערציילט געוואָרן פאָלגנדי־קעס: דער איינציקער ערזאַץ־צילינדער איז פאַרנוצט געוואָרן פאַר לעסלייס מאָטאָר, און דעיס מאַשין איבערמאַכן אַזוי, אַז זי זאָל גיין בלויז מיט די צילינדערס, וואָלט געפאָדערט פיל צייט.

האָבן זיי באַשלאָסן איבערצולאָזן דאָס אַלץ און פאָרן ווייטער מיט לעסליים מאָטאָרשליטן. אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דער חלום וועגן דער גרויסער הילף פון די מאָטאָרס אויף דער נסיעה צום פאָל!

5 נאָוו. לאַגער-עק. אויפן ווייכן שניי זיינען די פערד געגאַנגען גוט, אָבער זיי האָבן געהאַט ווייניק משא. אַ בריוועלע פון עוואַנס מעלדעט, אַז די גרעסטע שנעלקייט פון די מאָטאָרשליטנס איז דרייצען קילאָמעטער אַ טאָג. זיי האָבן מיטגענומען ניין זעק געפרעסטן היי. אין דרום זעען מיר דריי שוואַרצע פונקטן. צי זיינען עס נישט אונזערע חברים מיטן מאָטאָרשליטן? וואָס פאַר אַן אַנטוישונג!

6 נאָוו. מיר זיינען אַרויסגעטראָטן אין דער געוויינלעכער אָרדנונג פון לאַגער-עק און מיטגענומען גאַנצע משאות פאַרן פאָל. באַלד האָבן מיר טאַקי איינגעזען, אַז כ'האָב זיך נישט אומזיסט געשראָקן. אַ בריוועלע פון עוואַנסן האָט געמאָלדן, אַז די ביז-איצטיקע פעלערן האָבן זיך איבערגעחזרט: אַ צילינדער האָט געפלאַצט, די מאַשין איז אָבער אין אָרדנונג. די מאָטאָר-אָפטיילונג איז, לויטן פאָרויסבאַשטימטן פלאַן, אַוועקגעגאַנגען ווייטער, אַלס הילפס-קאָמפּאַניע.

7 נאָוו. אַ שטורם האָט געבושעוועט אַ גאַנצע נאַכט און דויערט נאָך ביז איצט, נאָכמיטאָגצייט. אינדערפרי איז אין רעכטן שטורם אָנגעקומען די הינט-אָפטיילונג און האָט אויפגעשטעלט איר לאַגער לערך אַ האַלבן קילאָמעטער ווייט פון אונז. מייער האָט געהאָפט אָנצוקומען אונז נאָך פריער, אָבער שוין דאָס אַליין איז גוט, וואָס די הינט ווילן בכלל פירן משא און קאָנען עס אויספירן ביי אַזאַ שטורמווינט.

די פערד ליידן, ווי געוויינלעך, זייער שטאַרק פון שניי. די געצעלטן און די שליטנס זיינען זייער שטאַרק פאַרשנייט. ווען מיר זאָלן נאָר קאָנען גיין ווייטער! ווען די זון זאָל כאָטש אַ ביסל שיינען! די פערד פרירן נישט אונטער זייער דעקעס. אָבער אַ ביסל שניי פאַלט דאָרט אַרונטער און צעשמעלצט אויף דער וואַרימער פעל פון פערד. באַזונדערס שטאַרק פייניקט דער

שניי די פערד, ווען ער פאַלט אין די קערנדלאַך, ווייל ער שמייסט זיי אין נאָז, אין די אויערן און אין די אויגן. אָן אימה באַפאַלט מיך פשוט, ווען דער שניי זויגט אויס ביי די פערד דעם מאַרך פון די ביינער. פון די פערד הייגנט דאָך אָפּ אַזוי-פיל אונזער עקספּעדיציע!

8 נאָוו. ביז נעכטן האָט דער שניי געשאָטן אָן אויפהער ביי אַ פאַרוואָלקנטן הימל. לסוף האָב איך באַפוילן זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. נאָך האַלבער נאַכט האָט די פאָדערשטע פּאַרטיע אָנגעהויבן דעם מאַרש. צו מיין איבערראַשונג האָבן אונזערע „פּגירות" אויסגעזען מונטער און פריש, ווען מען האָט אַראָפּגענומען פון זיי די דעקעס. זיי זיינען שנעל אַרויסגעפאָרן, אַדורכגעמאַכט עלף קילאָמעטער און שוין געווען אין לאַגער, ווען אונזער אָפּטיילונג, וועלכע האָט בעסער מאַרשירט, איז אָנגעקומען אַהין. דער וויי-טערדיקער וועג איז שוין געווען זייער אַ גוטער, ווייל דער ווינט האָט נאָכגעלאָזט, די זון האָט געשיינט און די פערד האָבן געאַרבעט אויסגעצייכנט.

די שפּייכלערס, וואָס מיר האָבן אויסגעשטעלט פאַראַיאָרן, געפינען מיר גאַנץ לייכט. צוליב די שנייוועגט, וואָס מיר מאַכן דאָ פאַר די פערד און צוליב די אויסגעשטעלטע צייכנס, וועלן מיר דעם וועג צוריק געפינען גאַנץ לייכט. איך האָף, אַז קוים וועלן מיר זיך אַרויסרייסן פון ווינטיקן צפון-ראַיאָן, וועלן מיר האָבן שטענדיק אַזאַ וועטער, ווי היינט—אַ זוניק וועטער, אָן ווינט. הלואי! באַלד נאָכדעם, ווי מיר האָבן אויפגעשטעלט דעם לאַגער, זיינען אויך געקומען צו לויפן די הינט.

9 נאָוו. אויפן היינטיקן מאַרש האָט רייט אויף איין מינוט גע-לאָזט פריי זיינע לייצעס, כדי צו זען דעם ווייזער פון אונזער שנעלקייט. דעם פערד איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך געלאָזט לויפן אַזוי, אַז רייט האָט אים קוים-קוים אָנגעיאָגט. דער פּוילער יעהו האָט זיך מקנא געווען און האָט אויך אָנגעהויבן צו לויפן. מיר האָבן אַזוי ווייניק געהאַלטן פון דעמ-דאָזיקן פערדל, און מיט אַמאָל נאַ-דיר, עס גייט אויסגעצייכנט!

10 נאָוו. אַ שווערער טאָג, ראשית, אַ שטאַרקער ווינט, וואָס שמייסט גלייך אין פּנים אַריין און דאַן אַ שניישטורם. רייט גייט פּאָרויס, באַלד אָבער פאַרלירט ער די ריכטונג. צום גליק, האָט ער געפונען די שפּורן פון דער פריערדיקער מאָטאָר-אָפּטיילונג, ווען מיר האָבן שוין געוואָלט זיך אָפּשטעלן און אויסשטעלן דעם לאַגער. די פערד אַרבעטן גוט, אָבער אויך דער באָדן איז אויסגעצייכנט. בסך-הכּל האָבן מיר היינט אַדורכגעמאַכט מיט דריי קילאָמעטער ווייניקער. אַ שאָד.

זונטאָג, 12 נאָוו. אונזערע מאַרשן זיינען זייער שווערע. היינט זיינען מיר געקומען צו אונזער פאַראַיאָרן צוגעגרייטן בלאָפּלאַגער, וועלכן מיר האָבן געהאַט אָנגעצייכנט דורך אַ שטאַנג מיט אַ פאָן. דאָ האָב איך געפונען עוואַנסעס אַ בריוועלע פון 7-טן נאָוו. ס'הייסט, אַלזאָ, אַז זיין מחנה איז ווייטער פאַר אונז אין וועג מיט פינף טעג. זייער גוט. עטקינזאָן ליגט מיטן לאַגער צוויי קילאָמעטער ווייטער און ער מעלדעט, אַז זיין פערד וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן. דאָס וועטער איז שלעכט: פינסטערע וואָלקנס און שניי. די שטימונג איז אַ געדריקטע.

13 נאָוו. ווידער אַ שווערער מאַרש; ס'איז פינסטער און דער באָדן איז שלעכט. ווען מיר וועלן אַדורכגיין 33 קילאָמעטער ווייטער ביזן איין-טאָג-שפּייכלער, וועלן מיר וויסן קלאָר, ווי עס האַלט מיט אונז. אָבער די פערד פאַרשאַפן מיר גרויס זאָרג: עס האָט באַדאַרפט זיין בעסער מיט זיי.

דריי אַ זייגער אינדערפרי. שוין אַ פּאָר שעה ווי עס שנייט אָן אָן אויפהער; בערג מיט שניי. וואָס באַדייט עס? אַזוי פיל שניי מוז האָבן אַ גרונט. צי איז עס נישט דערפאַר, וואָס דער ים זאָל זיין אָפן? אויב עס זאָל גיין כּסדר אַזוי, וועט אונזער לאַגע זיין אַן אימהדיקע! אין אונזער לאַגער איז שטיל, די שטימונג איז אַ געדריקטע,—אַ סימן, אַז ס'גייט שלעכט.

15 נאָוו. מיר האָבן געפונען אָן שוועריקייטן אונזער איין-טאָג-לאַגער, 241 קילאָמעטער ווייט פון אונזער ווינטערקוואַטיר. היינט וועלן אונזערע פערד זיך אויסרוען, דאַן וועלן מיר גיין ווייטער מיט אַ שנעלקייט פון פּיראונצוואַנציק קילאָמעטער אַ טאָג. דייטש

איז זיכער, אַז די פערד וועלן עס אויסהאַלטן, כאָטש זיי זיינען זייער אויסגעמאָגערט. עוואַנסעס אַ בריוועלע פון 9-טן נאָוו. מעלדעט אונז, אַז זיין אָפּטיילונג איז געקומען מיט פיר קאָסטנס צוויבאַק ביז 80 גראַד מיט 30 מינוט דרום-ברייט. אין דריטאַלבן טעג איז ער אַדורכגעגאַנגען העכער 55 קילאָמעטער—ס'אַ גוטער מאַרש. מען דאַרף האָפן, אַז ער האָט איבערגעלאָזט גוטע סימנים אויפן וועג.

18 נאָוו. די פערד שלעפּן נישט גוט. דער באָדן איז, אמת, ער-גער ווי נעכטן, אָבער אויף אַ בעסערן האָבן מיר זיך גאָרנישט געריכט. כ'האָב מיט שרעק באַמערקט, אַז מיר פירן צופיל פּאַ-שע פאַר די פערד און אָט האָבן מיר איין זאַק איבערגעלאָזט אויפן וועג. אונזערע פיראונצוואַנציק קילאָמעטער האָבן מיר אַדורכגעמאַכט מיט אַן עודף. די „פגירות" גייען נישט שלעכט, אַלץ הייבגט אָפּ דערפון, צי מיר וועלן מיט זיי זיך קאָנען אַריבערכאַפּן איבערן באַרדמאַרגלעטשער.

זונטאָג, 19 נאָוו. היינט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף גאָר אַ שלעכטן באָדן. די שליטנס זיינען אפילו יאָ לייכט אַריבער, אָבער די פערד זיינען טיף געזונקען אין שניי. יעהו איז האַלב טויט. ער וועט אפשר נאָך איין טאָג האַלטן, נישט מער.

20 נאָוו. דער וועג איז עטוואָס בעסער. אייניקע פעסטע ערטער האָבן דערוועקט אין מיר די האָפנונג, אַז דער אייז וועט זיין אַ בעסערער, אָבער באַלד איז עס ערגער געוואָרן. די „פגירות" גייען נאָך. יעהו גייט גאָר אפילו בעסער, ווי נעכטן. איין מאַרש וועט ער נאָך אַלנפאַלס אויסהאַלטן.

# דער סוף צו דער מאָטאָר־אָפּטיילונג.

דינסטאָג, 21 נאָוו. 1911. אויפן וועג צום פּרישטיק־לאַגער האָבן מיר געזען אַ צייכן. דריי מיט אַ האַלבן קילאָמעטער ווייטער האָבן מיר, ביי 80 גראַד מיט 32 מינוט, אָנגעיאָגט די געוועזענע מאָטאָר־אָפּטיילונג. שוין זעקס טעג לאַנג וואַרט זי דאָ אויף אונז. די לייט זעען אויס קרעפּטיק, אָבער זיי זיינען זייער הונגעריק. דערפון קאָן מען אַרויסזען, אַז אַ פּאָרציע, וואָס קלעקט פאַר אַ פערדפירער, איז צו ווייניק פאַר אַ שליטנשלעפּער. ווי עס שיינט, וועלן מיר באַלד אַלע הונגערן אַפילו ביי דער פאַר־גרעסערטער פּאָרציע.

די מאָטאָר־אָפּטיילונג וועט גיין מיט אונז נאָך דריי טעג, דאַן וועלן דעי און הופּער גיין צוריק. ביז יענעם מאָמענט וועט יעהו נאָך אויסהאַלטן, דאַן וועט מען מיט זיין פלייש פּאַשען די הינט. מייער קוקט שוין אויס, זינט איינִיקע טעג, אויף עפּיס אַ „פּגירה", כּדי צו מאַכן פון איר אַ גוטן מאָלצייט פאַר זיינע הינט.

22 נאָוו. די לאַגע איז דיזעלבע. די פערד ווערן מאָגערער, אָבער נישט שוואַכער. די „פּגירות" גייען נאָך. אויף יעהו קאָן איך מיך פּראָסט נישט אָפּחודשן געווג. נאָך צוויי טעג—און מיר וועלן זיין דאָרט, וואו שעקעלטאָן האָט דערהרגעט זיין ערשט פערד.

23 נאָוו. מיר גייען פּאָרויס. נאָך 280 קילאָמעטער—און מיר וועלן זיין ביים באַרדמאַרגלעטשער. די זאַך איז נאָך אַלץ ריזיקאַליש! ווען עטלאַכע פערד זאָלן זיך פּלוצלונג אָפּזאָגן צו אַרבעטן, זיי־

נען מיר געפּלעפּט. אין דרום ווערן די וואָלקנס געדיכטער. כ׳האָב מורא, אַז מיר וועלן האָבן אַ שטורמווינט. יאָ, ווען דאָס זאָל נאָר ביי אונז נישט צונעמען אַ טאָג גאַנג! אונזערע פּאַשעזאַפּאַסן וואָלטן אַזאַ זאַך נישט דערלויבט.

24 נאָוו. נעכטן האָט אַ גאַנצן טאָג געבלאָזן אַ קאַלטער דרום-ווינט און דער הימל איז געווען אָנגעוואָלקנס. אונזער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן טריב, אָבער, ענדלאַך, האָט זיך עטוואָס אויסגע-לייטערט. איצט שיינט די זון העל און וואַרים, דער באָדן איז גוט און די פערד גייען רעגולער. די מאָטאָר-אָפּטיילונג מאַרשירט מיט די „פגירות" פּאָרויס, די איבעריקע קומען אונטער 2—3 שעה שפּעטער. היינט איגדערפרי האָט מען, לויט מיין פאַראָרדנונג, דערשאָסן יעהו נאָכן ענדיקן דעם מאַרש. ס׳איז נאָך אַ וואונדער, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן די לעצטע אַכט מאַרש-טעג, מער ווי מיר האָבן גערעכנט. אויך מיט אַ צווייט פערד וועט מען אין אַ פּאָר טעג אַרום מוזן טאָן דאָס אייגענע, די איבריקע פערד גייען גוט.

25 נאָוו. נעכטן אין אָוונט האָבן מיר זיך אָפּגעזעגנט מיט דעיען און הופּערן. איצט האָבן מיר זיך רעאָרגאַניזירט. אַלע לאָזן זיך אין וועג אַריין מיטאַמאָל צוזאַמען. עוואַנס, לעסליי און עט-קינזאָן, וועלכע מוזן אַליין שלעפּן זייער 3-מעטער לאַנגן שליטן, גייען פאָרויס, צוויי פגירות גייען נאָך זיי און אַ צען מינוט שפּע-טער גייען די איבעריקע. מיר זיינען געקומען צוזאַמען אין פריש-טיק-לאַגער, דאַן זיינען מיר ווידער אַרויסגעטראָטן אין דערזעל-בער אָרדנונג. די „פגירות" שטייען נאָך אָפּ, אָבער נישט פיל, און מיר קומען סוף-כל-סוף אַלע מיטאַמאָל אין לאַגער. בלויז נאָך עטלאַכע מאַרשן—און מיר קאָנען זיין זיכער, אַז מיר וועלן דערגרייכן אונזער ציל.

# די פּערד פאַלן אַוועק.

מאָנטאָג, 27 נאָוו. 1911. מיר האָבן געהאַט דעם סאַמע שווערסטן מאַרש. די פאָדערשטע מחנה איז געגאַנגען אַזוי שלעכט, אַז מיר האָבן אים באַלד אָנגעיאָגט. די צווייטע העלפט וועג איז געווען נאָך ערגער. די פאָדערשטע זיינען געגאַנגען מיט פּוסשליטעלאַך, און ווייל מען האָט איצט נישט געהאַט קיין אָנווייזונגען, האָבן זיי מיט גרויסע צרות געקאָנט זיך האַלטן ביי דער ריכטיקער ריכטונג. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן מיטן וועג איבערצובייסן, האָט זיך פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטער שניי, און אונזערע פּוסשליטעלאַך זיינען געוואָרן שרעקלאַך שווער פון דעם צוגעקלעפּטן שניי. אין עטלאַכע מינוט אַרום האָט זיך אויפגעהויבן אַ דרומווינט, וועלכער האָט אונז אַזוי ווי אויפגעפרישט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין וועג, ווייל די פּערד זיינען געווען זייער אויסגעמאַטערט. עס שנייט ווידעראַמאָל — דער הימל ווייס אפשר, ווען ס'וועט שוין אַמאָל אויפהערן צו שנייען! אונזערע פּאַשעזאַפּאַסן צווינגען אונז צו גיין דורכויס פּיראונצוואַנציק קילאָמעטער אַ טאָג. זינט עטלאַכע טעג האָבן מיר נישט געזען קיין סימן פון ערד. אויסגעמאַטערטע פּערד מאַכן מיד אויך דעם מענטשן און נאָך דעם געענדיקטן מאַרש שפּירט מען זיך נישט באַזונדערס גוט.

28 נאָוו. זייער אַ טרויעריקע התחלה אין וועג אַריין! אַ שטאַרקער דרומווינט האָט געטריבן פאַר זיך אַ געדיכטן שניי. אויפן האַלבן וועג האָט דער הימל געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך

געוואַלט אויסלייטערן, און מען האָט געקאָנט זיך אָריענטירן אין דער ריכטונג. אָבער ביים צווייטן פּרישטיק האָט ער זיך ווידער פאַרדעקט מיט וואָלקנס. אויף די לעצטע מאַרשן האָבן מיר זיך געמוזט אויסקעמפן יעדן קילאָמעטער ווייטער. ווען וועט עס שוין נעמען אַ סוף מיטן דאָזיקן זומערשטורם!

מיר האָבן היינט דערשאָסן אַ פערד. פיר זעק מיט געפּרעסט היי האָבן מיר נאָך. דאָס וועט קלעקן אויף זיבן טעג. פון באַרד-מאַרגלעטשער זיינען מיר ווייט קנאַפּע 170 קילאָמעטער. קיין זכר פון יבשה זעען מיר נישט.

29 נאָוו. אונזער לאַגע האָט זיך געבעסערט. געזען האָבן מיר דערזען יבשה: דער באַרג מאַרקעהם, אַ גרויסאַרטיקער, דריישפּי-ציקער באַרג, האָט אויסגעוויזן נאָענט פון אונז. מיר זיינען אַרויס אין וועג לערך 26 מינוט אויף פינף. אינם איצטיקן לאַגער זיי-נען מיר געקומען אַ פערטל אויף צוויי. אַזויערנאָך האָבן מיר דורכגעמאַכט דריי קילאָמעטער אַ שעה. כ'רעכן, אַז די פערד וועלן נאָך שלעפּן פינף טעג, אפשר אַ ביסל לייגנער. פון אַ דער-שאָסענעם פערד האָבן אויף פיר טעג פּאַשע די הינט. מיר וועלן אַזויאַרום קאָנען גוט אויספּאַשען די הינט, כדי אויסצונוצן זיי אין וועג, בשעת מיר וועלן גיין צוריק.

זינט מיר האָבן פאַרלאָזט דעם איין-טאָג-לאַגער, זיינען די לע-בער, וואָס די פערד מאַכן אין שניי, 20—30 סאַנטימעטער טיף.— דערפון קאָן זיך מאַכן אַ באַגריף פון די שוועריקייטן, וועלכע מיר האָבן אויסצעשטיין אויפן וועג.

1 דעצעמבער. מיר געפינען זיך אונטער 82 גראַד מיט 47 מינוט ברייט. אין עטלאַכע טעג אַרום וועט עס נעמען אַ סוף צו אונ-זערע פערד. איינס פון זיי וועט זיך נאָך אפשר שלעפּן. די פערד האָבן אויסגעהאַלטן לייגנער, ווי זייערע פּאַשעזאַפּאַסן. מיר האָבן דאָ איבערגעלאָזט אַ שפּייכלער מיט פּראָוויאַנט. די פערד האָבן, אַלזאָ, נאָך ווייניקער משא.

2 דעצ. איך האָב זיך געלאָזט לויפן פּאָרויס אויף פוסשליטעלאַך. דערביי האָב איך געמאַכט עטלאַכע פאָטאָגראַפיעס פון אונזערע „פגירות". די פערד גייען בעסער און מיר זיינען געקומען אין

לאַגער אין אַ פֿרײלאַכבֿער שטימונג. מען מוז װידער אײן פֿערד דערשיסן. ס׳איז אַ װײטאָג אין האַרצן. ס׳װעט קלעקן פֿאַר די הינט אויף פֿינף מאָלצייטן. בײַ דער קנאַפּער פּאַשע מוזן מיר דערשיסן די פֿערד, אָבער ביזן 83 גראַד קאָנען מיר זיכער קו־מען מיט זײ. די הינט אַרבעטן אויסגעצייכנט. פֿון מאָרגן אָן װעלן זײ מוזן שלעפּן גרעסערע משאות. אַלץ שטײט גוט. װען דאָס װעטער זאָל אונדז נאָר דערלויבן צו דערגרייכן גיכער דעם גלעטשער! היינט אין אָװנט האָט זיך דער הימל אויסגעלײטערט. מיר עסן איצט אַלע פֿערדפֿלייש און זײנען אַזוי זאַט, אַז מען קלערט גאָרנישט פֿון הונגער.

זונטאָג, 3 דעצ. אונזער װעטער־גליק װיל נישט קומען! אַרום האַלב זעקס האָט געבושעװעט אַ דרומשטורעם, אײנער פֿון די שטאַרקסטע, װאָס מיר האָבן דאָ איבערגעלעבט. ער האָט צעריסן דעם שנײװאַל אַרום די פֿערד און פֿאַרשאָטן די שליטנס אַזוי, אַז מיר האָבן זײ קוים אָפּגעגראָבן. אַרום צװײ אַ זײגער זײנען מיר אַרויס אין װעג. מען האָט אין אַלע זײטן געזען יבשה און אַלץ האָט אויסגעװיזן צו זײן גוט, װען נישט דער װאָלקן אין דרום־מזרח! און ריכטיק! אַ פֿערטל אויף דרײ האָט דער װאָלקן זיך פֿאַנאַנדערגעצויגן איבערן הימל, האַלב דרײ האָבן מיר שוין אויפֿגעהערט צו זען די יבשה. אַרום דרײ אַ זײגער האָבן מיר שוין געהאַט דעם װאָלקן איבערן קאָפּ. די זון איז פֿאַרשװאונדן, דער שנײ איז געפֿאַלן געדיכט און דער מאַרש איז געװען אַן אומדערטרעגלאַכבֿער. פֿונדעסטװעגן האָבן מיר דורכגעמאַכט צװאַנ־ציק קילאָמעטער.

4 דעצ. אין דער נאַכט האָט דער װינט זיך געביטן, אָבער דער הימל איז געדיכט פֿאַרװאָלקנט און קײן זון זעט מען נישט. בשעת אונזער פֿרישטיק האָט דער װינט זיך פּלוצלונג פֿאַרשטאַרקט און באַלד האָבן מיר געהאַט אַן אמתן שטורעם. מיר האָבן אַלע געמוזט אַרבעטן בײַ דער שנײװאַנט אַרום די פֿערד. ס׳איז אַ שװערע אַרבעט, אָבער פֿאַר די פֿערד אומבאַדינגט נויטיק. די הינט זײ־נען געקומען נעכטן אין אָװנט אין אײן צײט מיט אונדז. די גע־הילפֿסקאָמפּאַניע—היינט פֿרי. זי האָט געהאַט גרויסע שװעריקײטן,

ביז זי האָט געפונען אונזערע שפורן. אַזויאַרום זייַנען מיר, ענדלאַך, אַלע אינאיינעם. מאַרשירן ביי אַזאַ וועטער איז להלוטין נישט מעגלאַך.

אַרום האַלב איינס בייטאָג איז דער הימל עטוואָס אויסגעלייטערט געוואָרן. אַרום איינס האָט די זון זיך באַוויזן, אַרום צוויי האָבן מיר זיך שוין געפונען אין וועג און אַכט אין אָוונט האָבן מיר אויפגעשטעלט אונזער לאַגער, נאָכדעם, ווי מיר זייַנען אָפּגעגאַנגען גוטע פיראונצוואַנציק קילאָמעטער. דאָס לאַנד האָט מען די גאַנצע צייט געקאָנט גוט דערקענען. מיר זעען פיל גלעטשערס, וועלכע זייַנען אויף די מאַפּעס נישט פאַרצייכנט. די פערד זייַנען היינט געגאַנגען נישט שלעכט, הגם דער שניי איז געווען אַ טיפער און דער באָדן אַ געבערגלטער. די הינט אַרבעטן אויסגעצייכנט. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט מער צו פרעסן, און מיר האָבן געמוזט דערשיסן אַ פערד פון זייערטוועגן.

פאַר די צוויי שרעקלאַכע טעג האָבן מיר עלף קילאָמעטער פאַרלאָרן, אָבער ווען אָט דער שטורם זאָל אָנהאַלטן אויך ווייטער, וואָס וועט זייַן אין די גלעטשערס, וועלכע מען וועט מוזן אַריבערקלעטערן? דאָרט וועלן מיר דאָך מ ו ז ן האָבן אַ גוט וועטער! איצט האָבן מיר שוין דעם ערשטן טייל פון אונזער נסיעה הינטער זיך. ווען אַמונדסען האָט נאָר אַ ביסל גליק, וועט זייַן נסיעה געוויס ווייניקער דויערן.

# אַ פּאָטאָלער שניישטורעם

דינסטאָג, 5 דעצ. 1911. מיר האָבן זיך היינט אויפגעכאַפּט אינדערפרי ביי אַן אימהדיקן שניישטורעם. ביז איצט האָט, לפּחות, געפעלט דער פודערשניי, דער אייגנטלאַכער סימן פון אַן אָרקאַן—היינט האָבן מיר אים אין זיין העכסטער פאָרם! שטעקט מען נאָר אַרויס דעם קאָפּ אין דרויסן, ווערט מען תּיכּף באַדעקט מיט אים. דערביי איז אָבער דער פראָסט נישט שטאַרק,— קלעבט זיך אַלץ צו. די פערד שטעהן היינט טיף אין שניי, און דער קאָפּ, דאָס וויידל, די פיס, אַלץ, וואָס איז נאָר נישט באַצויגן מיט דער דעקע, איז אויך באַדעקט מיט שניי, די שליטנס ליגן טיף אונטערן שניי, אַפילו אונזער געצעלט שטייט אין שניי. נאָכן פרישטיק האָבן מיר העכער געמאַכט די שנייווענט אַרום די פערד און איצט ליגן מיר אין די שלאָפזעק. מאַרשירן ביי אַזאַ וועטער און ביי אַזאַ שטורמווינט איז, נאַטירלאַך, אויסגעשלאָסן! ס'איז אַ סטיכיש אומגליק: דאָ העלפט נישט קיין חכמות, קיין פּאָרויסזען, קיין ישוב-הדעת, קיין דערפאַרונג. קיין שום תּרופה העלפט דאָ נישט.

עלף אין אָוונט. דעם גאַנצן טאָג האָט געבושעוועט דער שניישטורעם. ס'איז אָנגעפאַלן אַזוי פיל שניי, ווי איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט געזען. די טעמפּעראַטור איז גראַד הויך: סך הכּל אַ האַלבער גראַד פראָסט. ווען דער שניי לאָזט אָפּ אַ רגעלע, שמעלצט עס. דאָס געצעלט, די מלבושים, די שטיוול—אַלץ איז נאַס. פון די שטאַנגען און פון דער טיר קאַפּען טראָפּנס וואַסער.

אונזערע שלאָפזעק זײַנען אויך אַדורכגענעצט. בררר! איצט דאַכט זיך, אַז עס נעמט אַ פרעסטל—דאַן וואָלט אונזער לאַגע געוואָרן גאָר אַן אוממעגלאַכע. מיר וואָלטן דאָס אַלץ לייכט אַריבערטראָגן, אָבער דער עכּוב, דער עכּוב! מיר טאָרן זיך איצט בשום אופן נישט אָפשטעלן, דאָס מוז ווערן געפערלאַך פאַר דעם ציל פון אונזער עקספעדיציע.

6 דעצ. מיר ליגן אין „זומפ פון פאַרצווייפלונג". דער שטורם בושעוועט מיט דערזעלבער העפטיקייט. די טעמפעראַטור איז גאָר געשטיגן: מיר האָבן אַ האַלבן גראַד וואַרימקייט. אין געצעלט שווימט אַלץ. ווער ס'גייט אַרויס אין דרויסן, קומט אַריין צוריק אַן אָפגעגאָסענער. דער שניי קלעטערט אַלץ העכער איבער די פערד, איבערן געצעלט, איבער די שליטנס. די פערד שטייען, ווי עלענדע יתומים. מיר זײַנען נאָך אַלץ ווייט צווייאונצוואַנציק קילאָמעטער פון באַרדמאַרגלעטשער. אַ ציטערניש נעמט מיך אַדורך, ווען כ'דערמאָן זיך, אַז מיר ליגן אין אַזאַ שווערן מצב.

7 דעצ. דער שטורם ציט זיך ווייטער און אונזער לאַגע ווערט ערנסטער. אויף מאָרגן האָבן מיר נאָר איין פאָרציע פאַשע. מאָרגן מוזן מיר מאַרשירן, אָדער תיכּף אויסשלאַכטן די פערד. און נאָך ערגער: מיר האָבן אויסגערעכנט אונזערע אייגענע שפייזמיטלען, גענוי אָפגעוואויגן—מוז עס קלעקן פונם גלעטשער ביזן פאָל. די ערשטע הילפספאַרטיע קאָן גיין מיט אונז בלויז נאָך פערצן טעג, דאַן מוז זי צוריקגיין. דערדאָזיקער שטורמדיקער דעצעמבער, וועלכער איז דאָ געוויינלאַך דער שענסטער חודש אין יאָר, איז אַן איבערראַשונג, וועלכע ס'האָט נישט געקאָנט פאָרויסזען אַפילו דער פאָרזיכטיקסטער פאָלרייזנדער. מייער האָט באַקומען שנייבלינדקייט אויף איין אויג. פון פריילאַכקייט אין לאַגער קאָן ביי אַזאַ וועטער גאָר קיין רייד נישט זײַן. אָבער ווי נאָר ס'וועט רוהיקער ווערן, וועלן מיר ווידער דערזען אַ פריילאַך פנים. נעכטן האָט זיך אַ רגע געדאַכט, אַז אָט—אָט ווערט עס בעסער, און דער עולם האָט שוין אָנגעהויבן צו שטיפן און צו לאַכן!

האַלבע נאַכט. די לאַגע איז אַן אַן ענדערונג! קיין זאַך פאַרבי-

טערט נישט אַזוי אַ מענטשן, ווי דאָס געצוואונגענע ליידיקגיין, ווען יעדע שעה איז אַזוי טייער! ס׳איז אַ שרעקלאַכע זאַך צו קוקן בלויז אויף די וואַסערפלעקן פון די גרינע ווענט, אויף די נאַסע באַמבוקשטעקנס פון די פּוסשליטעלאַך, אויף די שמוציקע, קוואַטשיק-נאַסע זאָקן, נאַסען מלבושים, וואָס וואַלגערן זיך אין שמוץ און דערצו הערן נאָר איין זאַך—דעם שאָרך פונם פאַלנדיקן שניי אויפן לייוונט פון געצעלט און צו וויסן נאָר איין זאַך— אַז אין דרויסן, רעכטס און לינקס, פון פאָרנט און פון הינטן ציט זיך אַ ווייסער ים שניי. און דאַן דאָס אומבאַשרייבלאַכע פיינלאַכע געפיל, אַז דיין גאַנצע אונטערנעמונג פאַלט אַדורך און אַז זי מוז אַדורכפאַלן!

8 דעצעמבער. אַרום פיר אַ זייגער האָט דער הימל געמאַכט אַ מינע, ווי ער האָט בדעה זיך אויסצולייטערן. מען קאָן זע־קענען מאַנכע פונקטן אויף דער יבשה—אַ פונק האָפנונג האָט ווידער אויפגעלעבט. או-וואַ! בשעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, איז די זון ווידער פאַרשוואונדן און עס שנייט שוין פון דאָסניי. און אונזער לאַגע ווערט ערגער פון מינוט צו מינוט. עוואַנס האָט היינט נאָכמיטאָג געמאַכט אַ פּראָבע צו ציען אַ שליטן מיט משא, גייענדיק אויף זיינע פּוסשליטעלאַך. ער מיט עטלאַכע מענטשן האָבן טאַקי דורכגעפירט אַ שליטן אַ געוויסע שטרעקע, אָבער זיינען אַריינגעפאַלן איבער די קני אין שניי. מיר האָבן געמאַכט אַ פּראָבע מיט אונזער בעסטן פערד,—איז ער אַריינגעפאַלן אין שניי ביזן בויך. ווילסאָן זאָגט, אַז מען מוז די פערד אויסשעכטן, דייטש, אָבער, פאַרזיכערט, אַז נאָך איין מאַרש וועלן זיי אויסהאַלטן, מען זאָל נאָר מאָרגן קאָנען זיך לאָזן אין וועג אַריין. אויב נישט, מוזן מיר מאָרגן אויסשעכטן די פערד און פאַר יעדן פרייז זיך לאָזן אין וועג אַריין ווייטער מיט די פּוסשליטעלאַך און מיט די הינט. וואָס קאָנען אָבער הינט אויפטאָן אין אַזאַ ים שניי?

9 דעצ. ביינאַכט בין איך אַ פּאָר מאָל אַרויס פון געצעלט. אַרום האַלב זעקס זיינען מיר אַלע אויפגעשטאַנען מונטער-פריילאַך און אַכט אַ זייגער זיינען מיר אַרויסגעטראָטן מיט די פערד אין שווערן

וועג אַריין. דער מוראדיקער שניי האָט ווייך געמאַכֿט דעם וועג. מיר האָבן געטריבן די אָרימענקע פערדעלאַך, וועלכֿע מען האָט געגעבן בלויז אַ האַלבע פּאָרציע פּאַשע, אָבער קיין פערד האָט נישט אויסגעהאַלטן לייגגער, ווי אַ פּאָר מינוט. אַרום אַכט אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַדורכגעמאַכֿט סך הכּל צוויי קילאָמעטער צום גראָבן, וועלכן שעקעלטאָן האָט אַ נאָמען געגעבן: „דער אַריינפּאָר־טויער". איך האָב אַליין געהאָפט זיך אַדורכצוקריגן דורכן טויער מיטן רעשט פון די פערד. ווען נישט דער מערדערישער שטורם, וואָלט דאָס אונז געלונגען.

אַכט אַ זייגער אין אָוונט זיינען שוין אַלע פערד געווען טויט. מיר האָבן דערפאַר אַ נאָמען געגעבן אונזער דאָרטיקן לאַגער: „דאָס שלאַכֿטהויז". אַלע אינזערע פערד האָבן מיר דאָרט דערשאָסן. אָרימע חיות! די הינט גייען נאָך יאָ אין וועג, אָבער יענע הילף, אין וועלכער מיר נויטיקן זיך, גיבן זיי אונז נישט, אין אַזאַ שניי קאָן איך זיי נישט אָנלאָדעווען מיט אַ סך משא.

די לאַנדשאַפט איז דאָ אַ גרויסאַרטיקע: דריי ריזיקע גראַניטזיילן שטייען אין דער רעכטער זייט פונם „אַריינפּאָר־טויער", לינקס הויבט זיך שאַרף מיט אַ זייט דער „האָפּ־באַרג". אָבער אומעטום ליגט פיל שניי. שוואַכֿע האָפנונגען! היינט אין אָוונט איז פונדעסטוועגן ביי אונז אין געצעלט פרייליך און ס'פליען וויצן צווישן אייננאַנדער. הלואי וואָלט נאָר דער באַרג האָפּ געוואָרן אונזער רעטונגסבאַרג!

# אויפֿן באַרדמאַרעגלעטשער.

זונטאָג, 10 דעצ. 1911. כ׳בין געווען שטאַרק באַזאָרגט, ווי אַזוי מיר וועלן קאָנען אַריבערשלעפּן אונזערע משאות איבער אַזאַ שלעכטן באָדן. דאָס איז אָבער אונז געלונגען, אַ דאַנק אונזערע פּוסשליטעלאַך. איך האָב אַלעמען אויפֿגעוועקט אַכט אַ זייגער, אָבער עס האָט זיך אָנגערוקט די מיטאָגצייט, איידער מיר האָבן אַלץ פֿאַרפּאַקט און געקאָנט זיך רירן אין וועג אַריין. די הינט האָבן געשלעפּט, אויסער די דעפּאָ-זאַפּאַסן (90 קילאָ), נאָך 270 קילאָ פֿון אונזערע משאות. דעם ערשטן מהלך זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען מיט אַ שנעלקייט פֿון פֿערטאַלבן קילאָמעטער אין אַ שעה, אַ דאַנק אונזערע פּוסשליטעלאַך, וועלכע מיר האָבן גוט אָפּגערייניקט און אויסגעטריקנט. דער טאָג איז געווען זייער אַ שיינער. באַלד האָט דער וועג אָנגעהויבן שטייגן באַרג-אַרויף און לסוף איז ער געוואָרן אַזוי משופּעדיק, אַז מיר האָבן געמוזט אויסטאָן די פּוסשליטעלאַך. דאַדורך איז אָבער זייער שווער געוואָרן פֿאַר אונז צו שלעפּן די שליטנס. אין מאַנכע ערטער זיינען מיר אַריינגעפֿאַלן ביז די קני אין שניי און די שליטנס זיינען געזונקען ביז די קוואָר-שטאַנגען. אַרום פֿינף אַ זייגער זיינען מיר, ענדלאַך, אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן באַרג. באַרג-אַראָפּ איז אויך נישט געווען לייכט צו שלעפּן די שליטנס, דערפֿאַר אָבער האָבן מיר שוין געקאָנט אָנטאָן די פּוסשליטעלאַך.

אַ פֿערטל אויף צען האָבן מיר אויפֿגעשטעלט אונזער לאַגער. פּלוצלונג אָבער האָט פֿון גלעטשער אָנגעהויבן צו יאָגן אַ שטאַר-

קער ווינט. וועגן גיין ווייטער האָט גאָר נישט געקאָנט זיין קיין רייד: עוואַנסעס שליטן האָט נישט געקאָנט גיין גלייך מיט אונז און ווילסאָן האָט מיר געמאַכט אַ באַאומרוהיקלאַכע מעלדונג וועגן זיין אָפּטיילונג. רייט האָט שוין מער קיין כּוח נישט! לעסלי טויג זיך נישט צום שלעפּן אַ שליטן. ווען די חברים הויבן אָן צו פאַלן, וואָס זאָל דאַן ווערן?..

11 דעצ. מיר האָבן געהאַט טיילווייז אַ גוטן, טיילווייז זייער אַ שלעכטן טאָג. איידער מיר זיינען אַרויס אין וועג, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ דעפּאָ ביים גלעטשער אונטן און איבערגעלאָזט דאָרט פיל זאַכן. דאַן האָבן מיר זיך געלאָזט גיין גלייך צום גלעטשער אַרויף. מיר האָבן געצויגן די שליטנס, געטראָגן די פוסשליטעלאַך, און די הינט זיינען אונז נאָכגעגאַנגען. אַרום דריי אַ זייגער איז דאָס ים-אייז שוין געווען הינטער אונז. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און איבערגעפּאַקט אַלץ אויף דריי שליטנס, און מייער מיט דימיטרין האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים צוריק מיט אַ פּאָר הינט. אויפן וועג אין אונזערע סקלאַדעס איז פאַראַן גענוג שפּייז, און זיי וועלן דעריבער נישט ליידן קיין מאַנגל אין וועג.

מיט געשפּאַנטע נערוון און מיט גרויס אַנגסט וואַרט איך איצט אָפּ דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן זיך קאָנען אַרויסלאָזן אין וועג אַריין. וועלן מיר אויך מיטשלעפּן מיט זיך די שווערע משאות? מיין אָפּטיילונג גייט פּאָרויס און איך האָב מיט פרייד זיך איבערצייגט, אַז ס׳גייט גוט. אַ שליטן זינקט אַמאָל איין, מען מוז זיך אָפּשטעלן, אָבער באַלד גייט מען ווייטער. דערעיקרשט, דער שליטן רירט זיך. מיט אַמאָל ווערט די געגנט גלאַטער און ס׳גייט ווי געשמירט. פון זעקס ביז זיבן אַ זייגער האָט מיין שליטן קיין איינציק מאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט. דאָס האַרץ זינגט מיר אין בוזעם. מיט מיינע חברים גייט עס, ליידער, שווערער. בויער שטייט אָפּ פון אונז אויף אַ האַלב שעה, עוואַנס קומט נאָך שפּעטער מיט זיין אָפּטיילונג. איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז געווען אַ טאָג פון ערפאָלג, לאָזט זיך גאָר אויס אַ בוידים פון מיין שמחה.

פינף פון אונזערע חברים ליידן מער אָדער ווייניקער פון שניי־בלינדקייט.

12 דעצ. היינט האָט מיין שפּאַן געהאַט די שווערסטע אַרבעט. יעדן אויגנבליק איז ער געבליבן זיצן אין שניי, און ווען כ׳האָב אים געפּרובט אַרויסשלעפּן, איז ער שווער געווען, ווי בליי. ווען איך האָב נאָכן צווייטן פרישטיק זיך דערמאָנט, אַז מען מוז ווייטער שלעפּן די שליטנס, איז מיך באַפאַלן אַן אימה. אָבער ווען די שליטנס זיינען שוין געווען אין גאַנג, איז עס שוין ווי־דער געווען נישקשה. אַרום זעקס זיינען טייל חברים אָפּגעשוואַכט געוואָרן און מיר האָבן געמוזט אויפשטעלן דעם לאַגער. מיר זיי־נען, וואַרשיינלאַך, אַדורכגעגאַנגען ביי אַ פופצען קילאָמעטער. אויף די ווייטקייט־ווייזערס פון די שליטנס קאָן מען זיך שוין דאָ נישט פאַרלאָזן.

13 דעצ. אַ פאַרשאָלטענער גרויזאַמער טאָג! מיר זיינען אַרויס אין וועג אַכט אינדערפרי. ס׳איז שרעקלאַך שווער געווען צו שלעפּן. ווייל־עווייז האָבן מיר אָנגעטראָפן געפראָרענעם שניי, וואָס האָט אונז געקאָנט פאַרהאַלטן אויף זיך, אָבער ס׳איז געווען צו־גלאַט. יעדע מינוט האָבן מיר זיך אויסגעגליטשט און די שליטנס זיינען דערביי אַריינגעפאָרן טיף אין שניי.

נאָכן צווייטן פרישטיק איז עוואַנס געגאַנגען מיט זיין שליטן. דער ערשטער באַרג־אַרויף, בויער נאָך אים. אָבער באַלד האָבן זיך ביידע אָפּטיילונגען געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. דער שטח איז דאָ אַ שרעקלאַכער: דער שניי איז נאַס און קלע־בעדיק. מיר גייען אַפילו יאָ פאָרויס, אָבער מיר באָדן זיך אין שוויס און שלעפּן אַזוי, אַז עס פאַרכאַפּט אונז דעם אָטעם. אַ שליטן שניידט זיך איין אין האַרטן שניי און ס׳איז אים פון אָרט נישט צו רירן. ווען איך בין אַרויף אויפן באַרג, האָב איך דערזען, אַז עוואַנס שלעפּט נישט זיין שליטן, נאָר ער שטופּט אים אונטער פון הינטן. בויער האָט באַלד אויך אַזוי געטאָן און באַרג־אַרויף איז טאַקי אַזוי לייכטער. אַזוי האָבן מיר געשלעפּט די שליטנס ביז זיבן אַ זייגער אין אָוונט

כ׳האָב מורא, אַז היינט זיינען מיר נאָר זיבן קילאָמעטער אָפּגע־

גאַנגען. נעכטן האָב איך אויפן באַרג, אויף אַ הויך פון 450 מעטער איבערן ים, געהאַפּט, אַז אונזער לאַגע וועט זיך דאָך פאַרבעסערן. אַנשטאָט דעם איז זי ערגער געוואָרן. וואָס-זשע בלייבט אונז איבער? מיר מוזן גיין ווייטער, זאָל זיך זיין, וואָס עס וויל! — ביים צווייטן פרישטיק זיינען איבער אונזערע קעפּ געפלויגן צוויי סקואַמעוועס. משמעות, זיי האָבן דערשמעקט דעם ריח פון פערדנפלייש.

14 דעצ. ווען מיר האָבן נאָך אַ מאַרש פון אַכצען — צוואַנציק קילאָמעטער זיך אָפּגעשטעלט אויף לאַגער, האָט אונזער וועג זיך אומגעריכט פאַרענדערט. ביים צווייטן פרישטיק האָבן מיר אונטער זיך געהאַט בלא אייז, זעכציק סאַנטימעטער די טיף. איצט איז עס טיף בלויז דרייסיק סאַנטימעטער און איך האָף, אַז באַלד וועט דאָס אויך פאַרשווינדן. צולעצט האָבן מיר לייכטער געצויגן די שליטנס — כאָטש איינמאָל האָבן מיר ווי מענטשן געאַרבעט! אין אָוונט איז היינט דער הימל ווידער פאַרוואָלקנט און דער ווינט בלאָזט פון גלעטשער, — אויף דער אייזגרענעץ איז איצט בלי שום ספק אַ שלעכט וועטער. אַרום אונז זיינען פאַראַן שפּאַלטן אין אייז לערך פינפאונפערציק סאַנטימעטער די ברייט.

50 דעצ. מיר געפינען זיך אויף אַ הויך פון 750 מעטער איבערן ים, אונטער 84 גראַד מיט 8 מינוט דרומברייט. היינט זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען אַכצען קילאָמעטער. דער שניי אויפן בלאען אייז איז געוואָרן דינער, אָבער דער הימל ווערט פינסטערער, די וואָלקנס לאָזן זיך אַרונטער אַלץ טיפער און פון פינף אַ זייגער באַשיטן זיי שוין אונז מיט שניי. מיר זעען שוין אַרום זיך גאָרנישט און מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט, ווי אויפצעשלאָגן דעם לאַגער, — ווידער אַ טאָג-מאַרש פאַרלאָרן! ניין, קיין הצלחה האָבן מיר בשום אופן נישט! עוואַנסעס אָפּטיילונג איז איצט די לאַנגזאַמסטע און בווער גייט אויך נישט שנעלער.

דער שניי איז שוין דרייאונצוואַנציק סאַנטימעטער דיק. דאָס וועטער ווייזט אַרויס אַלע סימנים פון אַ גאַנצן שטורם, דער ווינט בלאָזט ווידער פון דרום-מזרח. וועלן מיר ווידער האָבן אַ

פֿירכטערלאַכן שנייסטורם דאָ אויפֿן געפֿערלאַכסטן טייל פֿון גלע-
טשער ?!

16 דעצ. אַ פֿינסטערער פֿרימאָרגן! אַרום מיטאָגצייט איז געוואָרן
אַ ביסל ליכטיקער, און דער טאָג האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּרעכ-
טיקן אָוונט. פֿאַר צען שעה צייט האָבן מיר געמאַכט אַכצען קי-
לאָמעטער. די געשטאַלט פֿון גלעטשער ווערט דערווייל פֿאַרענ-
דערט. מיר זיינען אין וועג אַרויס, ווי געוויינלאַך, מיט פּוסשלי-
טעלאַך. נאָכמיטאָגצייט זיינען מיר געקומען אויף אַ משופּעדיקן
באָדן: אַלטע, האַרט-פֿאַרשטיינערטע שנייכוואַליעס פֿון אונטן און
אויבן ווייכע שנייכוואַליעס מיט גריבער צווישן זיי. די שליטנס
זיינען יעדן אויגנבליק געבליבן שטעקן אין שניי. מיר האָבן דע-
ריבער געמוזט אויסטאָן די פּוסשליטעלאַך און אַרבעטן איבער
די כּוחות. אין ווייכן שניי זיינען מיר אַריינגעפֿאַלן, אָן דעם האַרטן
האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן, און טיילמאָל זיינען מיר אויך דאָרט
אַריינגעפֿאַלן אין אַ שפּאַלט. מיר האָבן דעריבער זיך גענומען אין
אַן אַנדער ריכטונג און דאָרט זיינען מיר אַרויפֿגעקומען אויף אַ
האַרטן אייז, וואָס זיינע טיפֿע שפּאַלטן זיינען געווען פֿאַרשאָטן
מיט שניי.

זונטאָג, 17 דעצ. שוין אין אָנהויב פֿון אונזער היינטיקן מאַרש
האָבן מיר זיך געפֿונען אין אַ שווערער לאַגע. פֿאַר אונז ציען
זיך לאַנגע אייזכוואַליעס און צווישן זיי ווייכער שניי. די כוואַ-
ליעס האַלטן דריי מעטער הויך, און מיר האָבן זיך אַרויסגע-
האָלפֿן אויף אַזאַ מין שטייגער: מיר האָבן די שליטנס אַרויפֿגע-
שלעפּט אויפֿן רוקן פֿון די כוואַליעס, נאָכדעם זיך אַריינגעזעצט
אין זיי און זיך געלאָזט פֿאָרן באַרג-אַראָפּ. די שליטנס האָבן זיך
אַזוי שנעל געטראָגן, אַז זיי זיינען אויף אַ העלפֿט אַרויפֿגעפֿלויגן
אויף דעם קעגנאיבערדיקן באַרג. דאַן האָבן מיר זיי צוגעשלעפּט
צום שפּיץ און ווידער זיך אַריינגעזעצט און ווידער זיך געטראָגן
ווי די שדים באַרג-אַראָפּ. מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל
זיין גאָר שלעכט, אָבער אָן כּוחות זיינען מיר יעדעס מאָל גע-
בליבן ביים שלעפּן די שליטנס באַרג-אַרויף. ענדלאַך, זיינען מיר
געקומען אויף אַ גלאַטן שטח, וואו מיר האָבן מאַרשירט דריי און

אַ האַלבן קילאָמעטער זייער גוט. דאַן אָבער האָט דער גלעטשער זיך פלוצלונג אַראָפּגעלאָזט משופּעדיק, און מיר האָבן ווידער געהאַט פּאַר זיך ווייכע און האַרטע שנייפעלדער מיט אייז און מיט שפּאַלטן. נאָכן צווייטן פרישטיק האָבן מיר דעריבער געפּרובט גיין מיטן מיטלסטן רוקן פון גלעטשער און דאָס איז אונז אויסגעצייכנט געלונגען. האַלב זיבן אַ זייגער האָבן מיר שוין געהאַט צוואַנציק מעטער הינטער זיך.

דער אָרימער ווילסאָן ליידט, נעביך, זייער פון די אויגן. היינט פּאַרמיטאָגצייט זיינען מיר געגאַנגען אין נאַסע אונטעריאַקן, כדי זיי זאָלן זיך אַדורכטריקענען אויפן לייב. די זון וואַרימט זייער גוט, נאָכדעם קומט אַן אייזקאַלטער ווינט, וועלכער נעמט אונז אַדורך ביז די ביינער. אונזערע ליפּן זיינען אונז צעפּלאַצט און מיר באַקלעבן זיי מיט אַ ווייסן זיידן-פּלאַסטער. דער דורשט פּייניקט אונז. מיר האָבן אין וועג שטענדיק אייז אין מויל, און ווען מיר שטעלן זיך אָפּ, טרינקען מיר פיל וואַסער. באַהייצונג האָבן מיר גענוג און אָט צעשמעלצן מיר שניי אויפן פייער און מיר האָבן וואַסער צום טרינקען.

דאָס וועטער ווערט שוין ווידער שלעכט. עס זאַמלען זיך אָן שניי-וואָלקנס,—כ'האָב מורא, מאָרגן וועלן זיין כמאַרעס מיט שניי.

18 דעצ. פאַרוואָס איך האָב מיך געשראָקן, דאָס איז געשען: היינט אינדערפרי האָט דער הימל זיך באַדעקט מיט אַ ים שניי. אונזערע מלבושים און אַלץ, וואָס מיר פאַרמעגן, איז באַשאָטן געוואָרן מיט אייז-קריסטאָלן. ס'האָט אויסגעזען וואונדערלאַך שיין. צוליב דעם, וואָס אין דער רעכטער זייט האָבן מיר געזען יבשה, האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דרייצן קילאָמעטער און האָבן דעם צווייטן פרישטיק געגעסן אויף אַ הויך פון 1220 מעטער. תּחילת איז דער באָדן געווען זייער גוט. דאַן אָבער האָבן מיר געהאַט אַ געכוואַליעטן שניי-באָדן מיט שאַרפע שפּאַלטן דעריין.

נאָכן צווייטן פרישטיק האָבן מיר געמוזט אַריבערגיין אַ הונדערט-מעטער ברייטן אייזפּאַס. דאַן האָט דער גלעטשער באַקומען די

געשטאַלט פון אַ טאָל מיט צעוואָרפענע אייזבּוואַליעס. דאָ איז נישט שלעכט צו גיין, דאָס האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג, און מיר האָבן ווידער געמוזט שלעפּן די שליטנס מיט גרויס מיה און אָנשטרענגונג.

19 דעצ. די הויכקייט—לערך 1770 מעטער. עס גייט נישקשהדיק. היינט פרי זיינען מיר אַרויסגעקומען אויף אַ גוטן פּלאַץ. באַלד אָבער האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט שפּאַלטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אין אַלערליי ריכטונגען. אין צוויי פון זיי בין איך אַריינגעפאַלן און האָב זיך אָראָפּגעריסן די הויט פון די קני, אָבער מיר גייען דאָך פאָרויס! איינמאָל זיינען מיר אַרויסגעקומען אויף אַ גלאַטן שטח, וואו מיר האָבן מאַרשירט גאָר אויסגעצייכנט. אַרום מיטאָגצייט זיינען מיר געקומען אינם אויבערשטן בעקן פון גלעטשער. דורכגעגאַנגען זיינען מיר היינט זיבנאונצוואַנציק קילאָמעטער! וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס מיר האָבן דערביי זיך גאָרנישט אָנגעשטרענגט. מיר איז נאָר פאַרנאַכט עטוואָס שווער געווען, צוליב מיין פאַל אינדערפרי.

20 דעצ. דאָס גליק האָט, ווי עס שיינט, זיך אַ קער געטאָן צו אונז. מיר זיינען היינט אַדורכגעגאַנגען אַכטאונדרייסיק קילאָמעטער און די געגנט איז נידריקער געוואָרן מיט 240 מעטער. מיטן קלעטעראייזן איז גאַנץ לייכט צו גיין, ציענדיק דעם שליטן. בשעתן פרישטיק האָט ווילסאָן און בויער געמוזט גיין צוריק פערטאַלבן קילאָמעטער אויפצוזוכן בויערס שנעלקייטמעסטער, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן פון זיין שליטן, אָבער זיי האָבן אים נישט געפונען. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ נעבל, וועלכן דער מזרח-ווינט האָט געטריבן אין טאָל. ווען דער נעבל איז פאַרשוואונדן, האָבן מיר דערזען אַ ריזיקן אייזרוקן. מיר האָבן זיך צוגעקריגן צו אים, און היינט אין אָוונט שטייט אונזער לאַגער אונטער אים. משמעות, מיר געפינען זיך דאָרט, וואו שעקלטאָן האָט זיך אויפגעהאַלטן דעם 17-טן דעצ. 1908.

איך האָב נאָר-וואָס באַשטימט, ווער עס זאָל אונז פאַרלאָזן און זיך אומקערן צוריק אין דער ווינטערקוואַטיר: עטקינזאָן, רייט, גאַראַר און קיהן. זיי זיינען אַלע ביטער אַנטוישט, באַזונדערס

רייט. אויך פֿאַר מיר איז די זאַך זייער אַ שווערע, אָבער אַזוי מוז עס זיין.

21 דעצ. דאָס דעפּאָ אויבן, אויפֿן גלעטשער, אויף אַ הויך פֿון 2440 מעטער. היינט אינדערפֿרי האָבן מיר אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן אויפֿן אייזיקן באַרג-רוקן. דער באָדן איז דאָרט פֿון אייז און פֿול שפּאַלטן. איינער נאָכן אַנדערן זיינען מיר אַריינגעפֿאַלן אין די שפּאַלן—עטקינזאָן און עוואַנס אַזוי טיף, וויפֿיל ס׳האָבן געהאַלטן די לייצעס פֿון די שליטנס. עוואַנס האָט באַקומען אַ נערוון-אַטאַק. אַרום צוועלף אַ זייגער האָט אונז איינגעהילט אַ נעבל דווקא אין דעם געפֿערלאַכסטן אָרט און מיר האָבן דעריבער געמוזט וואַרטן דריטהאַלבן שעה. דאַן האָט די זון אָנגעהויבן זיך אַדורכצערייסן דורכן נעבל, און מיר זיינען, ענדלאַך, אַרויס אויף אַ לאַנגן שמאָלן טאָל, וואָס האָט געפֿירט צום דאַרווין-באַרג. ביז האַלב אַכט זיינען מיר מיט גרויס אָנשטריינגונג געגאַנגען באַרג-אַרויף. דאַן האָב איך געלאָזן אויסשטעלן דעם לאַגער, ווייל אונזערע חברים זיינען נאָך געווען ווייט הינטער אונז. דער היינטיקער מאַרש איז געווען אַ באַפֿרידיקלאַכער און מיר האָבן געפֿונען אַ גוטן אָרט איינצואָרדנען אַ ניי דעפּאָ. מאָרגן שטייגן מיר ווייטער העכער. שוין אָט דער מאַרש וועט אונז דאַרפֿן דערווייזן, אויב מיר קאָנען דערגרייכן אונזער ציל.

# דער מאַרש איבער דער הויכקייט.

פרייטאָג 22 דעצ. 1911. דער דריטער טייל פון אונזער רייזע הויבט זיך אָן מיט גוטע האָפנונגען. קודם כל האָבן מיר היינט אינדערפרי איינגעאָרדנט דעם אויבערשטן גלעטשער-דעפּאָ, דאַן האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונזערע חברים, וועלכע מוזן זיך אומקערן. דאָס איז געווען אַ שווערע שיידונג, ווייל נישט מיר האָבן געוואָלט פאַרלירן אונזערע חברים, נישט זיי האָבן געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון דער ווייטערדיקער נסיעה צום פּאָל. מיט זייער צוריקקער זיינען מיר געבליבן ביי צוויי שליטנס. דער ערשטער שליטן האָט געהערט צו מיין אָפּטיילונג, צו ווילסאָנען און דייטשן. דער צווייטער שליטן האָט געהערט צו דער צווייטער אָפּטיילונג פון לייטענאַנט עוואַנס, בויער, קרין און לעסליי.

צוואַנציק מינוט אויף צען האָבן מיר זיך געלאָזט מיט אונזער שווערער משא אין ווייטן וועג אַריין. איך האָב געהאַט אַ פּאַרציטערט האַרץ און אַ דערשראָקן געמיט. איך האָב זיך אָבער באַרוהיקט, ווען איך האָב דערזען, אַז מיר גייען אָן גרויס אָנשטריינגונג. דער צווייטער שליטן האָט זיך געהאַלטן פעסט הינטער אונז. דער אויסוואַל פון מיינע לייט איז געווען אַ געלונגענער. ביי אַ מאַרש פון זיבן שעה האָבן מיר אַדורכגעמאַכט ניינצען קילאָמעטער. מאָרגן הויבן מיר אָן מיט ניין-שעהדיקע מאַרשן. די משאות ווערן איצט קלענער מיט יעדן טאָג.

23 דעצ. נאָכמיטאָגצייט זיינען מיר געגאַנגען באַרג-אַרויף אין אַ

געגנט, וואָס האָט אונז שטאַרק באַאומרוהיקט: דאָרט האָבן זיך געצויגן שפּאַלטן אין אַלע ריכטונגען, באַצויגן מיט אַ דינעם שאָ-לעכל פון האַרטן שניי. מיר זיינען אַלע אַריינגעפאַלן אין די שפּאַלטן, צייטנווייז צו צוויי פּאָר אַמאָל. פּאַר מיר איז עס פּשוט אַ רעטעניש, ווי אַזוי קאָן זיך אויסבילדן אַ שניי-צודעק איבער אַ ברייטן אָפענעם שפּאַלט! לסוף זיינען מיר צוגעקומען צו אַ שניי-פעלד מיט אַ האַרטן שטח אויבן און מיט אייז־קריסטאָלן אונטן. יעדן האָט זיך געדאַכט, אַז מען פּאַלט אַריין אין אַ גלעזערנעם דאַך.

אַרום פינף נאָכמיטאָגצייט האָט זיך אַלץ פּלוצלונג געענדערט: אָנשטאָט דעם האַרטן, גלאַטן שטח, האָבן מיר געהאַט פּאַר זיך רעגלמעסיקע שנייכוואַליעס און ווייטער-צו האָט זיך די געגנט אויסגעגלייכט. אַרום זעקס אַ זייגער האָב איך מיט עפּיס אַ זיכערן געפיל באַפוילן אויסצושטעלן דעם לאַגער, נאָכדעם ווי מיר האָבן דערגרייכט אַ הויכקייט פון 2360 מעטער. צום ערשטן מאָל גלויב איך, ענדלאַך, אַז איך בין שוין נאָנט צום ציל. אַכטאונצוואַנציק קילאָמעטער ווייטער און כמעט 240 מעטער העכער אין ניין מיט אַ האַלבער שעה,—דאָס הייסט אַ רעכטער מאַרש! מיין באַשלוס צו גיין באַרג-אַרויף איז, אַלזאָ, געווען אַ ריכטיקער.

זונטאָג, 24 דעצ. ערב חגאות. דער הייגטיקער וועג האָט געמוזט אייגנטלאַך דינען אַלס אַ פּראָבע צו דערוויזן, אויף וואָס מיר קאָנען זיך ריכטן. מיר זיינען דורכגעגאַנגען העכער זעקסאונ-צוואַנציק קילאָמעטער און נאָר פּאַרנאַכט האָבן זיך די שליטנס אָפּגעשטעלט. דער שאַרפער ווינט האָט אונז געקילט אין גאַנג, אָבער אין לאַגער איז ער נישט זייער אַנגענעם. אונזערע פּנימער באַציען זיך ביסלאַכווייז מיט אַן אייז-הויט. מיר גייען אין ווינטערלייבלאַך און דער קאָפּ איז בעסער באַשיצט, ווי שטענדיק, אָבער דידאָזיקע הלבשה מאַכט דעם גאַנג נישט לייכ-טער.

אינדערפרי האָט לינקס זיך באַוויזן אַן אייז-רוקן. אויף אונזער מאַרש האָבן מיר אים פּאַרלאָרן פון די אויגן. אָבער היינט אין אָוונט הויבט זיך אויף אַ צווייטער אויף דעם אייגענעם אָרט,

און דער שניי-שטח איז ווייַלעווייז ווייך, ווייַלעווייז האַרט, פול גריבער און בערגלאַך! מיר האָבן, אַלזאָ, ווידער צרות מיטן באָדן. מיר זאָלן נאָר ווידעראַמאָל בישט זיין געצוואונגען צו ענדערן די ריכטונג קיין מערב! הייַנט, על-כל-פנים, האָבן מיר נאָר אויף איין שפּאַלט זיך אָנגעשטויסן — אַ גוטער סימן!

25 דעצ. דער ערשטער טאָג פון חגאות. אין דער נאַכט איז ביי אַ שטאַרקן ווינט אַרויסגעפאַלן אַ שניי, וועלכער האָט געהאַלטן דרייסיק סאַנטימעטער די הויך. פונדעסטוועגן זייַנען מיר אין די ערשטע אָנדערטאַלבן שעה דורכגעגאַנגען אַ היבשן מהלך. דאַן זייַנען מיר ווידער געגאַנגען באַרג-אַרויף און, צו מיין פאַרדרוס, האָבן מיר ווידער דערזען פאַר זיך שפּאַלטן, פאַרדעקט מיט גלאַנציקן שניי. די פּוסשליטעלאַך האָבן אונז פיל ווייניק געהאָלפן, אָבער גאָר אָן מניעות איז עס דאָך נישט אָפּגעגאַנגען. איינמאָל האָב איך דערזען, אַז דער הינטערשטער שליטן שטייט עפּיס צולאַנג. מסתם איז דאָרט עמיצער אַרייַנגעפאַלן אין שפּאַלט. דורכגענומען מוראדיק פון פראָסט, האָבן מיר אַ האַלבע שעה לאַנג געוואַרט, לסוף זייַנען די לייט אונטערגעקומען. אין שפּאַלט איז אַרייַנגעפאַלן לעסליי און ער האָט שיער נישט מיטגעשלעפּט מיט זיך די חברים. דער שליטן איז אָבער, צום גליק, געפאַלן וויַיטער און האָט אַזוי שטאַרק אָנגעצויגן די לייצעס, אַז מען האָט מיט זייער הילף געקאָנט אַרויסציִען דעם חבר צוריק פון שפּאַלט.

וואָס העכער, איז דער וועג בעסער געוואָרן. באָכמיטאָגצייט זייַנען מיר ווידער אַרייַן אין אַ געגנט פון אייזשפּאַלטן מיט אַ פּאָרצויגענער שניי-שאָלעכץ און, אויסערדעם, האָבן זיך פאַר אונז געצויגן שניי-וועגן. פערטאַלבן קילאָמעטער זייַנען מיר אַזוי געגאַנגען צווישן די שניי-וועגן און זייַנען אָפּט טיף אַרייַנגעזונקען איינס קאַלטן מעל. לסוף זייַנען מיר געקומען צו אַ גרויסן טאָל, אַרומגערינגלט מיט משופּעדיקע, כמעט גלייכשטייענדיקע בערג. צי איז דאָס טאַקי באמת אַ באַרג, אָדער בלויז גרויסע אייז-מאַסן דערהויבן זיך דאָ? אָבער מיר האָבן זיך דאָך אַרויסגעראַטעוועט פון דער שפּאַלטן-געגנט און ביז האַלב אַכט זייַנען מיר אויסגע-

צייכנט געגאַנגען פּאַרויס.

26 דעצ. היינט זיינען מיר אויפגעשטאַנען מיט אַ שעה שפּעטער, מעגלאַך דערפאַר, וואָס מיר האָבן נעכטן, לכּבוד יום-טוב, זיך מכבד געווען מיט אַ פלוימען-קוכן. איך בין דעריבער מיט אונזער היינטיקן מאַרש נישט גאָר צופרידן, כאָטש מיר האָבן אַדורכגע-מאַכט פיראונצוואַנציק קילאָמעטער. מיר האַלטן איצט ביי 86 גראַד דרום-ברייט. ביינאַכט האַלט שטענדיק 23—24 גראַד פראָסט, בייטאָג—ניינצען גראַד. כ'האָב געהאָפט, אַז ס'וועט אַמאָל נעמען אַ סוף צו די אייזפעלדער, אָבער היינט אין אָוונט האָבן מיר דער-זען אַ געגנט פול מיט שפּאַלטן. צי וועלן מיר דידאָזיקע געגנט קאָנען אויסמיידן? צי וועלן מיר נאָך האָבן אַנדערע אַזעלכע פאַר זיך?

27 דעצ. אַלץ באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ! די צווייטע העלפט פון היינטיקן וועג האָט אונז פאַרשאַפט גרויסע יסורים. ווען מיר זיינען אַרויף אויפן באַרג, האָבן מיר דערזען אַ געגנט מיט אייז-שפּאַלטן און מיר האָבן אויף אַ שרעקלאַכן אופן זיך געפּייניקט אַ שעה צייט. די לעצטע שעה פון אונזער מאַרש איז אָבער גע-ווען פיל בעסער און מיר האָבן אַדורכגעמאַכט פינפאונצוואַנציק קילאָמעטער. זיין אַן אָנפירער אויף אַזעלכע וועגן איז נישט קיין קליייניקייט. קיין איינציקע מינוט טאָר מען זיך נישט פאַרטראַכטן און ווען מען האָט נאָך פאַר זיך שפּאַלטן, מוז מען שטענדיק זיין אויפן העכסטן אופן געשפּאַנט.

28 דעצ. אַן אָנגעשטריינגטער טאָג! פיראונצוואַנציק קילאָמעטער האָבן מיר דאָך אָבער אַדורכגעמאַכט. מיין אָפּטיילונג איז היינט לייכט און שנעל געגאַנגען במשך פון צוויי שעה. די אַנדערע אָפּטיילונג האָט אָבער געהאַט צרות. איך האָב דעריבער זיך גע-ביטן היינט מיטן לייטענאַנט עוואַנס און זיך איבערצייגט, אַז זיין שליטן איז שווערער פאַר מיינעם.

29 דעצ. אַזאַ שלעכטן וועג, ווי היינט, האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געהאַט! ווען עס זאָל אַזוי ווייטער גיין, וועלן מיר נישט האָבן די מעגלאַכקייט אָפּצוהיטן אונזערע טעגלאַכע מאַרשן. מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען סך הכל 22 קילאָמעטער. דאָרט, וואו ס'איז

אונז אויסגעקומען צו קלעטערן אין צפון-זייט, איז געלעגן מאַסן שניי איבער בערג אייז. אַדורכצוקומען אַזאַ אָרט קאָסט פיל אַרבעט און מי. דער ווינט רייסט זיך דאָ פון דרום-מזרח און פון דרום-מערב. ווען ער וואָלט, לפחות, אַראָפּגעטראָגן דעם שניי!

30 דעצ. היינט איז געפּרובט געוואָרן מיין געדולט. מיר האָבן אַדורכגעמאַכט נאָר 20 קילאָמעטער. דער צווייטער שליטן איז שטענדיק אָפּגעשטאַנען און אין לאַגער איז ער געקומען מיט דריי פערטל שעה שפּעטער. מאָרגן וועלן מיר מאַכן אַ האַלבן מאַרש, איינאָרדנען אַ דעפּאָ און אויסבעסערן דעם צווייטן שליטן. אַנדערש וועט די צווייטע אָפּטיילונג בלייבן אָן כוחות
דער באָדן איז היינט פיל ערגער. עס שאַדט נישט, זאָל נאָר די צווייטע אָפּטיילונג נישט אָפּשטיין! ליידער אָבער מוז זי כסדר אָפּשטיין.

# די צווייטע אָפּטיילונג צוריק.

זונטאָג, 31 דעצ. 1911. סילוועסטער-אָוונט. אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר געגאַנגען באַרג-אַרויף און איצט געפינען מיר זיך אויף אַ הויך פון 2780 מעטער ביי אַ פּראָסט פון דרייאונצוואַנציק גראַד. דורכגעגאַנגען זיינען מיר היינט דרייצן קילאָמעטער. די צווייטע אָפּטיילונג האָט דאָ אָפּגעלייגט אירע פּוסשליטעלאַך און אַ טייל משא. דאָס זאָל הייסן: „דער דריי-גראַד-דעפּאָ”. אין אים געפינט זיך פּראָוויאַנט אויף אַכט טאָג פאַר ביידע אָפּטיילונגען, לערך פינצאונפערציק קילאָ. דאַן האָבן מיר זיך גוט אָנגעטרונקען מיט טיי און זיך גענומען פאַר די שליטנס. פאַנאַנדערנעמען די שליטנס איז געווען לייכט, אָבער דאָס צוזאַמענשטעלן האָט געדויערט ביז נאָך צען אַ זייגער. דידאָזיקע אַרבעט האָבן געטאָן דער אָפיציר עוואַנס און קרין. לייטענאַנט עוואַנס האָט דערווייל פעסטגעשטעלט, אַז מיר געפינען זיך נאָענט צום 87 גראַד דרום-ברייט. מיר האָבן היינט אַ האַלבן טאָג פאַרלאָרן, אָבער איך האָף אים אָנצעיאָגן דורך אַ געשווינטן מאַרש פאָרויס. ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט די שליטנס, האָבן מיר זיך ווידער אָנגעטרונקען מיט טיי. און איצט ליגן מיר אין אונזערע וואַרימע שלאָף-זעק.

1 יאַנואַר 1912. היינט, צו ניי-יאָר, האָב איך אויפגעוועקט די חברים האַלב אַכט און האַלב צען זיינען מיר אַרויס אין וועג. לייטענאַנט עוואַנס איז מיט זיינע חברים נעגאַנגען צופוס. מיר זיינען נאָכגעגאַנגען אויף פּוסשליטעלאַך. דער שליטן איז געגאַנ-

גען אומדערוואַרטעט לייכט. ביז האַלב אַכט זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען צוואַנציק קילאָמעטער. מיר געפינען זיך איצט אויף אַ הויך פון 2325 מעטער איבער דער אייז-גרענעץ ביים ים. דער פראָסט פאַרשטאַרקט זיך גלייכמעסיק, אָבער ווען דער ווינט לאָזט נאָך, ווערט אויך דער פראָסט שוואַכער.

לכבוד ניי-יאָר האָבן מיר זיך מכבד געווען מיט שאָקאָלאַד. די צווייטע אָפּטיילונג האָט זיך געפונען אין אַ געדריקטער שטימונג. פאַר מיר אָבער שיינט היינט די צוקונפט קלאָר: מיר האָבן לעבנסמיטלען גענוג און צום פּאָל זיינען מיר ווייט סך הכל נאָך 316 קילאָמעטער. מיר וועלן באַלד זיין ביים ציל!

3 יאַנואַר. מיר געפינען זיך אויף אַ הויך פון 3100 מעטער. מיין אָפּטיילונג איז היינט גוט געגאַנגען אויף די פּוסשליטעלאַך, הגם דער וועג איז שלעכט און דער ווינט איז אַ שטאַרקער. אַדורכגעגאַנגען זיינען מיר צוויי־און־צוואַנציק קילאָמעטער. בלויז נאָך 280 קילאָמעטער—און מיר זיינען ביים ציל! און דאָך וועלן מיר נישט אַלע קומען אַהין! לייטענאַנט עוואַנס, לעסליי און קרין מוזן גיין צוריק. זיי ווייסן דאָס שוין און דאָס פאַרשאַפט זיי גרויס עגמת נפש. בויער האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אונזער געצעלט און פון מאָרגן אָן וועט אונזער עקספּעדיציע צום פּאָל באַשטיין בלויז פון פינף מאַן. לעבנסמיטלען האָבן מיר פאַר יעדערן אויף אַ חודש צייט. דערמיט מוזן מיר אויסקומען. ווען מיר זאָלן נאָר מאָרגן קאָנען לייכט גיין מיט אונזער משא!? אויב דאָס וועט אונז געלינגען, דאַן האָבן מיר געזיגט!

4 יאַנואַר. היינט אינדערפרי זיינען מיר, נאַטירלאַך, שפּעט אַרויס אין וועג. מען האָט געמוזט איינטיילן די פּעק צווישןביידע אָפּטיילונגען און אונזער קליינער שליטן האָט געמוזט אויפסניי באַלאָדן ווערן. איך בין געווען געוואַלטיק געשפּאַנט צו זען, צי מיר וועלן אים קאָנען שלעפּן און כ'בין געווען העכסט גליקלאַך, ווען דער שליטן איז לייכט געגאַנגען.

די צווייטע אָפּטיילונג איז נאָך אַ שטיק וועג מיטגעגאַנגען מיט אונז פאַרן פּאָל, טאָמער וועלן מיר פאָרט נישט קאָנען גיין אַליין. קוים האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מיר גייען נישט

שלעכט, האָבן מיר זיך געזעגנט. לייטענאַנט עוואַנס האָט נישט געקאָנט פאַרשטיקן זיין אַנטטוישונג, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן מוטיק. קרין האָט זיך צעוויינט און אויך לעסליי איז גערירט געווען. איך בין העכסט צעפרידן געווען, וואָס זיי האָבן איצט געהאַט אַ לייכטן שליטן און איך האָב דעריבער נישט געצווייפלט, אַז זיי וועלן זייער וועג צוריק לייכט און גליקלאַך אַדורכמאַכן.

# מיטן גלייכן וועג צום פּאָל.

דאָנערשטאָג, 4 יאַנואַר 1912. נאָכן געזעגענען זיך מיט אונ־זערע חברים זיינען מיר, פינף פּערזאָן פון דער גאַנצער עקספּעדיציע, אַדורכגעגאַנגען ביזן אָוונט דרייאונצוואַנציק קילאָ־מעטער, און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז עס איז פאַר אונז גישט צו שווער אָפּצוהיטן די נויטיקע שנעלקייט אין וועג. נאָכ־מיטאָגצייט אָבער האָבן מיר געהאַט זייער אַ שווערע אַרבעט, ווען ס׳איז אונז אויסגעקומען צו גיין איבער אַ זאַמדיקן שניי.

5 יאַנ. אַ געוואַלדיק אָנגעשטריינגטער טאָג! אַ לייכטער ווינט האָט צוזאַמענגעצויגן די וואָלקנס און ס׳האָט אָן אויפהער געשנייט. דער וועג איז דאַדורך געוואָרן אַזוי שלעכט, ווי מען קאָן זיך באָר פאָרשטעלן. מיר געפינען זיך איצט פאַרן 88־טן גראַד דרום־ברייט.

געגאַנגען זיינען מיר היינט דורכשניטלאַך צוויי קילאָמעטער אין אַ שעה. ווי לאַנגזאַם ס׳ציט זיך די צייט אין אַזאַ וועג. די שאָטנס פון די פאָרויסגייענדיקע רירן זיך קוים און וואַקלען זיך פון רעכטס אויף לינקס! מען טראַכט איבער וועגן טויזנטער זאַכן, מען פאַנטאַזירט, מען בויט לופטשלעסער וועגן די גרויסע גליקן, וואָס מען וועט האָבן, ווען דער פּאָל וועט געהערן צו אונז...

6 יאַנ. נעכטן אין אָוונט זיינען מיר אַריינגעפאַלן צווישן שניי־בערגלאַך. היינט אינדערפרי זיינען די בערגלאַך שוין געווען

העכער און באַלד האָבן מיר זיך דערזען אין אַ ים פון אייז־בלאָקן, וואַליעס, וועלכע לייגן זיך, ווי שאַרפע העק אונטער אונזערע פיס. מיר זיינען שוין מיט זיי צו־גוט באַקאַנט! געגאַנגען זיינען מיר אָנ־דערטאַלבן שעה, האָבן מיר אַראָפּגענומען די פוסשליטעלאַך און געגאַנגען פשוט און געוויינלאַך. ערטערווייז האָט עס אונז גע־קאָסט פיל מי. נאָכמיטאָגצייט האָט זיך די לאַגע נישט פאַרבע־סערט, פאַרקערט! ווען מיר האָבן לערך איין שעה מאַרשירט, האָבן מיר אַנטדעקט, אַז איין שלאָפזאַק איז אין וועג אַראָפּגע־פאַלן פון שליטן. מען האָט זיך געמוזט אומקערן און זוכן דעם שלאָפזאַק. דאָס האָט געקאָסט אַ שעה צייט, און מיר זיינען דע־ריבער דורכגעגאַנגען היינט נאָר צוואַנציק קילאָמעטער, כאָטש געאַרבעט האָבן מיר מיט דער נשמה. מיר רעכענען איבערצולאָזן דאָ אונזערע פוסשליטעלאַך, ווייל מיר קאָנען זיי דאָ צעברעכן אויפן אייז, בשעת מיר וועלן זיך נויטיקן אין זיי. אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר אונזער משא נאָך מער פאַרקלענערן, דען מיר וועלן זיך איינאָרדנען אַ דעפּאָ. אַלנפאַלס וועט עס שוין זיין דער לעצטער.

זונטאָג, 7 יאַנ. מיר געפינען זיך אויף אַ הויכקייט פון 3220 מע־טער. דער וועג בייט זיך ווײלעווייז אויף אַ שרעקלאַכן אופן. נעכטן אין אָוונט האָבן מיר איבערגעלאָזט אונזערע פוסשליטעלאַך. היינט אינדערפרי זיינען מיר אין פערציק מינוט אַדורכגעגאַנגען צוויי קילאָמעטער, און די שנייבוואַליעס זיינען ביסלעכווייז פאַר־שוואונדן געוואָרן. מיר האָבן דעריבער זיך אומגעקערט צוריק און גענומען אונזערע פוסשליטעלאַך, וועלכע איך וועל איצט אַלנפאַלס איבערלאָזן ביי זיך. דאָס גיין צוריק האָט אונז אָבער געקאָסט אָנדערטאַלבן שעה צייט. ווען מיר האָבן זיך ווידער גע־לאָזט אין וועג אַריין, האָב איך, צו מיין גרויסן שרעק, דערזען, אַז אויף פוסשליטעלאַך וועלן מיר דאָ נישט קאָנען גיין, ווייל מיר האָבן פאַר זיך זאַמדיקן שניי. מיר זיינען אָבער ווייטער געגאַנגען מיט גרויס מי און אָנשטריינגונג. נאָך מיטאָג האָבן מיר ווידער מאַרשירט. מיט גרויסע יסורים האָבן מיר דורכגע־מאַכט ניין קילאָמעטער און סוף־כל־סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן,

אַז פאַרן היינטיקן טאָג האָבן מיר אַדורכגעמאַרשירט דעם קלענסטן מהלך. לאַנג וועלן מיר אַזעלכע מאַרשן בשום אופן נישט קאָנען אויסהאַלטן, ס'איז נישט פאַר אונזערע כוחות. איין טרייסט האָבן מיר: לאַנג וועט דאָך דער וועג נישט בלייבן אַזוי שלעכט. מאָרגן וועלן מיר דאָ אָפּלייגן זאַפּאַסן אויף אַכט טעג.

מיט די פּוסליטעלאַך איז דאָך לייכטער צו גיין. בויער, וועלכער גיין אָן זיי, מאַטערט זיך געוואַלטיק, אָבער ווי עס שיינט, קימערט דאָס אים ווייניק: אַ מענטש פון אייזן! עוואַנס האָט זיך פאַרשניטן די האַנט ביים איינאָרדנען די שליטנס. אַ האָפנונג, אַז קיין שווערע וואונד וועט דערפון נישט ווערן.

8 יאַנ. ווייטער גיין האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל מיר האָבן דאָ, אויף דער גרויסער הויכקייט, געהאַט אַ שטורמווינט. עוואַנסן האָט מען היינט אינדערפרי איבערגעבונדן. ער מוז זיך אַ ביסל אויסרוען, אָבער מיר טאָרן נישט ליגן לייגער ווי איין טאָג, ווייל ס'קאָן אונז פאַרפעלן שפייז און, צווייטנס, דערפאַר, וואָס אין געצעלט זאַמלט זיך אָן אייז אויף אונזערע זאַכן. אָ, ווען מיר זאָלן נאָר מאָרגן קאָנען זיך לאָזן אין וועג אַריין!

9 יאַנואַר. ווען מיר זיינען אינדערפרי אויפגעשטאַנען, האָט דער שטורם נאָך געבושעוועט, אָבער נאָכן צווייטן פרישטיק האָבן מיר שוין געקאָנט זיך לאָזן אין וועג אַריין. ס'איז אַפילו געווען נאָך פינסטערלאַך, אָבער דער וועג איז געווען אַ גוטער. דאָס מאַרשירן ווערט שרעקלאַך לאַנגווייליק: אַלץ דאָסזעלבע, אַלץ די אייגענע וויסטע פראָסט-בילדער. מיר האָבן איבערגעלאָזט נאָך אַ זאַפּאַס פון לעבנסמיטלען אין אַ דעפּאָ. דאָ איז געשען מיט אונז זייער אַ פאַרדריסלאַכע זאַך: בויערס זייגער האָט פּלוצלונג זיך פאַרשפּעטיקט אויף זעקסאונצוואַנציק מינוט. משמעות, אַז פון פראָסט איז דער זייגער געבליבן שטיין זעקסאונצוואַנציק מינוט. פאַר אונז איז אַ גוטער ריכטיקער זייגער אומגעהויער וויכטיק, ווייל לויט אים באַרעכענען מיר, וואו מיר געפינען זיך, ווי ווייט מיר זיינען פון פּאָל און דעסגלייכן. בשעת אַ שטורם איז דער זייגער אונזער הויפּטפירער!

10 יאַנואַר. אַ שרעקלאַך שווערער מאַרש אינדערפרי! אונטער 88 גראַד מיט 29 מינוט האָבן מיר באַשלאָסן אַוועקצולייגן אונזער לעצטן „אַנדערטאַלבנגראַד־דעפאָ״: לעבנסמיטלען אויף איין וואָך און מלבושים. אייגנטלאַך האָבן מיר שוין איצט נאָר די מלבושים, וואָס מיר טראָגן. ווייטער גייען מיר מיט לעבנסמיטלען אויף איין וואָך. דאָס מוז קלעקן אויפן לעצטן מאַרש צום פּאָל אַהין און צוריק. נעכטן האָב איך געשוואָרן, אַז מיר מוזן אונזער ציל דערגרייכן, אָבער היינט האָבן מיר אַזאַ וועג, וועלכער לאַכט זיך אויס פון אַלע שבועות. ס׳איז גאָרנישט צו באַשרייבן, ווי שווער ער איז — טרוקענער זאַמד! ווען די זון האָט געשיינט און מיר האָבן בעסער געזען, האָט אונז פּשוט אַרומגעכאַפּט אַ שווינדל. אויב דאָס זאָל גיין אַזוי ווייטער, וועלן מיר נישט אויסהאַלטן! היינט זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען סך הכל צוואַנציק קילאָמעטער! ביזן פּאָל האָבן מיר שוין נישט מער ווי 157 קילאָמעטער אָבער צוריק, צוריק! אָ, ס׳נעמט מיך אָן אַן אימה, ווען איך דערמאָן זיך דערין. דער וועג צוריק וועט דאָך נישט זיין בעסער, ווי דער וועג אַהינצו!

11 יאַנואַר. אין די ערשטע שעהן האָבן מיר, לפּחות, היינט געקאָנט פירן דעם שליטן פּאָרויס. דאַן אָבער האָט זיך די זון אַרויסגערוקט פון די וואָלקנס, און ס׳איז געווען פּראָסט פאַרצווייפלט צו ווערן. עפּיס אַזעלכעס האָב איך נאָך נישט דערלעבט! דער שליטן האָט געקנאַקט און געקרעכצט. וואָס ווייטער, ווערט דער שניי ווייכער. די שנייבערגלאַך זיינען על־פּי־רוב הויך און אינעווייניק פּוסט, קיין האַרטן שאָלעכץ האָבן זיי נישט, ווי אויף דער אייזגרענעץ. נאָך 137 קילאָמעטער ביזן פּאָל—אָבער צי וועלן מיר אויסהאַלטן נאָך זיבן טעג? זיבן טעג, ס׳איז לייכט צו זאָגן!

12 יאַנואַר. ווידער אַ שווערער, ביטערער מאַרש. נאָכמיטאָגצייט האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ קאַלטער ווינט פון מערבזייט און האָט אָנגעטראָגן וואָלקנס. אייניקע מינוטן לאַנג האָבן מיר געפילט מיט פאַרגניגן, אַז דעם שליטן איז אונז געוואָרן לייכטער צו פירן. אָ, אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר אים כּמעט פון אָרט נישט

געקאָנט רירן! איצט שרעק איך מיך, אַז די סיבה דערפון שטעקט אין אונז: מיר זיינען שוואַכער געוואָרן... אַזאַ זאַך וואָלט אונז גאָר אומגעבראַכט. באַלד אָבער האָב איך דערזען, אַז שולדיק איז פּאָרט נאָר דער וועג, ווען מיר זאָלן נאָר האָבן אַ גוטן וועג, וועלן מיר תּיכּף ווערן פריש און מונטער און די משא פונם שליטן וועט אונז זיין פּשוט אַ שפּילכל.

ווען מיר האָבן היינט אויפגעשטעלט דעם לאַגער, האָט אונז אַלע־מען געשווידערט פון קעלט, כאָטש די טעמפּעראַטור איז געשטאַ־נען העכער, ווי אין די פריערדיקע טעג—זיבנאונצוואַנציק מיט אַ האַלבן גראַד פראָסט! ווי אַזוי קומט עס, אַז מיר שפּירן פּלוצ־לונג אַזוי שטאַרק די קעלט? צי איז עס נישט דערפאַר, וואָס מיר אַליין זיינען שוין אינגאַנצן דערשעפּט?...

13 יאַנואַר. 89 גראַד מיט 9 מינוט דרום־בריים, מיר געפינען זיך אויף אַ הויך פון 3130 מעטער. ווידער אַ טאָג, אין וועלכן מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ פולע צאָל קילאָמעטער. איצט איז שוין נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיר זאָלן דערגרייכן דעם פּאָל. מיר האָבן סך הכל אַדורכצוגיין נאָר פיראונניינציק קילאָמעטער. אויב אַפילו מיר וועלן נישט קומען צו אים, קאָנען מיר זיך דאָך טרייסטן מיטן געדאַנק, אַז מיר זיינען געווען גאַנץ נאָנט צום פּאָל.

זונטאָג, 14 יאַנואַר. דער הימל איז אַ גאַנצן טאָג געווען באַדעקט מיט וואָלקנס, דורך וועלכע די זון האָט שטאַר אַרויסגעקוקט. ס'האָט געבלאָזן אַן אָנגענעמער דרום־ווינט, וועלכער האָט נאָר לייכט אויפגעהויבן דעם שניי. אויף דער באָדן איז געווען בע־סער, און מיר זיינען געגאַנגען גלייכמעסיק און אַדורכגעמאַכט צווייאונצוואַנציק קילאָמעטער. ס'איז אָבער שרעקלאַך שווער גע־ווען אויפצוהאַלטן די ריכטיקע ריכטונג. אָפּט האָב איך גאָרנישט געזען פאַר זיך און בויער האָט מיך אַלע ווײַלע אונטערגעשטויסן ביים אַקסל אויף דער ריכטיקער ריכטונג. מיר שפּירן ווידער צו־שטאַרק די קעלט. דייטש שיינט צו ליידן מער פאַר אונז אַלע־מען פון די אָנשטריינגונגען. בכלל אָבער זיינען מיר מונטער און געזונט. בלויז נאָך 70 קילאָמעטער! ווען עס זאָלן נאָר זיין אַ

פאַר שיינע טעג! דאָס ציל ליגט שוין פאַר אונז. מיר קאָנען עס כמעט אָנטאַפּן מיט די הענט, אָבער דאָס וועטער פאַרשפּאַרט אונז דעם וועג!

15 יאַנואַר. אין דער נאַכט איז די לופט געווען זייער אַ קלאָרע, און די זון האָט געשיינט אויף אַ גאַנץ ריינעם הימל*). דער לייכטער ווינט האָט זיך געלייגט און דער פראָסט האָט געהאַלטן צווייאונדרייסיק גראַד. דאָס הייסט, אַז מען וועט האָבן גרויסע צרות מיטן שלעפּן די שליטנס!—האָב איך פאַר זיך געטראַכט—און אַזוי איז עס טאַקי געווען. דער באָדן איז אַן אוממעגלאַכער. אין פיר מיט דריי פערטל שעה זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען עלף קילאָמעטער. אָבער דערביי זיינען מיר אַלע געווען שרעקלאַך אויסגעמאַטערט, ווען מיר האָבן אויפגעשטעלט דעם לאַגער. מיר האָבן דעריבער דאָ איבערגעלאָזט אונזער לעצט דעפּאָ—פּראָוויאַנט אויף פיר טעג און קלייניקייטן. נאָכן צווייטן פרישטיק איז דער שליטן געגאַנגען וואונדערלאַך לייכט, טיילווייז צוליב דער פאַרלייכטערטער משא, טיילווייז דערפאַר, וואָס ער איז געווען גוט אַרומגעבונדן און דערעיקרשט אָבער דערפאַר, וואָס מיר זיינען געווען אויסגערוט. אַלנפאַלס האָבן מיר נאָכמיטאָג געמאַכט אַ געלונגענעם מאַרש פון עלף מיט אַ האַלב קילאָמעטער.

ס'איז עפּיס אַ רייצנדיקער געדאַנק, אַז מיר געפינען זיך בלויז צוויי מאַרשן ווייט פון דרום-פּאָל. מיר מוזן אַהין קומען, זאָל עס קאָסטן, וואָס עס וויל! איצט שרעק איך מיך נאָר פאַר איין זאַך: אפשר געפינען מיר דאָרט די נאָרוועגישע פאָן און זי וועט פלאַטערן אָנשטאָט אונזערע. דער פּאָל וועט געהערן צו נאָרוועגען!

*) אויפן פּאָל שיינט די זון כמעט 6 חדשים נאָכאַנאַנד. עס פעלט אויס: 6 חדשים טאָג, 6 חדשים נאַכט.

# ביים ציל.

דינסטאָג, 16 יאַנואַר 1912. ס'איז געשען דאָס שרעקלאַכסטע,
דאָס ערגסטע, וואָס האָט געקאָנט געשען מיט אונז!—פאַר-
מיטאָגצייט זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען פירצען קילאָמעטער. נאָכ-
מיטאָג זיינען מיר אַרויסגעטראָטן אין אַ געהויבענער שטימונג,
ווייל מיר האָבן געהאַט דאָס דערפרייענדיקע געפיל, אַז מאָרגן
וועלן מיר זיין ביים פאָל. נאָך דער צווייטער מאַרש-שעה האָט
בויער באַמערקט מיט זיינע שאַרפע אויגן עפּיס אַזוינס, וואָס ער
האָט געהאַלטן פאַר אַ וועגצייכן. זיינען מיר אין אַ געוואַלטיקער
שפּאַנונג געגאַנגען ווייטער, דען ביי אונז אַלעמען האָט זיך דער-
וועקט איינער און דערזעלבער חשד. ביי מיר האָט דאָס האַרץ
אַזוי געקלאַפּט, פּונקט ווי עס וואָלט געוואָלט אַרויסשפּרינגען:
ס'איז אַריבער נאָך איין האַלבע שעה—און אָט האָט בויער דער-
זען עפּיס אַ שוואַרצן פלעק! קיין שניי-זאַך איז דאָס נישט גע-
ווען און ס'האָט אויך נישט געקאָנט זיין. האָבן מיר זיך געלאָזט
גיין מיטן גלייכן וועג צו דעמדאָזיקן פלעק, און וואָס האָבן מיר
דערזען? אַ שוואַרצע פאָן צוגעפעסטיקט צו אַ שליטן-שטענדערל!
דערביי זיינען געלעגן סימנים פון אַ לאַגער-פּלאַץ, וואָס מען האָט
נאָר וואָס פאַרלאָזן. מיר האָבן געזען שפּורן פון שליטנס, וועל-
כע האָבן זיך געצויגן אַהין און צוריק, דייטלאַכע שפּורן פון
הינטישע ווידלאַך—אַ היבשע ביסל, קענטיק, אַ סך הינט—דאָס
האָט אונז שוין דערקלערט אַלץ! די נאָרוועגער האָבן
פאַר אונז זיך געפעדערט, אַמונדסען איז דער ער-

שטער געקומען צום פּאָל.

אַ מוראדיקע אַנטוישונג! אָבער קיין זאַך פּייניקט מיך נישט אַזוי, ווי די מראה פון מיינע עלנטע געטרייע חברים. אַלע אָנשטריינגונגען, אַלע יסורים און אַלע איבערמענטשלאַכע אַר-בעטן, אַלע פאַרצווייפלטע טעג, וואָכן און חדשים, דאָסליידן הונגער און קעלט—איצט פרעגט זיך צוליב וואָס? צוליב גאָרנישט, איסער חלומות,—חלומות איבער אַ טאָג, וועלכער האָט זיך נישט פאַרווירקלאַכט!...

ווען רו האָבן מיר אין דער נאַכט שוין גאָר נישט געקאָנט טראַכטן! מיר האָבן נישט געקאָנט שלאָפן. וואָס הייסט עס אַנט-דעקן אַן אַנטדעקטן פּאָל? אַלע געדאַנקען אונזערע און אַלע ווערטער, וואָס מיר האָבן געלאָזט פאַלן, אַלץ האָט זיך געענדיקט מיט איין פיינלאַכן וואָרט „צו-שפּעט!" און ווען אין אונזער גע-צעלט איז שטיל געוואָרן, האָט יעדערן פון אונז געוויס געעג-בערט אין מוח נאָר איין געדאַנק און איין געפיל האָט יעדע-רער געהאַט אין האַרצן: עס נעמט מיך אָן אַן אימה פאַרן מאַרש צוריק!

17 יאַנואַר 1912. דער דרום-פּאָל. אונטער גאָר אַנדערע אומ-שטענדן האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעמדאָזיקן אויגנבליק במשך פון פיל חדשים! שרעקלאַכע טעג ליגן הינטער אונז און פאַר אונז. אונזער אַנטוישונג און דאַן דער פראָסט פון דרייסיק גראַד מיט אַ שניידנדיקן ווינט גלייך אין פּנים. האַלב אַכט אינדערפרי זיי-נען מיר שוין אַרויס פון געצעלט, ווייל קיינער האָט נישט גע-שלאָפן אין דערדאָזיקער שרעקלאַכע נאַכט. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין די שליטן-שפורן פון די נאָרוועגער. אויף אַ מהלך פון פינף קי-לאָמעטער האָבן מיר געזען זייערע צוויי וועג-צייכנס. דאַן איז געוואָרן אַ שלעכט וועטער, און ווייל די שפורן האָבן זיך גע-צויגן צו וויט צום מערב, האָב איך באַשלאָסן צו גיין, לויט מיינע אייגענע חשבונות, דירעקט צום פּאָל. אָבער צו מיטאָגצייט האָט עוואַנס געהאַט אַזעלכע קאַלטע הענט, אַז מיר האָבן גע-מוזט אויפשטעלן אַ לאַגער, כדי אויפצעקאָכן וואַרים עסן. דאַן זיינען מיר אָפּגעגאַנגען נאָך צוועלף קילאָמעטער צום דרום. אָבער

מיר שיינט, אַז דער וועג גייט באַרג אַראָפּ. איצט ציט זיך דער וועג צו גיין באַרג-אַרויף. אויסערדעם אָבער זעען מיר דאָ גאָר-נישט, אַבסאָלוט גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל זיך כאָטש מיט עפּיס-וואָס אונטערשיידן פון דער געוואַלטיקער איינטעניקייט און איינאַרטיקייט אין די לעצטע טעג. גרויסער גאָט! און אָט צו-ליב דעם שרעקלאַכן אָרט האָבן מיר אונז געשלעפּט אַהער טויזנ-טער קילאָמעטער מיט אַזויפיל מי און מאַטערניש און, אַלס באַ-לוינונג, באַקומען מיר אַפילו נישט די באַפרידיקונג צו וויסן, אַז מיר זיינען לפּחות געקומען אַהער די ערשטע!

דאָך—אַ זאַך איז עס פּאָרט! מיר זיינען דאָך פּאָרט אַדורכגעגאַנ-גען דעם גאַנצן גרויסן וועג און צום פּאָל זיינען מיר דאָך גע-קומען! אפשר וועט זיך גאָר מאָרגן דער ווינט ענדערן לטובת אונז און ער וועט אונז דינען, ווי אַ געטרייער פריינט...

נישט געקוקט אויף אונזער ווייטאָג און פאַרדרוס, האָבן מיר ביים פּאָל זיך אויפגעקאָכט אַ פעטע זופּ און נאָכן עסן האָבן מיר זיך געשפּירט אויסגעצייכנט. אַלס עקסטראַ-שפּייז, לכּבוד דעם פּאָל, האָבן מיר פאַרביסן מיט שאָקאָלאַד און פאַררויכערט אַ ציגאַר, וואָס ווילסאָן האָט אַהער מיטגעבראַכט. איצט האַנדלט זיך נאָר וועגן דעם, מיר זאָלן מאַכן שנעל דעם צוריקמאַרש. ס'וועט זיין אַ פאַרצווייפלטער קאַמף פאַרן לעבן, אַ גוראַנגל פאַרן קיום!

18 יאַנואַר. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז מיר געפינען זיך נאָך לערך אַ קילאָמעטער זעקס ווייט פון פּאָל. געניי אין דערדאָזיקער ריכטונג האָט בויער דערזען אַ קעמערל. צוגעקומען צום קעמערל האָבן מיר איינגעזען, אַז עס איז ווייט פון פּאָל צוויי מיט דריי פערטל קילאָמעטער. אין קעמערל האָבן מיר געפונען אַ קורצן באַריכט פון די נאָרוועגער, אַז זיי זיינען דאָ געווען זאַלבאַפינפט דעם 16-טן דעצעמבער. דאָס איז אַ שיין קעמערל, אַ קליינער אָבער אַ שטאַרקער, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַ באַמבוס-שטעקן. אַמונדסען האָט דערין איבערגעלאָזט פאַר מיר אַ בריוועלע מיט אַ בקשה איבערצוגעבן עס דעם קעניג האַקאָן פון נאָר-וועגען! כ'האָב דאָס בריוועלע צוגענומען צו זיך און האָב אי-בערגעלאָזט אַן אַנדער בריוועלע מיט דער מעלדונג, אַז איך בין

דאָ געווען מיט מיינע פיר חברים. מיטאָגצייט זיינען מיר גע-וועז ווייט פון פאָל איין קילאָמעטער אָדער אַנדערטהאַלבן און מיר האָבן דעריבער אַ נאָמען געגעבן דאָס אָרט פּ אָ ל - ל אַ ג ע ר. דאַן האָבן מיר דאָ געמאַכט אַ וועג-צייכן, אויפגעשטעלט אונזער פאָן—אונזער אָרימע פּאַרשפּעקטיקטע פאָן „יוניאָן דזשעק" און מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן ביי אַ מוראַדיקן פראָסט. דאַן האָבן מיר דערזען ביי אַ קנאַפּן קילאָמע-טער פון דרום-פאָל אַ שטאַנג פון אַ שליטן, אַריינגעשטעקט אין שניי און אָט דאָס איז געווען דער צייכן פון פאָל, לויט ווי די נאָרוועגער האָבן אים באַשטימט. איך מיין, אַז דער פאָל איז 2900 מעטער הויך איבערן ים. מערקווירדיק, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אונטער 88 גראַד דרום-ברייט זיינען מיר געווען אויף אַ הויך פון 3200 מעטער!

מיר האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דעם ציל פון אונזער בסיעה און אונזער תאווה צו כבוד. פאַר אונז ליגט איצט אַ וועג פון 1500 קילאָמעטער ביז אונזער ווינטער-קוואַטיר, 1500 קילאָ-מעטער פון שליטן-שלעפעניש, 1500 קילאָמעטער פון הונגער און קעלט און אַלערליי דחקות און ענוים.

אָ, דו חלום פון מיינע טעג—איך שיק דיר אַ זיי-געזונט!

## צוריק פון פאָל.

פרייטאָג, 19 יאַנואַר 1912. דער מאַרש צוריק. נעכטן נאָכמיטאָגצייט האָבן מיר געמאַכט דרייצן קילאָמעטער, היינט 34. אין אָנהויב פון אונזער הייטיקן מאַרש האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נאָרוועגישן וועגצייכן און אויף די שפורן פון אונזער וועג, וואָס האָט געפירט צום פאָל. אַזויאַרום זיינען מיר ווידער געקומען צו דער שוואַרצער פאָן, וואָס די נאָרוועגער האָבן אַרויסגעשטעלט. מיר האָבן זי אַרויסגענומען פון אייז, כדי צו באַנוצן די שטאַנג פאַר אַ זעגל צו אונזער שליטן. מער האָבן מיר פון די נאָרוועגער גאָר נישט געזען.

די לעצטע שעהן נאָכמיטאָגצייט זיינען געווען זייער שווער, נישט געקוקט אויף אונזער לייכטער משא און אויף אונזער זעגל, וואָס דער ווינט האָט אים געטריבן. ס'איז געווען אַ שווער וועטער: געדיכטע שניי-וואָלקנס, וואָס האָבן אונז פאַרשטעלט דאָס ליכט פון טאָג, האָבן פון דרום זיך ווייט איבער אונז געצויגן. אָנשטאָט געוויינלאַכן שניי, זיינען געפאַלן שאַרפע קריסטאָלן, וועלכע האָבן אינגאַנצן פאַרדאָרבן דעם וועג. ווײַלעווייז האָט די זון זיך באַוויזן און דער ווינט האָט גענומען בלאָזן אין דרום-מערב. דער שניי האָט זיך געדרייט און דער ווינט האָט אים פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן פעלד. אונזערע אַלטע שפורן זיינען אינגאַנצן פאַרטראָגן געוואָרן, זיי זיינען דאָך אָבער אַלט בלויז דריי טעג? פאַרוואָס-זשע זיינען נישט פאַרטראָגן געוואָרן די שפורן פון די נאָרוועגער, וועלכע זיינען שוין אַלט אַ חודש?

ס'איז גאָר אוממעגלאַך צו דערקלערן עס!
מיטן ווינט צו מאַרשירן איז וואַרימער און אָנגענעמער, און פונ-דעסטוועגן, יעדעס מאָל, אַז מיר שטעלן זיך אָפּ, שפּירן מיר די קעלט שטאַרקער, ווי אויפן וועג צום פּאָל. צי איז עס נישט אַמאָל דערפאַר, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן דעם מוט און מיט אים אויך אונזערע כּוחות?... אונזערע וועג-צייכנס געפינען מיר לייכט, אָבער כּל-זמן מיר זיינען נאָך נישט געקומען צו אונזער „דריי-גראַד-דעפּאָ", וועל איך מיך נישט קאָנען באַרוהיקן פון מיין אי-נערלאַכן שרעק. ביז יענעם דעפּאָ האָבן מיר אָבער נאָך 280 קילאָמעטער!
20 יאַנואַר. היינט נאָכמיטאָגצייט האָט דער ווינט גוט אָנגעצויגן אונזער זעגל און ער האָט אויסגעצייכנט געטראָגן די שליטנס. שפּעטער אָבער איז דער באָדן געוואָרן שרעקלאַך שלעכט, דער שניי איז געלעגן פאַר אונז אין הויכע קופּעס און ער האָט זיך איינ-געגעסן אין אונזערע פּוסשליטעלאַך. דאַדורך איז געוואַלטיק שווער געוואָרן צו שלעפּן די שליטנס. מיר האָבן זיך אָבער נישט אָפּ-געשטעלט און ערשט ביים אַלטן לאַגער, נומער 14, האָבן מיר אויפגעשטעלט אונזער לאַגער. כ'האָב מורא, אַז מאָרגן וועט עס זיין נישט ערגער! צום גליק האַלט זיך דער ווינט! ווען בויער זאָל, לפּחות, האָבן זיינע פּוסשליטעלאַך! אונזערע לאַנגע מאַרשן ביי זיינע קורצע פיס! נאָר אַזאַ פּאַרביסענער ספּאָרטסמאַן, ווי ער, קאָן עס אויסהאַלטן. דייטש ליידט, קענטיק, שטאַרקער פאַר אונז אַלעמען פון די אָנשטריינגונגען און קעלט. בסך הכּל האָבן מיר היינט געמאַכט 34 קילאָמעטער. איצט היינגט אַלץ אָפּ דער-פון, צי מיר וועלן קאָנען שטענדיק גיין מיט אַזאַ געשווינדקייט. איך גלויב, אַז דאָס וועט אונז געלינגען, און דאַן וועלן מיר נאָך קומען צו אונזער שיף.
זונטאָג, 21 יאַנואַר. מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט ביי אַ געוואַל-טיקן שטורמווינט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט שניי און אויבן אַ שטאַרע זון. כּדי נישט צו פאַרלירן די שפּורן, זיינען מיר געבליבן ליגן אין לאַגער לפּחות אויף איין טאָג. מיטאָג-צייט אָבער איז פּלוצלונג דער הימל אויסגעליימערט געוואָרן

און דער ווינט איז עטוואָס געפֿאַלן, אָבער מיר האָבן ערשט דריי פערטל אויף פיר געקאָנט אין וועג אַרויסגיין, ווייל אונזערע מלבושים זיינען געווען שטייף געפראָרן. נישט געקוקט אויף דער היילף פון ווינט, האָבן מיר אין פיר שעה זיך אַדורכגעשלעפּט קוים צען קילאָמעטער. שפּאַלטן זעען מיר אויפן וועג דייטלאַך, אָבער אונזערע וועגצייכנס ערשט דאַן, ווען מיר דערווייטערן זיך פון זיי אויף אַ מהלך פון אַ קילאָמעטער. מיר האָבן נאָך 83 קילאָמעטער צו אונזער „אַנדערטאַלבן-גראַד-דעפּאָ". ביז דאָרט האָבן מיר פּראָוויאַנט אויף זעקס טעג. אין לאַגער ליגט פאַר אונז פּראָוויאַנט אויף נאָך זיבן טעג און דערמיט וועלן מיר עס מוזן אַדורכגיין 167 קילאָמעטער ביזן דריי-גראַד-דעפּאָ. ערשט דאָרט וועלן מיר שוין פטור ווערן פון אַלע אַנגסטן.

22 יאַנ. פונקט אַכט אַ זייגער זיינען מיר אַרויס אין וועג און האָבן מאַרשירט געגנוי ביין שעה. מיר האָבן אַדורכגעמאַכט 27 קילאָמעטער. אָבער ביי גאָט, דאָס איז געווען אַ הויט-שינדעריי! און ווען די זון האָט זיך באַוויזן אין די לעצטע נאָכמיטאָג-שעהן, איז דער שניי כמעט תיכף ווייך און קלעביק געוואָרן.

23 יאַנ. מיר זיינען אַרויס אין וועג. דער ווינט—אַ שוואַכער, דער מאַרש—אַ שווערער. 16 קילאָמעטער זיינען מיר געגאַנגען אין אַ שטורם-ווינט. אונזערע אַלטע שפּורן זיינען דייטלאַך. ס׳אַ גליק! נאָכמיטאָגצייט האָבן מיר געקאָנט אויפשטעלן אונזער גאַנצן זעגל. בויער איז געבליבן ביים שליטן, עוואַנס און דייטש זיינען געגאַנגען פאָרויס. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך שנעל גערוקט פאָרויס און ביזן נאָנטסטן דעפּאָ איז אונז אויף מאָרגן נאָר איין באַקוועמער מאַרש איבערגעבליבן. אָבער אָט האָט ווילסאָן פלוצלונג דערזען, אַז ביי עוואַנסן איז די נאָז פאַרפראָרן, האַרט און ווייס. מיר האָבן דעריבער זיך געמוזט אָפּשטעלן דריי פערטל אויף זיבן. די פינגער זיינען ביי עוואַנסן באַדעקט מיט פראָסט-ביילן. ער איז אויף זיך אַליין אין כעס. אַ שלעכטער סימן! ווען מיר זאָלן לפּחות אַדורכקריכן די ערשטע הויכקייט! נאָך 25 קילאָמעטער ביזן אָנדערטאַלבן-גראַד-דעפּאָ. מיר מוזן עס מאָרגן דערגרייכן!

24 יאַנ. אונזער לאַגע ווערט ערנסט. דער שטורם האָט אונז מיטאָגצייט געצוואונגען אַריינצעקריכן אין אונזערע שלאָפזעק. ביים אויפשטעלן דאָס געצעלט האָבן מיר אַלע די פינגער אָפּ-געפראָרן ביז אייז! אָבער מיר האָבן נאָך צוועלף מיט אַ האַלבן קילאָמעטער ביזן דעפּאָ און איך בין נעכטן געווען פעסט אי-בערצייגט, אַז מיר וועלן שוין היינט זיין דאָרט! מיר האָבן היינט שוין דעם צווייטן שטורם, זינט מיר האָבן פאַרלאָזן דעם פּאָל. אויב דאָס וועטער זאָל האַלטן אַזוי שלעכט, דאַן זאָל אונז גאָט שומר ומציל זיין, דען מיר האָבן קנאַפּ פּראָוויאַנט און דער גאַנג איבער דער הויכקייט איז אַ מאַוימדיקער!

25 יאַנ. גאָט צו דאַנקען! מיר האָבן געפונען דעם אָנדערטאַלבן-גראַד-דעפּאָ! נעכטן נאָכמיטאָגצייט און די גאַנצע נאַכט זיינען מיר געלעגן אין אונזערע שלאָפזעק. געפרישטיקט האָבן מיר שפּע-טער, כדי איינצושפּאָרן דעם צווייטן פרישטיק. נאָכדעם האָט די זון זיך באַוויזן, און מיר האָבן לייכט געקאָנט געפינען אונזערע אַלטע שפּורן. די אַרבעט אָפּצוגראָבן דעם שליטן און אַרויסגיין אין וועג איז געווען זייער אַ שווערע, צוליב דער שטאַרקער קעלט, און דעריבער האָט עס פאַרנומען פיל צייט. דאָס מאָל האָבן מיר זיך אַלע איינגעשפּאַנט אין שליטן און זיינען געגאַנ-גען אַן אַ זעגל. האַלב דריי האָבן מיר, צו אונזער פרייד, דער-זען אונזער רויטע דעפּאָ-פאָן. אין דעפּאָ האָבן מיר געפונען פּראָוויאַנט אויף צען מיט אַ האַלבן טעג און ביז אַרום אַכט אין אָוונט זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען 22 קילאָמעטער. ביזן נאָנטסטן דעפּאָ האָבן מיר סך הכל 165 קילאָמעטער. אָבער ס׳איז שוין לאַנג צייט, מיר זאָלן שוין אַראָפּגיין פונם דאָזיקן פּלאַטאָ. ס׳האַלט נישט גוט מיט אונז, דייטש האָט קאַלטע פיס, עוואַנס האָט אַן אָפּגעפראָרענע נאָז און פינגער און היינט אין אָוונט האָט וויל-סאָן געהאַט שטאַרקע אויגן-יסורים.

26 יאַנואַר. כאָטש איך האָב מיינע לייט פרי אויפגעוועקט, דאָך זיינען מיר אַרויסגעטראָטן אין וועג ערשט 50 מינוט אויף 9. אַזעלכע פאַרשפּעטיקונגען טאָרן מער נישט פאָרקומען! ביי אַ קרעפטיקן ווינט, דורך גרויסע שניייען-קופּעס זיינען מיר געקו-

מען צו אונזער אַלטן לאַגער נומער זיבן, אָבער פון דאָרט ווייטער האָבן מיר נישט געקאָנט געפונען אונזערע שפורן—און מיר זיינען געווען אומרוהיק. לסוף האָבן מיר רעכטס פון אונז אַנטדעקט איין צייכן, באַלד דערויף האָט בויער מיט זיין שאַרפן אויג אַנטדעקט אויך דעם צווייטן וועגצייכן. דאָרט האָבן מיר אויף די האַרטע שניי-בערגלאַך געפונען אויך אונזערע שליטנשפורן.

27 יאַנואַר. צוזאַמען מיט ווילסאָנען בין איך געגאַנגען, איינגעשפאַנט פאָרויס אין שליטן אויף אונזערע פוסשליטעלאַך. ס'איז אונז זייער שווער געווען צו געפינען אונזערע אַלטע שפורן, וויל אויפן וועג צום פאָל האָבן מיר געמוזט גיין זיגזאַגיש, כדי אויסצומיידן די שניי-בערגלאַך, און איצט האָבן מיר דעריבער אָט דעם זיגזאַג בשום אופן נישט געקאָנט אַנטדעקן. ס'איז אונז אויסגעקומען זיך אָפצושטעלן, אויסצושפאַנען זיך און גיין זוכן די שפורן. אַזוי אַרום האָבן מיר פאַרלאָרן עטלאַכע קילאָמעטער וועג. אונזער פראָוויאַנט וועט נאָך קלעקן אויף אַ וואָך צייט, אָבער גאָר גענוג שפייז וועלן מיר באַקומען ערשט אין פערדן-לאַגער. ביז אַהין איז אָבער נאָך זייער ווייט און—ביי גאָט!—מיר אַרבעטן שרעקלאַך שווער און מיט גרויס אָנשטריינגונג. מיר ברויכן מער שפייז צו האָבן!

זונטאָג, 28 יאַנ. דאָ האָבן מיר אויפן וועג צום פאָל פאַרלאָרן דריי זאַכן: דייטשס לולקע, בויערס אַ פעלענע הענטשקע און עוואַנסעס נאַכטשטיול און הענטשקעס. איצט האָבן מיר דאָס אַלץ צוריק געפונען. דידאָזיקע זאַכן זיינען זיך געלעגן אויפן שניי און ס'איז פשוט אַ וואונדער, ווי אַזוי מיר האָבן זיי פריער נישט געזען. אָ, ווען מיר זאָל שוין האָבן אויך אונזער גרעסערן שפייזרעזערוו מיט זיך! מיר שפירן אַלץ מער הונגער און מיר זיינען שוין אַ היבש ביסל אויסגעמאַטערט, באַזונדערס עוואַנס. דאָך האַלט זיך נאָך יעדער אויף די פיס! עסן און טרינקען איז איצט די הויפט-טעמאַ פון אונזערע געדאַנקען און פון אונזערע שמועסן.

29 יונ. מיר האָבן היינט געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן מאַרש פאָרויס:

גאַנצע 38 קילאָמעטער און 19 פון זיי האָבן מיר אַדורכגעמאַכט פאַרמיטאָגצייט, אַ דאַנק דעם גוטן ווינט און די קלאָרע שפורן. דער ערשטער האָט געטריבן דעם שליטן און די צווייטע האָבן ביי אונז נישט צוגענומען קיין צייט אויף צו זוכן זיי. פאַר האַלבע נאַכט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף די שפורן פון אונזערע לייט, וועלכע זיינען שוין פריער צוריק אַוועק אין דער ווינטערקוואַטיר. פון איצט אָן וועלן מיר שוין האָבן דרייערליי מינים שפורן. ביזן „דריי-גראַד-דעפאָ" האָבן מיר שוין נישט מער ווי 44 קילאָמעטער—אין אַנדערטאַלבן לייכטע מאַרשן מאַכן מיר עס אַדורך; אויב עס זאָל נאָר מאָרגן זיין אַ גוט וועטער, זיינען מיר זיכער מיטן וועג.

30 יאַנ. גאָט צו דאַנקען! ווידער אַ גוטער מאַרש—35 קילאָמעטער! דער לעצטער וועגצייכן פאַרן דעפאָ געפינט זיך שוין הינטער אונז, די שפורן זיינען דייטלאַך, דאָס וועטער איז גוט, דער ווינט העלפט אונז, ס'גייט באַרג-אַרונטער,—נאָר אַ ביסל גליק נאָך, און מיר וועלן מאָרגן צו מיטאָגצייט דערגרייכן אונזער דעפאָ. אָ, ווען אַן אַנדער צרה וואָלט נישט באַשווערט אונזער לאַגע! פון גרויס אָנשטריינגונג האָט ווילסאָן באַקומען אַ געשוואָלענעם פוס און ערליידט שרעקלאַכע יסורים אַ גאַנצן טאָג. עוואַנס האָט היינט פאַרלאָרן אויף צוויי פינגער די נעגל, זיינע הענט זעען אויס שרעקלאַך און ער האָט גאָר פאַרלאָרן דעם מוט. ער איז שטענדיק געווען דער פריילאַכסטער צווישן אונז און אָט האָט ער שוין, זינט דעם 23-טן יאַנואַר, קיין שמייכל נישט געטאָן. די שטימונג איז אַ העכסט געדריקטע. מילא, מיט זיינע קראַנקע פינגער קאָן מען נאָך גיין ווייטער, אָבער ווען ווילסאָנס פוס זאָל נישט ווערן בעסער, וועט עס זיין זייער שלעכט.

31 יאַנ. מיר זיינען געקומען צו אונזער „דריי-גראַד-דעפאָ" און אַרויסגענומען אויפן שליטן דעם זאַפאַס און באַלד זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אָפגערוט האָבן מיר זיך ערשט אין אַ שעה אַרום. נאָכמיטאָגצייט איז דער וועג געוואָרן אומבאַשרייבלאַך שלעכט. איצט, ווען איינער פון אונז קאָן שוין דעם שליטן נישט שלעפן

און מיר מוזן זאלבעפירדס ארבעטן אנשטאט פינף, איז דאס א געוואלטיקער אומגליק פאר אונז! ווילסאן האט היינט אפגעהיט זיין פוס און איז נאר געגאנגען רוהיק ביים שליטן. אים איז א ביסל לייכטער געווארן אבער א קראנקער גליד ביי אונזער לאגע איז פאר אלעמען אן אומגליק. אונזער געדולד ווערט גע-שטעלט אויף דער פראבע!—היינט אין אוונט האבן מיר געפונען בויערס פוסשליטעלאך, וועלכע מיר האבן דא איבערגעלאזט דעם 31-טן דעצעמבער.—גאט צו דאנקען. דאס איז ס'לעצטע, וואס מיר האבן נאך געהאט צו געפינען אויף דער הויכקייט. איצט גייט אונזער וועג גלייך צום צפון, און דער ווינט זאל נאר בלאזן וואס שטארקער.

# גליקלאַך ביי דער גרענעץ פֿון דער פֿאַלהויכקייט.

דאָנערשטאָג, 1 פעברואַר 1912. אַ ביטער-שווערע אַרבעט האָבן מיר היינט געהאַט. דער וועג איז שלעכט—ס׳פאַלט אַ טרוקענער שניי, ממש דינער זאַמד און דאָס שלעפּן דעם שליטן קומט אָן מיט גרויסע יסורים! מיר האָבן זיך געמוטשעט ביז נאָך אַכט אַ זייגער אין אָוונט און האָבן ענדלאַך דערגרייכט דעם וועגצייכן פון 29-טן דעצעמבער. מיר עסן מיט אַ זיבעטל מער, ווי שטענדיק, דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער אונטערשיד, און מיר האָבן נאָך פּראָוויאַנט אויף אַכט טעג. ווילסאָנס פוס איז שוין בעסער, אָבער מיט עוואַנסעס פינגער האַלט עס זייער שלעכט. נאָך צוויי נעגל זיינען אים אַראָפּגעפאַלן און די פראָסט-וואונדן עפענען זיך.

2 פעבר. היינט זיינען מיר מיטן שליטן געלאָפן באַרג-אַראָפּ. דער באַרג איז געווען זייער משופּעדיק און דער שליטן האָט אונז אַריינגעוואָרפן אין שניי. מיר האָבן אַראָפּגענומען די פוסשליטעלאַך און האָבן זיך געלאָזן לויפן צופוס אַזוי שנעל פאָרויס, אַז ביז האַלב צוויי האָבן מיר שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט 17 קילאָמעטער. פון מיטאָגצייט אָן האָט אונז באַגלייט אַ וואונדערלאַכע דערשיינונג: אונזערע שפורן זיינען פאַרשנייט געוואָרן, אָבער אַזוי, אַז זיי זיינען געוואָרן אַ גוטער באָדן פאַר אַ וועג, מיר גייען לייכטער. ווידער זיינען מיר געקומען צום משופּעדיקן באַרג, וואו מיר האָבן דעם 28-טן דעצעמבער געטוישט די שליטנס. אַלץ איז דאָ צוגעגאַנגען גוט, ביז איך האָב, לויפנדיק באַרג-אַראָפּ, געמאַכט אַ שלעכטן שפרונג און

בין אומגעפאַלן מיטן קאָפּ אין שניי. איך האָב מיר אויך גוט צעקלאַפּט די פּלייצע. און אָט האָבן מיר איצט אין אונזער געצעלט אויף פינף מאַן דריי חולאים! דערביי האָבן מיר נאָך פאַר זיך דעם שווערסטן טייל פון וועג. און עוואַנסעס פינגער — — — אָ! 31 קילאָמעטער האָבן מיר היינט אַדורכגעמאַכט, מיר עסן פיל און דאָס העלפט, אָבער פונדעסטוועגן זיינען מיר הונגעריק!

3 פעבר. איך בין היינט ווידער געלאָפן מיט פוסשליטעלאַך, כדי זיך צו פאַרהיטן פון אַ פאַל, ווי נעכטן. רעכטס האָבן מיר דערזען אַ וועגצייכן, אָבער אונזערע שפּורן האָבן מיר שטענדיק פאַרלאָרן. היינט אין אָוונט זיינען מיר, וואַרשיינלאַך, ביי אונזער לאַגער פון 26-טן דעצ. ווייטער קאָן עס אַזוי ניִשט גיין. דאָס שטענדיקע זוכן די שפּורן און די וועגצייכנס נעמט צו ביי אונז פיל צייט. מיר וועלן דעריבער פון היינט אָן גיין גלייך צום צפון.—עוואַנס גייט מיט זיינע פינגער נישקשהדיק, אָבער ווען וועט ער שוין קאָנען העלפן שלעפּן דעם שליטן? ווילסאָנס פוס איז בעסער, אויך מיט מיין פּלייצע האַלט עס נישט שלעכט, כאָטש כ׳שפּיר אָפּט אַ מוראדיקע שטעכעניש.
4 פעבר. מיר זיינען היינט געגאַנגען צופוס אויף אַ גוטן, האַרטן באָדן און זיינען אַדורכגעגאַנגען 18 קילאָמעטער. פאַרן צווייטן פרישטיק בין איך מיט עוואַנסן אַריינגעפאַלן אין אַ שפּאַלט— עוואַנס איז שוין היינט אַריינגעפאַלן צום צווייטן מאָל. איך האָב דעריבער געהייסן אויפשטעלן דעם לאַגער. דערנאָך זיינען מיר ווידער געגאַנגען איבער אַ האַרטן, גלאַנציקן שטח. בסך הכל זיינען מיר היינט אַדורכגעגאַנגען 33 קילאָמעטער. אָ, ווען מיר זאָלן שוין אַמאָל פּטור ווערן פון דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער הויכקייט, אָדער פלאַטאָ! דער פראָסט איז מיט עלף גראַד שטאַרקער, ווי ער איז געווען אויף דער נסיעה צום פאָל. אונזער געזונט-צושטאַנד בעסערט זיך נישט. באַזונדערס איז שווער מיט עוואַנסן: ער קאָן גאָר נישט קומען צו די כוחות. נאָכן היינטיקן פאַל פילט ער זיך גאָר שלעכט און קאָן לגמרי גאָר נישט טאָן. וואָס זאָל דערפון ווערן?!

5 פעבר. אַ גליקלאַכער פאַרמיטאָג! מיר האָבן 19 קילאָמעטער אַדורכגעמאַכט. אָבער נאָכמיטאָג האָבן מיר געהאַט פאַר זיך גרויסע שפּאַלטן און בערג. אָן מיינע פּוסשליטעלאַך וואָלטן מיר קוים-קוים זיך אַרויסגעקריגן פון דעמדאָזיקן כּף-הקלע. אונזער היינטיקער לאַגער שטייט אויף אַן אמתן אייז-מדבר. אָבער דער ווינט איז מילדער און צום ערשטן מאָל שפּירן מיר זיך גוט אין אונזער געצעלט. פון אונזער גלעטשער-דעפאָ קאָנען מיר שוין נישט זיין ווייטער, ווי 55 קילאָמעטער, אָבער ווי אַזוי מיר וועלן אַדורכמאַכן אָט דעם מהלך ביי די איצטיקע שוועריקייטן, ווייס איין גאָט אין הימל! אונזערע לייצעס האָט דער ווינט פאַרוואַנדלט אין לאָקשן: אָנשטאָט אַ גאַנצע לייצע האָבן מיר לאַנגע, דינע פּאַסקעלאַך. מיט עוואַנסעס נאָז האַלט עס אויך אַזוי שלעכט, ווי מיט זיינע פינגער. ער איז זייער געפאַלן ביי זיך. דער אָרימענקער!

6 פעבר. אַ שרעקלאַכער טאָג! שוין איינדערפרי איז דער הימל געווען פאַרוואָלקנט—אַ מוראדיקע סכּנה, ווען מען איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט שפּאַלטן. צו אונזער גליק איז עס ווידער ליכטיק געוואָרן, און מיר זיינען געגאַנגען גלייך צו דאַרווין-באַרג, אָבער נאָך אַ האַלב שעה גאַנג האָבן מיר זיך דערזען צווישן ריזיקע אָפענע אָפּגרונטן. גאַנץ טיף זיינען זיי אַפילו נישט, אָבער קיין בריק איבער זיי איז נישטאָ. צווישן צוויי פון זיי האָבן מיר זיך געלאָזן גיין צום צפון, אָבער צו אונזער גרויסן פאַרדרוס האָבן זיי זיך געענדיקט מיט אַ כאַאָס פון שטיקער אייז, וואָס מען קאָן זיי בשום אופן נישט אַריבערגיין. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו גיין צוויי קילאָמעטער צוריק! דאַן האָבן מיר זיך אַ קער געטאָן צום מערב און האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווילדן ים פון שניי-בערגלאַך, וואו דאָס שלעפּן דעם שליטן איז פאַרבונדן מיט אַ געוואַלטיקער אָנשטריינגונג. מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזער זעגל. עוואַנסעס נאָז האָט שרעקלאַך געליטן, ווילסאָן איז איינגאַנצן דערפראָרן און אַלץ האָט געהאַט אַ מראה פון טויט. לסוף פון אונזער היינטיקן מאַרש האָבן מיר לפּחות געהאַט די זיכערקייט, אַז מיר גייען שוין צו

אונזער נאָנטסטן דעפּאָ. אונזערע לעבנסמיטלען זיינען שוין קנאַפּ, דאָס וועטער איז נישט זיכער, ס'פאַרגרעסערן זיך די שעהן פון שווערע דאגות און פלאָג. פון עוואַנסעס וואונדן גייט שוין איי-טער און ס'זיינען פאַראַן סימנים, אַז די כוחות גייען אים אויס.

7 פעבר. מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם אויבערשטן גלעטשער-דעפּאָ. אַ שרעקלאַכער טאָג, אָבער מיט אַ גליקלאַכן סוף! איב-דערפרי האָבן מיר זיך געשראָקן, אַז מיר האָבן שוין ווייניק סו-כאַרעס. בוייער איז געוואַלטיק אויפגערעגט דעריבער.
אין דעפּאָ האָבן מיר אָבער געפונען אַן אָנגענעמע ידיעה: אַ בריוועלע פון לייטענאַנט עוואַנס מיט אַ מעלדונג, אַז די צוויי-טע צוריקגייענדיקע פּאַרטיע איז דאָ גליקלאַך אַדורכגעגאַנגען דעם 14-טן יאַנואַר—זיי האָבן, אַלזאָ, פון איין דעפּאָ ביזן צווייטן פאַרברויכט אַ האַלבן טאָג מער, ווי מיר!
גוט! אונזער 7-וואָכעדיקע נסיעה אין אייז האָבן מיר שוין היג-טער זיך און מיר זיינען לפי-ערך געבליבן געזונט,— נאָך איין וואָך מער וואָלט זיך אויסגעלאָזט זייער שלעכט פאַר אונזער עוואַנסן, ווייל מיט אים גייט עס כסדר באַרג-אַראָפּ. צי וועט דאָס גליק אויך ווייטער זיך נישט אָפּווענדן פון אונז?...

## ער טויט אין אונזער לאַגער.

דאָנערשטאָג, 8 פעברואַר 1912. מיר זיינען זייער שפּעט אַרויסגעטראָטן פון אויבערשטן גלעטשער-דעפּאָ, ווייל מיר האָבן געמוזט איבערלייגן די סוכאַרעס און נאָך אַנדערע זאַכן. ס'איז געווען אַ שרעקלאַכער פרימאָרגן, אַ קאַלטער שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן. פונדעסטוועגן זיינען מיר געגאַנגען ביזן דאַרווין-באַרג, כדי צו באַקענען זיך דאָרט מיטן שטיינערנעם וועג. דאַן זיינען מיר געשווינד געלאָפן באַרג-אַראָפּ. איך מיט בוירן זיינען געגאַנגען פאָרויס אויף די פוסשליטעלאַך, שלעפּנדיק דעם שליטן, דייטש און ווילסאָן—צו פוס נעבן דעם שליטן און עוואַנס האָט זיך מיט צרות מיטגעשלעפּט. אַרום צוויי האָבן מיר געפרישטיקט. נאָכמיטאָגצייט זיינען מיר אַראָפּ פונם באַקליי-באַרג און דאָ האָבן מיר געמוזט, מיט דער הילף פון קלעטער-אייזנס, אַרומקריכן איבער אַזעלכע שפּועים מיט טיפע שפּאַלטן, אַז עס איז פּשוט נסים, ווי אַזוי מיר האָבן זיך אַדורכגעקריגן. דערדאָזיקער גלעטשער איז געווען העכסט אינטערעסאַנט און איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאַרברייגנען דאָ אַ האַלבן טאָג, כדי צו מאַכן געאָלאָגישע פאָרשונגען. וואָס פאַר אַ פרייד ס'איז געווען פאַר אונז צו קאָנען גיין ווידער איבער האַרטן שטיין, פריי פון אייז, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיבן וואָכן לאַנג קיין אַנדער זאַך נישט געזען ווי שניי און אייז!

9 פעברואַר. מיר זיינען ביזן עק פון גלעטשער געגאַנגען כּמעט אַ מהלך פון 24 קילאָמעטער. אָבער היינט פילן מיר זיך אַלע זייער שלאַף. מיר וואָלטן אייגנטלאַך געדאַרפט גיין צום גלעטשער אין צפון פון באַקליי-באַרג, אָבער צוליב דעם, וואָס ס׳איז געווען פאַרוואָלקנט און כּמעט פינסטער, האָט דער אַראָפּגאַנג אויסגעזען צו-משופּעדיק. לסוף זיינען מיר געקומען צווישן צובראָכענע שטיקער אייז און האָבן געמוזט זיך אַדורכקריכן דורך דעמדאָזיקן אָרט. די שפּאַלטן זיינען געווען פיל גרעסער, ווי מיר האָבן גערעכנט און דער אַראָפּגאַנג האָט אונז פאַרשאַפן פיל מי. דאַן אָבער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אונזער לאַגער פון 20 דעצעמבער.

10 פעבר. היינטיקע נאַכט האָבן מיר זיך רעכט אויסגעשלאָפן! אונזערע פּנימער האָבן טאַקי היינט אינדערפרי אויסגעזען גאָר אַנדערש. ליידער אָבער האָבן מיר פון לאַנגן שלאָף געקאָנט זיך אַרויסקלייבן אין וועג ערשט אַרום צען אַ זייגער. מיר זיינען אָבער געווען אַזוי גוט אויסגערוט, אַז אַפילו אויך איבער די שווערע אייז-פעלדער האָבן מיר אינדערפרי געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן מאַרש. דערנאָך איז געוואָרן פינסטערער. דריטאַלבן שעה האָבן מיר געקאָנט נאָך גיין מיט גרויס מי, נאָכדעם איז פאַרשוואונדן די זון און אַ צפון-ווינט האָט אונז געטריבן דעם שניי אין פּנים אַריין און ווייל ס׳איז נישט מעגלאַך געווען זיך צו האַלטן ביי דער געהעריקער ריכטונג, האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט אונזער געצעלט.

אויף נאָך צוויי טעג האָבן מיר לעבנסמיטלען, אָבער מיר ווייסן נישט, וואו מיר זיינען, און ביזן מיטעלען גלעטשער-דעפּאָ קאָן עס געוויס נישט זיין ווייטער, ווי צוויי טעג גאַנג. אויב אָבער דאָס וועטער זאָל זיך נישט פאַרבעסערן צומאָרגנס, וועלן מיר מוזן גיין אין אַ שלעכטן וועטער, נישט וויסנדיק, וואוהין, אָדער מיר וועלן מוזן פאַרקלענערן די שפּייז-פּאָרציע. דערווייל אָבער דאַרף מען גיין שלאָפן—שלאָפן! מיר נויטיקן זיך זייער אין שלאָף!

זונטאָג, 11 פעבר. היינט האָבן מיר געהאַט דעם שרעקלאַכסטן

טאָג פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער נסיעה. און שולדיק זייִנען מיר אַליין. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין ביי אַ שטאַרקן דרום-מערב-ווינט, איבער אַ שרעקלאַכן באָדן. מיר האָבן אויפגעשטעלט דעם זעגל און אויסגעטאָן די פוסשליטעלאַך. די לופט איז געווען אַ טונקעלע און אַלץ האָט אויסגעזען מיתה-משונהדיק. פלוצלונג האָבן מיר זיך דערזען צווישן אָנגעוואָרפענע שטיקער אייז און באַשלאָסן צו גיין אין דער מזרח-ריכטונג. זעקס שעה זייִנען מיר געגאַנגען, און אונז האָט זיך געדאַכט אַז מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ היבשן מהלך. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיר זייִנען גוט פאַרקראָכן. מיר זייִנען אַריין אין אַזאַ געביט פון שטיקער אייז, אַז מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען. דריי שעה לאַנג האָבן מיר אויף די פוסשליטעלאַך געזוכט אַ וועג זיך אַרויסצוקריגן פון דאָרט און לסוף האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז אונז געלונגען. אָבער דאָס אייז איז געוואָרן אַלץ האַרטער, שווערער און שפּאַלטיקער און מיר האָבן שוין גאָר געהאַט פאַרלאָרן די האָפנונג זיך אַרויסצוקלייבן פון דאָזיקן אייז-לאַבירינט. מיר האָבן געמוזט אויסטאָן די פוסשליטעלאַך און האָבן זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס. יעדן אויגנבליק איז עמיצער פון אונז אַרייַנגעפאַלן אין אַ שפּאַלט. לסוף האָבן מיר דאָך דערזען אַ גלאַטערן פלאַץ פונדערווייטנס. אַלזאָ, מאַרש אַהין! אמת, אַהין איז נאָך זייער ווייט און, דאָס אייזפעלד האָט אגב פאַרלאָרן זיין כאַראַקטער: אָנשטאָט די שפּאַלטן האָבן מיר דערזען ריזיקע אָפּגרונטן, וועלכע מען קאָן גאָרנישט אַריבערגיין. קיין אַנדער רעטונג איז אָבער נישטאָ. מען מוז אַלזאָ גיין פאָרויס! די פאַרצווייפלונג האָט אונז צוגעגעבן מוט און כּוחות, און אַרום צען אַ זייגער אין אָוונט זייִנען מיר שוין געווען אין אַ זיכערן אָרט.

איך שרייב דאָס נאָך אַ שרעקלאַכן מאַרש פון צוועלף שעה גאָכאַנאַנד. איך גלויב, אַז איצט געפינען מיר זיך אויפן ריכטיקן וועג, אָבער דאָס איז נאָר אַ השערה, און דער דעפּאָ איז נאָך געַנוג ווייט פון אונז! מיר האָבן דעריבער הייַנט אין אָוונט פאַרקלענערט אונזערע שפּייז-פּאַרציעס. מאָרגן מוזן מיר נאָך עפּיס

איבערלאָזן אויף איבערמאָרגן, אויב מיר זאָלן אונזער דעפּאָ נאָך נישט געפינען. דער היינטיקער טאָג ווייזט אונז גאַנץ דייטלאַך, וואָס מיר האָבן נאָך אויסצעשטיין, אָבער אויך אַז מיר קאָנען פיל אַריבערטראָגן. הלואי זאָל נאָר דער ווינט מאָרגן נישט זיין ערגער ווי היינט. מיר וועלן היינט שלאָפן נישט פיל. מאָרגן גאַנץ פרי מוזן מיר זיך לאָזן ווייטער אין וועג!

12 פעבר. אונזער לאַגע ווערט געפערלאַך. אינדערפרי איז אַלץ גוט געגאַנגען. צו מיטאָגצייט האָבן מיר, צעפרידענע, דערזען אונזער נאַכט-לאַגער פון 18-טן דעצעמבער. מיר זיינען, אַלזאָ, אויפן ריכטיקן וועג און ביי אַ טאָגמאַרש פון אונזער דעפּאָ. מיט אַ פריילאַכער זיכערקייט זיינען מיר געגאַנגען ווייטער. אָבער גאָר אַן אומגליקלאַכער צופאַל האָט אונז פאַרשלעפט צו ווייט אויף לינקס, וואו דאָס אייז איז באַזייט מיט גרויסע שפאַלטן. מיר ווייסן, אַלזאָ, נישט מער, אין וואָס פאַראַ ריכטונג צו גיין, און אין אָוונט זיינען מיר פאַרקראָכן אין אַ שלעכטן אָרט. און אָט זיצן מיר מיט אַ קנאַפער וועטשערע און מיט בלויז איין מאָלצייט אין שפּייזזאַק. די לאַגע פון דעפּאָ איז פאַר אונז נישט קלאָר. מיר דערשטיקן אונזער שרעק דורך ווילדער לוסטיקייט.

13 פעבר. נישט געקוקט אויף אונזער דאגות, האָבן מיר ביינאַכט גוט געשלאָפן. אַפילו איך האָב אויך גוט געשלאָפן, כאָטש די אומרוהיקייט האָט מיך אָפט אַרויסגעטריבן אין דרויסן, וואו איך האָב געזען, ווי דער הימל פאַרוואָלקנט זיך און ס׳הויבט אָן צו שנייען. ערשט אַרום האַלב ניין אַ זייגער האָבן מיר זיך געקאָנט עטוואָס אָריענטירן. ניין אַ זייגער האָבן מיר געטרונקען טיי, אָבער נאָר מיט סוכאַרעס, ווייל דאָס ביסל פעמיקאַן האָבן מיר באַהאַלטן אויף נאָך איין קנאַפן מאָלצייט. דאַן האָבן מיר זיך געלאָזן גיין האַסטיק אין אַ שרעקלאַכן תהו-ובהו פון צעבראָכענע אייז-מאַסן. אין אַ שעה אַרום האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף די שמוציקע רעשטלאַך פון אַן אַלטן גלעטשער. פון דאַנען ווייטער איז שוין דער וועג געווען בעסער. ס׳איז נאָך געהאָנגען אין דער לופטן אַ געדיכטער נעבל. אָבער אָט האָט עוואַנס אַ געשריי

געטאָן: ער האָט, דאַכט זיך, דערזען אונזער דעפאָ. דאָס איז אָבער בלויז געווען אַ שאָטן אויפן אייז. ערשט שפּעטער האָט ווילסאָן באמת אַנטדעקט אונזער דעפּאָ.

בעכטיקער טאָג האָט אונז געבראַכט די ערגסטע דערפאַרונגען אויף אונזער נסיעה און מיר אַלע האָבן אָנגעהויבן צו שפּירן אַן אימה פאַר דער אומזיכערקייט פון אונזער לאַגע. איצט איז אָבער שוין ווידער גוט. אין דער צוקונפט וועלן מיר מוזן קאַרגן און זיין אויסגערעכנט אַזוי, אַז מיר זאָלן ווידעראַמאָל נישט אַריינפאַלן אין אַזאַ נויט, ווען דאָס שלעכטע וועטער וועט אונז פאַרהאַלטן אין וועג אַ טאָג לייגער.—בויער און ווילסאָן—ביידע האָבן געהאַט אַ שווערן פאַל פון שניי-בלינדקייט. עוואַנס ליידט זייער און איז שרעקלאַך שוואַך. ביי דער לאַגער-אַרבעט קאָן ער גאָרנישט העלפן.

14 פעבר. ס׳איז אַ שרעקלאַכער פאַקט, אָבער מיר מוזן אים מודה זיין. מיר קאָנען נישט מאַרשירן ווי געהעריק. ווי עס שיינט, זיינען מיר שוין אַלע רעכט מיד. ווילסאָנס פוס איז נאָך קראַנק און ער קאָן מער נישט גיין אויף פוסשליטעלאַך. דאָס ערגסטע איז אָבער מיט עוואַנסן. היינט אינדערפרי האָט ער פּלוצלונג אַנטדעקט אַ שרעקלאַכע וואונד אויף זיין פוס און אין וועג האָבן מיר שטענדיק געמוזט אים העלפן. דאָס קאָסט צייט, וועלכע מיר מוזן קאַרגן. ער איז הונגעריק און ווילסאָן אויך. אָבער מיר טאָרן זיך נישט דערוועגן צו געבן גרעסערע פּאָרציעס. דער קיכער בין איך איצט, און אָט דערלאַנג איך תמיד צום טיש אַ קלענערע פּאָרציע. מיר זיינען שלאָף און לאַנגזאַם ביי דער אַרבעט אויפ-צעשטעלן דעם לאַגער,—ס׳גייט אונז אַוועק מער צייט. היינט אין אָוונט האָב איך אַלעמען געטרייסט, אַז מען דאַרף האָפן, אַז אונזער לאַגע וועט זיך בעסערן. צו אונזער גלעטשער-דעפאָ האָבן מיר נאָך 55 קילאָמעטער און שפּייז האָבן מיר אויף דריי טעג.

15 פעברואַר. מיר האָבן היינט געהאַט אַ שווערן מאַרש. מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען 26 קילאָמעטער, אָבער מיר ווייסן נאָך נישט, ווי ווייט מיר זיינען פון דעפּאָ. היינט נאָכמיטאָגצייט האָט

מען לאַנג נישט געקאָנט זען די אַרומיקע אייזשטחים. מיר האָבן פאַרקלענערט אונזערע פּאָרציעס, פאַרקירצט די צייט פון שלאָף און מיר פילן זיך אָן כוח. שפעטסטנס אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר קומען צו אונזער דעפאָ. איך האָב אַזוי באַשטימט. מיר האָבן נישט קיין אַנדער זאַך אין זינען. אונזער מח קאָן גאָר קיין אַנדער געדאַנק נישט אויפכאַפן.

16 פעבר. מיר זיינען שרעקלאַך אויפגערעגט. עוואַנס שיינט צו זיין פון זינען אַראָפ! דער שטענדיק קלוגער און באַוואוסטזיניקער מאַן איז אינגאַנצן פאַרענדערט געוואָרן. היינט האָט ער אונז צוויי מאָל געהייסן זיך אָפשטעלן צוליב עפּיס אַ לעכערלאַכן אויסרייד! מיר לעבן מיט אַ קנאַפער פּאָרציע און ביז מאָרגן אָוונט מוזן אונז קלעקן לעבנסמיטלען! ביזן דעפאָ האָבן מיר העכסטנס 18 אָדער 22 קילאָמעטער. אָבער דאָס וועטער איז געגן אונז. נאָכן צווייטן פרישטיק זיינען מיר איינגעהילט געוואָרן אין שניי און מען האָט קוים געקאָנט זען די אַרומיקע אייזשטחים. אַזעלכע געשעענישן, ווי היינט וועלן מיר אין אונזער לעבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אפשר וועט נאָך אַלץ גוט זיין, אויב מיר זאָלן מאָרגן פרי קומען צום דעפאָ. אָבער וואָס טוט מען מיט אַ קראַנקן מאַן ביי אונז? — — — מיר האָבן געציילטע מינוטן צום שלאָפן. איך קאָן נישט מער שרייבן...

17 פעבר. אַ גרויזאַמער טאָג! עוואַנס האָט אין דערנאַכט גוט געשלאָפן און אין דעפרי האָט ער אויסגעזען בעסער, ווי שטענדיק, האָט ער פאַרזיכערט, אַז עס גייט אים זייער גוט. ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין שליטן און איז מיט אונז אַרויס אין וועג. אָבער אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט האַלטן און מען האָט אים געמוזט אויסטאָן די פוסשליטעלאַך. דער באָדן איז געווען שרעקלאַך. דער איינגעפאַלענער ווייכער שניי האָט זיך צוגעקלעבט צו די פיס און צו די שליטנס, דער הימל איז באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס און מיר האָבן געמוזט זיך אָפשטעלן, ווייל מיר האָבן פאַרלאָרן די געגנט פון די אויגן. אַ האַלבע שעה האָבן מיר גערוט און עוואַנס איז אַ ביסל געקומען צו די כוחות. אַ האַלבע שעה שפעטער האָט ער ווידער אָנ-

געהויבן אָפּצעשטיין און געבעטן בויערן, ער זאָל אים געבן אַ פּאָדעס, כּדי ער זאָל קאָנען גיין לאַנגזאַמער און גלייכצייטיק זיין פאַרבונדן מיט אונז דורכן פּאָדעס. איך האָב אים געראַטן צו גיין געשווינדער, און ער האָט עס מיר צוגעזאָגט, דאַכט זיך, מיט אַ פרייליכער שטים. אַז מיר זיינען געקומען צום מאָנומענט-פעלז, האָבן מיר עוואַנסן געזען זייער ווייט פון אונז. איך האָב דעריבער געלאָזט אויפשטעלן דאָ דעם לאַגער.

תּחלת זיינען מיר גאָרנישט געווען אומרוהיק. מיר האָבן אויפגעקאָכט טיי און זיך געזעצט עסן. אָבער ווען מיר האָבן דערזען, אַז עוואַנס איז נאָך אַלץ נישטאָ, זיינען מיר שטאַרק אומרוהיק געוואָרן און געלאָזט זיך לויפן צו אים אויף פּוסשליטעלאַך. איך האָב מיך דער ערשטער דערנענט צו אים און בין אַ פאַרציטערטער געוואָרן: מיט אויפגעריסענע מלבושים איז ער געלעגן אויף די קני, די הענט נאַקעט און פאַרפראָרן און מיט אַ ווילדן בליק אין די אויגן. ווען איך האָב אים געפרעגט, וואָס אים פעלט, האָט ער קוים-קוים געענטפערט, אַז ער ווייס אַליין נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. משמעות, אַז ער האָט פריער געחלשט. מיר האָבן אים אויפגעהויבן אָבער ביי אַ צוויי-דריי טריט ווייטער איז ער ווידער אומגעפאַלן אויפן שניי און האָט אַרויסגעוויזן אַלע סימנים, אַז ער ענדיקט זיך. ווילסאָן, בויער און איך זיינען אַוועקגעלאָפן נאָכן שליטן, דייטש איז פאַרבליבן נעבן אים. ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, איז ער געלעגן אָן באַוואוסטזיין. אין לאַגער האָבן מיר אים געבראַכט אַ פאַרחלשטן.

ער איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. אַרום האַלב איינס אין דערנאַכט איז ער געשטאָרבן. ס'איז פּשוט אַן אימה צו פאַרלירן אויף אַזאַ אופן אַ חבר! אָבער ביי אַ רוהיקן נאָכדיינקן האָבן מיר זיך געמוזט זאָגן, אַז נאָך די לעצטע וואָכן פון געוואַלטיקער אויפרעגונג און יסורים איז נאָך אַ גליק, אַז ער האָט אַזוי געענדיקט. פאַר אונז, ווידער, צו גיין ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, מיט אַזאַ שווערן חולה איז אַזוי גוט ווי נעמען אויף

אונז אַלעמען דעם טויט.

נאָך איינס ביינאַכט האָבן מיר זיך איינגעפּאַקט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר זיינען אַריבער דעם באַרג פון געפרעסטן אייז און געפונען אָן מי אונזער גלעטשער-דעפאָ.

# די לעצטע מאַרשן.

זונטאָג, 18 פעבר. 1912. נאָך דער אימהדיקער נאַכט האָבן מיר זיך אויסגעשלאָפן אַ שעה פינף אונטערן גלעטשער-דעפּאָ און היינט דריי אַ זייגער זיינען מיר געקומען אין אונזער שלאַכט-לאַגער. דאָ האָבן מיר געפונען אַ רייכן זאַפּאַס פון פערדנפלייש און מיר האָבן געהאַט אַ גוטע וועטשערע. פון איצט אָן ברויכן מיר שוין נישט אַזוי צו קאַרגן, פאַרשטייט זיך, אויב מיר זאָלן נאָר גיין כּסדר אָן שטערונג. מיט דער גוטער שפּייזונג האָבן מיר כּמעט אַלע תּיכּף אויפגעלעבט פון דאָסניי. אָבער דער נאָענטער וועג האָט מיך דאָך שטאַרק באַאומרוהיקט.

19 פעבר. היינט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג שוין נאָכמי-טאָגצייט. מיר האָבן געמוזט טוישן דעם שליטן און מיטנעמען יענעם, וואָס מיר האָבן געפונען אין דעפּאָ, באַזאָרגן דעם שליטן מיט אַ זעגל, איינפּאַקן דאָס פלייש און אַנדערע זאַכן. דער וועג איז געווען אַזוי שלעכט, ווי איך האָב זיך געשראָקן: ווייכער, זאַמדיקער שניי אונטער אַ וואַרימער זון. נאָך אַ קורצן מאַרש האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אונזערע פריערדיקע שפּורן. אָבער מער ווי ניין קילאָמעטער זיינען מיר היינט נישט אַדורכ-געגאַנגען!

מיר האָבן היינט געמוזט שלעפּן דעם שליטן מיט גרויס אָנ-שטריינגונג. ווען דאָס זאָל כאָטש ווייטער נישט גיין אַזוי! בכלל אָבער איז אונזער לאַגע בעסער געוואָרן. אונזערע שלאָפזעק טרי-קענען זיך שוין אַדורך אויף דער זון, און—דער עיקר—מיר האָבן

ווידער אַ פולע פּאָרציע שפּייז. היינט אין אָוונט האָבן מיר גע-האַט אַ געבראָטנס פון פּעמיקאַן און פערדן-פלייש. אַזאַ וואַרעמס עסן האָבן מיר נאָך נישט געהאַט אויף אונזער גאַנצער נסיעה פון פּאָל!

20 פעבר. ווידער דערזעלבער שרעקלאַכער וועג. פיר שעה צייט האָבן מיר זיך געשלעפּט מיט גרויסע יסורים. ענדלאַך זיינען מיר געקומען אין אונזער פריערדיקן לאַגער, וואו מיר זיינען, אויף דער נסיעה צום פּאָל, אָפּגעשטאַנען פיר טעג. מיר האָבן דאָ געזוכט נאָך פערדן-פלייש, אָבער מיר האָבן נישט געפונען. דורכגעגאַנגען זיינען מיר היינט סך הכל דרייצען קילאָמעטער און מיר האָבן שוין ווידער אַ וועג-צייכן הינטער זיך. ס'גייט אָבער צו לאַנגזאַם! מיר אַרבעטן שוין נישט מער מיט די אַמאָליקע כוחות, און דער ווינטער איז נאָנט!

21 פעבר. היינט איז געווען פאַרוואָלקנט און פינסטער, ווען מיר זיינען אַרויס אין וועג, אָבער פיל וואַרימער. מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג שרעקלאַך שווער געאַרבעט און זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ טיפע מרא-שחורה. אונזערע איינציקע טרייסט-מינוטן זיינען גע-ווען, ווען מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אונזערע שפּורן.

דאָ איז נאָר אַ צרה מיט די וועג-צייכנס. געפינען מיר זיי, האַלטן מיר זיך ביים ריכטיקן וועג און מיט אַ ביסל גליק קאָ-נען מיר זיך דערהאַלטן אויף אים. אָבער אַלץ הייגט אָפּ פון וועטער. אויף קיין שום מאַרש האָבן מיר נאָך נישט געהאַט אַדורכצעמאַכן 16 קילאָמעטער מיט אַזוי פיל מי, ווי היינט! אַזוי ווייטער גיין טאָר עס בשום אופן נישט!

22 פעבר. ס'איז אַ פאַרשאָלטענע אומגליקלאַכע צייט, אין וועלכע מיר גייען צוריק אַהיים. דער נאָנטער ווינטער קאָן נאָך באַ-שווערן אונזער נסיעה צוריק און עס ווערט פשוט געפערלאַך. היינט אינדערפרי האָט געבלאָזן אַ פרישער דרום-מזרח-ווינט מיט שניי און מיר האָבן תיכף פאַרלאָרן די שפּורן. קיין וועג-צייכן האָט זיך אויך נישט באַוויזן. נאָכמיטאָגצייט האָט בויער געענ-דערט די ריכטונג פון אונזער מאַרש, ווייל מיר האָבן זיך צו-

פיל פאַרנומען צום מערב, די מאַפּע, פאַרקערט, האָט באַוויזן, אַז מיר גייען צו ווייט צום מזרח! ביי אַ קלאָרן וועטער וואָלטן מיר דעם פעלער קוים באַמערקט. צי קאָן זיך אַזאַ פעלער אי־בערחזרן יעדן טאָג? ס׳איז אַ ביטערער עסק!

23 פעבר. ביי אַ ליכטיקן זון־טאָג זיינען מיר אַרויס אין וועג, און דער ווינט האָט זיך געהאַט געלייגט. צום גליק, האָט בויער מיט זיינע אויסטערליש־שאַרפע אויגן אַנטדעקט אַ וועג־צייכן. נאָכמיטאָגצייט האָבן מיר געפונען אַ צווייטן, פאַרבייגעגאַנגען אים און זיך אָפּגעשטעלט אויף לאַגער פינפטאַלבן קילאָמעטער פאַרן דעפּאָ. געזען האָבן מיר אים אַפילו נאָך נישט, אָבער ביי אַ גוט וועטער וועלן מיר אים לייכט געפינען. מיר האָבן דערי־בער זיך געשפּירט אַלע זייער פאַרלייכטערט. אין זיבן שעה זיי־נען מיר אַדורכגעגאַנגען 15 קילאָמעטער, מיר קאָנען, אַלזאָ, אי־בער אַזאַ באָדן לייכט אַדורכגיין 18—22 קילאָמעטער. די אויס־זיכטן זיינען ווידער בעסער. פון דאַנען אַהיים וועלן מיר שוין מער קיין וועג־צייכנס נישט פאַרפעלן.

24 פעבר. אַ וואונדערשיינער טאָג—צו־שיין—אַ שעה נאָך אונזער אַרויסגאַנג האָט דער געשמאָלצענער שניי אינגאַנצן פאַרדאָרבן דעם וועג. מיר זיינען געקומען צום דעפּאָ פאַרמיטאָגצייט און געפינען די זאַפּאַסן אין אַ גוטער אָרדנונג, אָבער צו־ווייניק איי ל. מען וועט מוזן אָנהויבן קאַרגן מיט ברענמאַטעריאַל. פּראָ־וויאַנט האָבן מיר אויף צען טעג נאָך ביזן נאָענטן דעפּאָ, וואָס געפינט זיך 130 קילאָמעטער ווייט פון אונז. ס׳איז אַלזאָ נישטאָ וואָס צו זאָרגן. דער אָרימער ווילסאָן ליידט נעבאָך שטאַרק פון שניי־בלינדקייט. אָ, ווען מיר זאָלן נאָר האָבן גענוג אייל!

•

אין אָוונט. איך פיל מיך עפּיס מוטלאָז. מיר האָבן היינט נאָכמי־טאָג געהאַט אַ שווערהאַפּטן וועג און מיר זיינען דורכגעגאַנגען בלויז אַכטאַלבן קילאָמעטער לויט אונזערע שפּורן. דאָס שלעפּן דעם שליטן איז איבער אונזערע כּוחות, און ווייטער קאָן עס אַזוי נישט גיין. דער זומער ענדיקט זיך דאָסמאָל צו־געשווינד. פאַר אונז איז דאָס דאָס גרעסטע אומגליק! ס׳וועט זיך אָנהויבן

אַ קאַמף צווישן דעם שווערן וועטער און אונזערע לעבנסמיטלען.

26 פעבר. ביים אַרויסגיין אין וועג אַריין — אַ פּאַרוואָלקנטער הימל. פונדעסטוועגן האָבן מיר געקאָנט זיך האַלטן אויף אונזערע שפּורן און דייטלאַך דערקענען אין מרחק דעם גאַנצן וועג-צייכן. היינט איז אונז געגאַנגען אַ ביסל בעסער. מיר האָבן אַדורכגעמאַכט 22 קילאָמעטער. בויער און ווילסאָן זיינען געגאַנגען פאָרויס. פאַר מיר הייסט עס פשוט זיך אָפּרוען, ווען איך גיי פון הינטן און באַדאַרף אָנשטרייגען מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צו געפינען די שפּורן. מיר האָבן איצט קאַלטע נעכט, און אין דערפרי, ביים אַרויסגיין אין וועג, זיינען אונז די פיס געפראָרן, ווייל די שיך זיינען נאָך נישט טרוקן. מיר מוזן עסן נאָך בעסער, באַזונדערס וואָס מער פעטס. מען דאַרף האָפן, אַז אין 80 קילאָמעטער אַרום וועלן מיר געפינען אין דעפּאָ זאַפּאַסן אַזויפיל, אַז מיר וועלן קאָנען אָנהויבן בעסער צו עסן. דער קנאַפּער זאַפּאַס אייל פאַרשאַפט מיר גרויס עגמת נפש!

27 פעבר. די לעצטע נאַכט איז געווען מוראדיק קאַלט: גאַנצע 36 גראַד פראָסט האָבן מיר געהאַט, בשעת מיר זיינען אויפגעשטאַנען. מיר מוזן דורכויס בעסער עסן. אונזער שמועס דרייט זיך איצט שטענדיק בלויז וועגן דער אכילה.

די אייזשטחים פאַרשווינדן אונז פון די אויגן. זאָל נאָר גאָט געבן, עס זאָל נישט ווערן ערגער. מיר ריידן נאַטירלאַך וועגן דער מעגלאַכקייט צו טרעפן די הינט-אָפּטיילונג. אפשר וועלן מיר ביים נאָנטסטן לאַגער שוין זיין עטוואָס געזיכערטער? ביזן לאַגער האָבן מיר בלויז 57 קילאָמעטער און דערביי האָבן מיר נאָך אויף זעקס טעג פּראָוויאַנט און בשעת הדחק אויף דריי טעג ברענאייל. אונזער לאַגע הויבט אָן ווערן בעסער. פון מאָרגן אין אָוונט וועלן מיר שוין קאָנען עסן בעסער.

28 פעבר. היינט אין דערפרי זיינען מיר אַרויס אין וועג ביי אַ לייכטן צפון-מערב-ווינט, אָבער דער פראָסט האָט אונז ממש פּאַראַליזירט — 35 מיט אַ האַלבן גראַד! מיר האָבן היינט געהאַט קאַלטע פיס. מיר זיינען אָבער פריער אַרויס אין וועג און וועלן

אויך פריער קומען צום נאַכטלאַגער. אפשר וועלן מיר היינט באַקומען עפּיס אַ בשורה-טובה פון דערהיים. כּל זמן אָבער מיר זיינען נישט אין דעפּאָ, איז די לאַגע ערנסט, און וואָס מער איך טראַכט וועגן איר, אַלץ מער ווערט זי קלאָר פאַר מיר, אַז אויך נאָכן אָנקומען אין דעפּאָ, וועט זי זיך נישט פאַרבעסערן. איין זאַך איז קלאָר: די מיטלסטע אייז-גרענעץ איז אַן אמתער כּף-הקלע!

29 פעברואַר. אַן אימהדיקע קעלט ביים אַרויסטרעטן אין וועג אַריין. מיר האָבן זיך געהאַט צוגעגרייט צו אַ ביטערן מאַרש, און תּחילת איז טאַקי אַזוי געווען—דאַן איז אָבער בעסער געוואָרן און נאָך אַ מאַרש פון זעקס מיט אַ האַלבער שעה האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביים פריערדיקן פרישטיק-לאַגער. דער נאָענטסטער לאַ-גער וועט זיין ביי אונזער דעפּאָ, וועלכער איז ווייט פון אונז געננוי 24 קילאָמעטער. הלואי האָבן מיר נאָך איין שיינעם טאָג! אייל וועט אונז קלעקן ביז דאָרט און מיר וועלן קומען אַהין מיט לעבנסמיטלען נאָך אויף דריי טעג. דאָס, וואָס מיר האָבן באַקומען אַ גרעסערע פּאָרציע, האָט געמאַכט אויף אונז אַן אויס-געצייכנטע ווירקונג.

1 מערץ. 8 אַ זייגער זיינען מיר אַרויסגעטראָטן אין וועג און זיינען געקומען צו אַן אָרט, פון וועלכן מיר האָבן דערזען פלאַ-טערן די פאָן פון אונזער דעפּאָ. נעכטן איז די אַרבעט, צו שלעפּן דעם שליטן, געווען אַ מערדערישע, היינט איז זי געווען נאָך מער מערדעריש! דאָס וועטער איז וואונדערשיין, דער הימל איז ריין, אָן וואָלקנס סיי ביי טאָג, סיי ביינאַכט, דער ווינט איז אַ קליינער. אָבער צו אונזער שלאַק בלאָזט דער ווינט נישט פון דרום, נאָר פון צפון, אַלזאָ אונז אין פּנים אַריין און נעמט אונז דורך די ביינער.

2 מערץ. אַן אומגליק קומט זעלטן אַליין. מיר האָבן נעכטן נאָכ-מיטאָגצייט מאַרשירט גאַנץ באַקוועם צום דעפּאָ, און אָט האָבן אונז געטראָפן דריי שרעקלאַכע קלעפּ, וועלכע האָבן צו נישט געמאַכט אַלע מיינע האָפענונגען. ערשטנס, האָבן מיר אין דעפּאָ געפינען צו ווייניק אייל, אַפילו ביי דער שטרייַנגסטער שפּאָר-

זאַמקייט וועט עס אונז קוים קלעקן אויף די 130 קילאָמעטער
ביזן גאָנטסטן דעפּאָ. צווייטנס, האָט דייטש אונז באַוויזן זיינע פיס:
די פינגער פון די פיס זיינען אים אָפּגעפראָרן, און דריטנס, זיי-
נען די פרעסט: ביינאַכט האָבן מיר געהאַט אַ פראָסט פון 40
גראַד און היינט אין דערפרי האָבן מיר געמוזט פאַרברייננגען
אָנדערטאַלבן שעה, צו טוישן אונזער באַשוכֿונג. פונדעסטוועגן
זיינען מיר אַרויס אין וועג פאַר אַכֿט אַ זייגער. אָבער אָט האָבן
מיר פאַרלאָרן די שפּורן פון וועג און די וועגצייכנס. דאָס ער-
גסטע איז אָבער, וואָס דער וועג איז געוואָרן גאָר אַן אוממעגלאַ-
כֿער. נישט געקוקט אויפן שטאַרקן ווינט און דעם אָנגעצויגענעם
זעגל, זיינען מיר דורכגעגאַנגען נאָר צען קילאָמעטער. מיר קאָ-
נען נישט אַדורכמאַכֿן דעם אומבאַדינגט נויטיקן מהלך טעגלאַך
און מיר ליידן שרעקלאַך פון דער קעלט!

# אַ העלדישער קרבן.

זונטאָג, 3 מערץ 1912. מיר האָבן נעכטן געפונען אונזערע אַל־טע שפורן און זיינען אַדורכגעגאַנגען 18 קילאָמעטער. אָבער היינט איז פראָסט פאַרצווייפלט צו ווערן! נאָכדעם ווי מיר זיי־נען געגאַנגען אַ שעה צייט מיט אַ גינסטיקן ווינט, איז דער וועג געוואָרן גאָר גרויליך. דער ווינט און די גאַנצע וועלט האָט אַרום אונז זיך געדרייט און נאָך אַ מאַרש פון פינף מיט אַ האַלבער שעה, האָבן מיר געמוזט זיך אָפּשטעלן. דורכגעגאַנגען זיינען מיר סך הכל ניין מיט אַ האַלבן קילאָמעטער! שולדיק דערין זיינען מיר געוויס נישט, דען מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט, אָבער דער וועג מיט זיין קלעבעדיקן שניי האָט אונז פעסטגעהאַלטן, און אָפט איז דער שטורם געווען אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבן דעם שליטן נישט געקאָנט ריירן פון אָרט. זאָל גאָט אויף אונז רחמנות האָבן! אַזעלכע אָנשטריינגונגען זיינען נישט פאַר אונזערע כוחות. קיינער פון אונז גלויבט עס נאָך נישט. קיינער רעדט נישט קיין וואָרט וועגן דעם, אָבער אין הערצן טראָגן מיר טרויעריקע ספקות און ס'איז לייכט זיך פאָר־צושטעלן וואָסערע...

4 מערץ. ווי שטענדיק האָבן מיר נעכטן אין אָוונט פאַרגעסן אין אַלע אונזערע דאגות און זיינען געשווינד אַריינגעקראָכן אין די שלאָפזעק. נאָך אַ זאַטן עסן האָבן מיר אויסגעצייכנט געשלאָפן. היינט אין דערפרי האָבן מיר ווידער צו זאַט געגעסן און זיינען אַרויס אין וועג. דעם גאַנצן פרימאָרגן האָבן מיר אַלע אונזערע

כוחות אָנגעשטרענגט און זײַנען מיט צרות דורכגעגאַנגען קוים זיבן און אַ האַלבן קילאָמעטער! אונזער אײנציקע האָפענונג איז — אַ שטאַרקער טרוקענער ווינט, אָבער אין דער צײַט פון יאָר?! צום באַנטסטן דערפאַ האָבן מיר נאָך 78 קילאָמעטער. לעבנסמיטלען האָבן מיר נאָך אויף אַ וואָך, אָבער אײל נאָר אויף 3—4 טעג! אויסקומען טעגלאַך אָן וואַרימע אכילות וואָלט געהײסן נעמען אויף זיך צו גײן דעם טויט! אײן מעגלעכקײט פאַר אונזער רעטונג איז נאָך פאַראַן: מיר זאָלן אין נאָנטסטן דערפאַ געפינען געווער אײל, ווי וועט אָבער זײַן, ווען מיר וועלן דאָרט געפינען צו ווייניק? און צי וועלן מיר בכלל גאָר קומען אַהינצו? איך וואָלט שוין לאַנג פאַרצווייפלט, ווען נישט דער העלדישער מוט פון בויערן און ווילסאָנען.

5 מערץ. דײַטשעס פיס זײַנען יאָמערלאַכע. דער אָרימענקער דײַטש הינקט נעבעך שרעקלאַך. הײַנט פרי זײַנען מיר 5 שעה לאַנג געגאַנגען. דער וועג איז געווען אַ ביסל בעסער. דער שליטן איז צוויי מאָל אומגעפאַלן. מיר האָבן אים געשלעפט אָן פוסשליטלאַך און זײַנען אַדורכגעגאַנגען צען קילאָמעטער. נאָך צוויי פערדמאַרשן מיט זיבן קילאָמעטער ביז אונזער דערפאַ. אונזער ברענמאַטעריאַל ווערט שרעקלאַך קנאַפ, און דער אָרימער דײַטש איז שוין כמעט אָן כוחות. מיר אָבער, קאָנען פאַר אים גאָר נישט טאָן! פון אונז דרײַען לײַדט ווילסאָן אַמשווערסטן, באַזונדערס צוליב דער געוואַלטיקער מסירת-נפש, מיט וועלכער ער באַהאַנדלט דײַטשן. מיר קאָנען אײנע די אַנדערע נישט העלפן, ווײַל יעדער פון אונז האָט גענוג צו טאָן מיט זיך אַלײן. מיר קאָנען זאָגן נאָר אײן זאַך: „זאָל אונז גאָט העלפן”. מיר פרירן און שלעפן זיך מיט די לעצטע כוחות און בעת-מעשה פאַרשטײען מיר, אַז מיר גײען צו לאַנגזאַם. אָבער ווען מיר קומען ענדלאַך אַרײַן אין אונזער געצעלט, ווײַזן מיר אויס אַלע צו זײַן מונטער און גוט אויפגעלײגט און מיר רײדן וועגן אַלערלײ זאַכן. וועגן עסן רײדן מיר זײער ווייניק, זינט מיר האָבן באַשלאָסן צו עסן אַ פולע פאָרציע. הונגעריקע, וואָלטן מיר פשוט נישט געקאָנט גײן פאָרויס. ס'איז אַ געפערלאַך שפּיל, אָבער מיר וועלן

עס פירן ביזן סוף גוטמוטיק געשטימט.

6 מערץ. היינט אין דערפרי איז געווען גאָרנישט אויסצוהאַלטן! ביינאַכט איז געוואָרן וואַרים און צום ערשטן מאָל אויף דער גאַנצער נסיעה האָב איך זיך פאַרשלאָפן העכער, ווי אויף אַ שעה. דאַן זיינען מיר אַרויס אין וועג, אָנשטרייגנדיק אַלע אונזערע כוחות. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַרן לעבן און דאָך האָבן מיר קוים-קוים דורכגעמאַכט צוויי קילאָמעטער אין אַ שעה. דריי מאָל האָבן מיר געמוזט זיך אויסשפאַנען, כדי צו גיין זוכן די אַלטע שפורן. דער אָרימער דייטש איז דערווייל געזעסן אויפן שליטן, וועלכן ער קאָן שוין נישט שלעפן, משמעות, ער ליידט שרעקלאַכע ווייטאָקן פון די פיס, און דאָך איז ער זייער מוטיק. ער קלאָגט זיך קיינמאָל נישט, אָבער זיין פריילאַכקייט באַווייזט זיך נאָר דאַן, ווען מיר זיינען אין וועג. אין געצעלט זיצט ער שטיל פאַרטראַכט. ווען מיר וואָלטן טעגלאַך דורכגעגאַנגען זיבן מיט אַ האַלבן קילאָמעטער, וואָלטן מיר אפשר געקומען צום דעפאָ, ווען אונזער אייל וועט זיך האָבן געענדיקט. איצט קאָן אונז העלפן נאָר אַ שטאַרקער ווינט און אַ גוטער וועג. ווען מיר וואָלטן אַלע געזונט געווען, וואָלטן מיר געקאָנט נאָך האָפן, אָבער דער אָרימער דייטש איז פאַר אונז געוואָרן אַ שרעקלאַכע שטערונג אין גאַנג.

7 מערץ. מיט דייטשן גייט עס זייער שלעכט. כ׳קאָן מיך פשוט נישט אָפּחדושן, קוקנדיק אויף זיין העלדישקייט. מיר האַלטן אין איין שמועסן, וואָס מיר וועלן פאַרנעמען אין דעפאָ און וואָס מיר וועלן זיך דערוויסן, ווען מיר וועלן קומען אַהיים. נעכטן זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען נאָר צוועלף קילאָמעטער. היינט אין דערפרי זיינען מיר אין פינף מיט אַ האַלבער שעה אַדורכגעגאַנגען אַכט מיט אַ האַלבן קילאָמעטער. אונז איז געבליבן נאָך דרייסיק קילאָמעטער צום דעפאָ. אויב מיר זאָלן דאָרט געפונען גענוג זאַפאַסן און דער וועג זאָל בלייבן אַזוי, ווי ער איז איצט, וועלן מיר זיך נאָך אַדורכשלאָגן צו דעם נאָנטסטן דעפאָ, אָבער נישט צום איין-טאָנען-לאַגער. דער אָרימער דייטש האַלט באַנט צום קריזיס. די זון שטראַלט,—די שפורן און וועג-צייכנס זעען

זיך פון דערווייטן.—ווער פון אונז וועט דערקריכן צום לעצטן פון זיי!...

8 מערץ. איך מוז איצט אין דערפרי וואַרטן, לפּחות, אַ גאַנצע שעה, איידער איך קאָן טוישן די נאַכטשטיוול און דאָך בין איך פריער פאַר אַלעמען פאַרטיק מיט מיין אַרבעט. אויך ווילסאָנס פיס ווערן ערגער, ווייל ער לויפט אַרום צו פיל, כדי צו העלפן אַנדערע. פון דעפּאָ זיינען מיר נאָך 16 קילאָמעטער ווייט—אַ לעכערלאַך קליינער מהלך! אָבער איצט מוזן מיר שוין אָנשטריינגען אונזער גאַנצע ענערגיע, כדי דורכצעגיין כאָטש אַ העלפט פון אונזערע פריערדיקע מאַרשן. און ס'פרעגט זיך קודם-כּל: וואָס וועלן מיר געפינען אין דעפּאָ? אויב די הינט האָבן געבראַכט אַהין אייל, קאָנען מיר גיין אַ געוויסן מהלך.—ווי וועט אָבער זיין, ווען מיר וועלן דאָרט ווידער געפינען ווייניק אייל? גאָט זאָל זיך דערבאַרימען איבער אונז!

זונטאָג, 10 מערץ. דייטש האָט היינט, אין דערפרי געפרעגט ביי ווילסאָנען, צי ער האָט נאָך אַ האָפנונג געזונט צו ווערן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ווילסאָן האָט געמוזט ענטפערן, אַז עס איז פאַראַן אַ האָפנונג. אין דער ווירקלאַכקייט אָבער איז עס אוממעגלאַך. אָבער צי האָבן מיר אַלע אַ האָפנונג זיך אַדורכצערייסן? אין בעסטן פאַל קאָנען מיר נאָך אַ געוויסע צייט פירן אַ הינטיש לעבן, אָבער נישט לאַנג. אונזערע מלבושים זיינען אַזוי באַדעקט מיט אייז, אַז מיר קאָנען זיי קוים-קוים אויסטאָן און צוריק אָנטאָן, און דער אָרימענקער דייטש האַלט אונז נאָך אויף יעדן פרימאָרגן אַזוי לאַנג, אַז מיר פאַרלירן די וואַרימקייט פון פרישטיק, נאָך איידער מיר גייען אַרויס אין וועג אַריין. דער אָרימער מענטש! ס'איז טרויעריק מיט אים! און דאָך מוז מען אים שטענדיק אויפמונטערן.

נעכטן האָבן מיר דערגרייכט דעם דעפּאָ. אַ קאַלטע טרייסט! מיר האָבן דאָרט געפינען פון אַלץ, אָבער צו-קנאַפּ! שולדיק דערין איז אָבער קיינער נישט. די הינט וואָלטן געקאָנט זיין אונזער רעטונג. משמעות, אַז זיי זיינען נישטאָ. מייער האָט, אפּנים, געהאַט אַ שלעכטע נסיעה צוריק אַהיים. ס'גייט אַלץ אויף אַ יאָמער-

לאַכן אופן, קידער-ווידער!—היינט האָבן מיר געקאָנט גיין נאָר אַ האַלבע שעה: אַ שטורמווינט האָט אונז געצוואונגען ווידער אויפצעשטעלן דעם לאַגער.

11 מערץ. מיט דייטשן האַלט עס ביים סוף. וואָס וועלן מיר טאָן, וואָס וועלן מיר טאָן—ווייס איין גאָט אַליין. דייטש איז אַ העלדישער גוטער מענטש און ער פאַרשטייט זיין לאַגע קלאָר, אָבער ער פרעגט ביי אונז אַן עצה. וואָס קאָנען מיר אים ראַטן? מיר קאָנען נאָר בעטן, ער זאָל מאַרשירן פאָרויס מיט אַלע זיי-נע כוחות! מיר האָבן זיך בעראַטן און דאָס איז דער רעזולטאַט פון אונזער בעראַטונג: איך האָב געגעבן ווילסאָנען אַ באַפעל אויסצעטיילן יעדערן זיין פּאָרציע סם, כדי צו מאַכן אַ סוף מיט די יסורים, ווען מען וועט שוין מער נישט קאָנען אויסהאַלטן זיי. יעדער פון אונז האָט זיך זיינע דרייסיק שטיקלאַך אָפּיום. ווילסאָן האָט זיך גענומען אַ היבשע פּאָרציע מאָרפיום. אונזער שפּיל ענדיקט זיך טראַגיש.

העכסטנס קאָנען מיר היינט דורכגיין עלף קילאָמעטער אַ טאָג. פּראָוויאַנט האָבן מיר אויף זיבן טעג. פון היינט אין אָוונט האָבן מיר נאָך 102 קילאָמעטער ביזן איין-טאָנען-לאַגער. 11 מאָל 7 איז 77, אַלזאָ וועט אונז בלייבן צו מאַכן נאָך 25 קילאָמעטער.

12 מערץ. נעכטן זיינען מיר דורכגעגאַנגען עלף קילאָמעטער. היינט אין דערפרי אַכט מיט אַ האַלבן קילאָמעטער. נאָכמיטאָגצייט דאַרפן מיר דורכגיין נאָך זעקס מיט אַ האַלבן קילאָמעטער. מיר האָבן נאָך אַזויאַרום 78 קילאָמעטער צום דעפּאָ. דער וועג איז נאָך אַלץ שלעכט, דער פראָסט איז געוואַלטיק גרויס און מיט אונזע-רע כוחות גייט עס באַרג-אַראָפּ. זאָל גאָט אונז העלפן!

14 מערץ. אַלץ גייט שלעכט! נעכטן זיינען מיר אויפגעשטאַנען ביי אַ שטאַרקן ווינט מיט 38 גראַד פראָסט. מיר האָבן דעריבער געמוזט איבערבלייבן ביז צוויי בייטאָג אין לאַגער. דאַן זיינען מיר דורכגעגאַנגען ניין קילאָמעטער מיט אַ האַלבס. מיר וואָלטן גערן זיך געשלעפּט נאָך ווייטער, אָבער דער פראָסט איז געווען

צו-שטאַרק, און ווי לאַנג האָט עס געדויערט, איידער מיר זײַנען אין דער פֿינסטער פֿאַרטיק געוואָרן מיטן אָווּנטברויט!

הײַנט אין דערפֿרי זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן אין וועג מיט אַ לײַכטן דרום-ווינט מיט אַן אויפֿגעשטעלטן זעגל. אַזוי זײַנען מיר בײַ אַ גוטער שנעלקייט פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ וועגצייכן, ווען מיר האָבן לערך אַ האַלבן מאַרש שוין געהאַט אַדורכגעמאַכט, האָט דער ווינט זיך געביטן און אָנגעהויבן בלאָזן פֿון מערב, ער האָט אונדז אײַנגעגאַנצן אַדורכגענומען און האָט אַפֿילו אַרײַנגעדרונגען אין אונדזערע הענטשקעס. דער אָרימער ווילסאָן איז געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרפֿראָרן, אַז ער האָט אַפֿילו נישט געקאָנט אויסטאָן זײַנע פּוסשליטעלאַך. איך האָב צוזאַמען מיט בויערן געמוזט אַליין אויפֿשטעלן דעם לאַגער און ווען מיר זײַנען אַרײַן אין געצעלט, האָבן מיר אַלע געציטערט פֿון קעלט. צו מיטאָגצײַט האָבן מיר געהאַט 42 גראַד פֿראָסט. אונדזער סוף איז נאָענט. זאָל עס, לפּחות, זײַן אַ גנעדיקער סוף!... דער אָרימענקער דײַטש האָט זיך ווי־דעראַ פּוס אָפּגעפֿראָרן. ס'נעמט מיך אָן אימה, ווען איך דערמאָן זיך, ווי אַזוי ער וועט אויסזען מאָרגן.

שבת, 16 אָדער זונטאָג, 17 מערץ. איך ווייס שוין נישט גענוי, וואָס פֿאַר אַ דאַטע מיר האָבן. איך גלויב אָבער, אַז די לעצטע דאַטע איז די ריכטיקע.

אונדזער טראַגעדיע האַלט אין רעכטן גאַנג. אײַערנעכטן האָט דער אָרימער דײַטש דערקלערט, אַז ווײַטער גיין קאָן ער נישט, און האָט אונדז געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג איבערצולאָזן אים אויפֿן וועג אין זײַן שלאָפֿזאַק. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט וועגן דעם גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זײַן, און מיר האָבן געפֿועלט בײַ אים צו גיין מיט אונדז נאָך איין מאַרש ביזן אָוונט. דאָס האָט אים משמעות, פֿאַרשאַפֿט, געוואַלטיקע יסורים! אין דער נאַכט איז אים געוואָרן ערגער, און מיר האָבן געזען, אַז ס'האַלט מיט אים שוין גאָר בײַם סוף.

אויב מען וועט אָט דעם טאָגבוך געפֿינען, בעט איך, מען זאָל פֿאַרעפֿנטלעכן פֿאָלגנדיקע פֿאַקטן: דײַטשעס לעצטע געדאַנקען זײַנען געווען וועגן זײַן מוטער. אַ ווײַלע פֿריִער האָט ער גערעדט וועגן

זיינע חברים אין פּאָלק. מיט שטאָלץ האָט ער דערמאָנט, אַז זיי וועלן זיך פרייען, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, מיט וואָס פאַראַ פעסטן מוט ער האָט באַגעגנט דעם טויט. מיר דריי קאָנען עדות זאָגן, ווי העלדיש ער האָט זיך געהאַלטן. ער האָט וואָכנלאַנג געליטן שרעקלאַכע יסורים, אָבער נישט געקלאָגט, נישט גערעדט, און האָט זיך געמיט אונז צו העלפן מיט אַלץ, וואָס איז אים נאָר מעגלאַך געווען, ביזן לעצטן אָטעם. ער האָט ביז דער לעצטער מינוט נישט פאַרלאָרן די האָפנונג, ווייל ער האָט זי נישט געוואָלט פאַרלירן. דאָס איז געווען אַ העלדישע נשמה און אָט ווי אַזוי ער האָט געענדיקט: ער האָט זיך פאַר דער פאָריקער נאַכט געלייגט שלאָפן מיט דער האָפנונג, נישט אויפצעשטיין מער. אָבער ער איז נעכטן יאָ אויפגעשטאַנען! אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ שטורם-ווינט.

—איך וויל אַרויסגיין—האָט ער געזאָגט—מעגלאַך, אַז איך וועל אין דרויסן פאַרבלייבן עטוואָס לייגגער.

און ער איז אין שטורם-ווינט אַרויסגעגאַנגען — — — און מיר האָבן אים מער נישט געזען...

## דער סוף.

זונטאָג, 17 מערץ 1912. איך קאָן נאָר שטיקלאַכווייז שרייבן. דער פראָסט איז געוואַלטיק שטאַרק. מיטאָגצייט האַלט ער 40 גראַד. מײַנע חברים זײַנען מונטער, אָבער זיי קאָנען אַ ליאַדע מינוט דערפראָרן ווערן, און כאָטש מיר ריידן וועגן דעם שטענדיק, אַז מיר וועלן זיך נאָך אפשר אַדורכשלאָגן, גלויבט דאָך קיינער נישט אין דידאָזיקע ווערטער. נעכטן האָבן מיר, צוליב דעם שטורם, געמוזט בלײַבן אין לאַגער און הײַנט גייען מיר שרעקלאַך לאַנגזאַם. פון „איין-טאָנען-לאַגער" זײַנען מיר ווײַט סך הכל צוויי פערדן-מאַרשן. מיר לאָזן דאָ איבער אונזער טעאָדאָליט, ווי אויך ווילסאָנס מינעראַלאָגישע קאָלעקציע. מען וועט עס געפינען אויף אונזער שליטן אָדער נעבן אים.

18 מערץ. הײַנט זײַנען מיר, ביים צווייטן פרישטיק, ווײַט 39 קילאָמעטער פון דעפאָ. דאָס אומגליק גייט שטאַרק פאָרויס. נעכטן האָבן מיר ווידער געהאַט דעם ווינט געגן זיך און דער שניי האָט אונז געפאַטשט אין פנים אַרײַן. מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן בײַ אַ 37 גראַדיקן פראָסט. קיין מענטש אין דער וועלט וואָלט זיך נישט אונטערגענומען צו מאַרשירן אין אַזאַ וועטער וויטער און אונזערע כוחות זײַנען שוין גאָר אויסגעשעפּט. מיר פאַלן צוזאַמען ביסלאַכווייז. איך האָב מיר אַרײַנגעשאָטן אַ טייעלעפל קוריפולווער אין מײַן מאַגן, — דאָס האָט מיר פאַרשאַפט שרעקלאַכע יסורים. די גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן פון גרויסע יסורים און אויפן מאַרש האָב איך זיך געשפּירט גאָר

אָן כּוחות. מיין רעכטער פוס איז מיר אָפּגעפרוירן, און כ'האָב עס גאָר נישט באַמערקט. איין איינציקן אויגנבליק נאָר זאָל מען די פאָרזיכטיקייט פאַרזען,—און מען האָט אַ פוס, אַז עס איז אָן אימה אַ קוק צו טאָן דערויף. אין געזונט שטייט בויער נומער איינס. מיינע חברים גלויבן נאָך אַלץ, אַז מיר וועלן זיך אַדורכ־רייסן. מעגלאַך, אַז זיי מאַכן נאָר אַזאַ אָנשטעל. מיר האָבן אונ־זער אייל-מאַשינקע היינט צום לעצטן מאָל אָנגעגאָסן צו צושמעלצן אַ ביסל אייז, און ווייטער וועלן מיר אויסגיין פון דורשט... דער ווינט איז אין דעם מאָמענט גינסטיק,—אפשר וועט דאָס אונז העלפן. פון דעפּאָ זיינען מיר אויף אַזאַ קליינעם מהלך, אַז אויפן וועג צום פאַל איז עס געווען גאָר אַ קלייניקייט פאַר אונז.

19 מערץ. נעכטן אין אָוונט זיינען מיר כמעט גאָר פאַרפראָרן געוואָרן. צו דער וועטשערע האָבן מיר זיך אַ ביסל דערוואַרימט. די וועטשערע איז באַשטאַנען פון סוכאַרעס מיט קאַלטן פעמיקאַן און אַ האַלבע קענדל קאַקאָ. דערנאָך אָבער איז אונז פלוצלונג וואַרים געוואָרן און מיר האָבן אַלע גוט געשלאָפן. היינט זיינען מיר אַרויס אין וועג און מיר האָבן זיך געשלעפּט שריט-ביי-שריט, ווי אין אַלע לעצטע טעג. פון דעפּאָ זיינען מיר 29 קילאָמעטער ווייט. אין דריי טעג אַרום וואָלטן מיר געקאָנט קומען אַהין. שפּייז האָבן מיר נאָר אויף צוויי טעג און אונזער קאָך-מאַשינקע וועט קלעקן נאָר אויף איין טאָג. ווילסאָנס פיס האַלטן זיך גאָר נישקשהדיק. מיינע האַלטן זייער שלעכט, נאָר דער לינקער פוס האַלט נאָך גוט. אָבער ווי אַזוי זאָלן מיר שוינען אונזערע פיס, איידער מיר קומען צום דעפּאָ, וואו מיר קאָנען דערפרישן אונזערע כּוחות?

21 מערץ. מאָנטאָג אין אָוונט האָבן מיר זיך געפונען 20 קילאָ־מעטער ווייט פון דעפּאָ, נעכטן האָבן מיר, צוליב דעם שטורם, נישט געקאָנט גיין. היינט—ווידער. אַ פאַרפאַלענע האָפנונג,—ווילסאָן און בויער ווילן גיין צום דעפּאָ, כּדי צו באַקומען אייל פאַר דער ברענמאַשינקע.

22 און 23 מערץ. דער שטורם בושעוועט כּסדר און ווילסאָן און

איער האָבן נישט געקאָנט זיך לאָזן אין וועג אריין. מאָרגן איז די לעצטע מעגלאַכקייט. די ברענמאַשינקע וועט אפשר ווירקן נאָך איינמאָל, שפּייז האָבן מיר העכסטנס אויף צוויי טעג,—אונ-זער סוף איז געקומען. מיר האָבן באַשלאָסן צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלאַכן טויט. מיר וועלן מאַרשירן צום דעפּאָ מיט אונזערע זאַכן אָדער אָן זיי און אַזוי לאַנג גיין, ביז מיר וועלן פאַלן טויט אין וועג.

פרײטאָג, 29 מערץ, זינט 21-טן האָט דער שטורם געבושעוועט כסדר, ער האָט געבלאָזן פון דרום-מערב. יעדן טאָג זיינען מיר געווען גרייט צו גיין צום דעפּאָ, זיך ווי עס איז אַדורכ-צעשלאָגן די צוואַנציק קילאָמעטער. אָבער אין דרויסן האָבן גע-קערט הימל און ערד און מיר וואָלטן סיי-ווי-סיי נישט געפינען דעם וועג. איצט איז שוין די גאַנצע האָפנונג פאַרלאָרן, אָבער מיר וועלן אויסהאַלטן ביזן סוף, דער טויט איז שוין נישט ווייט. עס איז שווער און שלעכט און איך גלויב נישט, אַז איך וועל נאָך קאָנען ווייטער שרייבן.

ר. שקאָט.

ביי גאָט—זאָרגט פאַר אונזערע פאַריתומטע!

---

אין אַכט חדשים אַרום האָט מען געפונען די פאַראומגליקטע. ווילסאָן און בויער זיינען געלעגן אין זייערע שלאָפזעק, דעם קאָפּ איינגעטוליעט אין די זעק.

שקאָט איז, משמעות, געשטאָרבן דער לעצטער. ער האָט געהאַט אויפגעריסן זיין פאַרמאַכטן שלאָפזאַק און זיין ראָק. דער קליי-נער זעקל מיט זיינע טאָגבילכער איז אים געלעגן צוקאָפּנס און אונטערן אַקסל, און מיטן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַרומגענומען דעם דר. ווילסאָן.

ביי די טאָגבילכער זיינען געווען פיל בריף—רירנדיקע זעגנבריף צו זיין פרוי און פיל פריינט און אַ טיף רירנדיקער טרייסט-

בריף צו די אלמנות פון זיינע אומגעקומענע חברים. אויף דער ערשטער זייט פון זיין טאָגבוך שטייט די בקשה:
„שיקט עס דעם טאָגבוך צו מיין פרוי!"

„ר. שקאָט".

דאָס וואָרט פרוי איז דערנאָך אויסגעשטריכן געוואָרן דורך ר. שקאָטן און אויבן אָנגעשריבן געוואָרן דאָס וואָרט „אלמנה"